63.3 (2=6Евр) 614-361
Э-464

ישראל עמיאָט

# דער בירָאָבידזשאַנער ענין

(כראָניק פֿון אַ גרויליקער צייט)

ישראל עמיאָט

דער ביראָבידזשאַנער ענין

איבערדרוקן אָן דער דערלויבעניש פון מחבר
— פאַרבאָטן.

ניו־יאָרק 1960.

63.3(2=6Евр)614-361
Э552

ישראל עמיאָט

# דער ביראָבידזשאַנער ענין

(כראָניק פון אַ גרוויליקער צייט)

. . . און דיין לעבן וועט דיר הענגען
אַנטקעגן און וועסט אַנגסטן טאָג און נאַכט
און ניט זיין זיכער מיט דיין לעבן..
(תוכחה דברים, כי תבוא כ״ח ס״ו)

12866-нац.

•

Биробиджанская областная
научная библиотека
им. Шолом-Алейхема
СЕКТОР НАЦИОНАЛЬНО-
КРАЕВЕДЧЕСКОЙ ЛИТЕРАТУРЫ

פאַרלאַג שלמה באָגאָראָד
ראָטשעסטער, נ. י.
הויפּט-פאַרקויף: ציקאָ-ביכער פאַרלאַג

**ISRAEL EMIOT**

# THE BIROBIDJAN CASE

*. . . and thy life shall*
*in doubt before thee;*
*and thou shalt have no*
*assurance of thy life.*
DEUTERNOMY, 28.66

All Rights Reserved

1960

Published by
**SOL BOGORAD**
317 LYNN DRIVE
Rochester 22, N. Y.

Available at
**"CYCO" Bicher Farlag**
25 East 78th Street, New York 21, N. Y.

***

„דער בירעבידזשאַנער ענין", אַ „דיעלאָ" פאַר וועלכן מען משפּט, אַזאַ איז דער טראַגישער סך־הכל פון אַ חלום וואָס האָט אין געוויסע פעריאָדן געגערט אַ סך מוחות.

די קאַפּיטלען וואָס גייען אַריין אינעם בוך, זיינען כמעט אַלע געדרוקט געוואָרן אין טעגלעכע פאַרזעצונגען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", פונעם 7טן פעברואַר ביזן 15טן אַפּריל 1959.

איך גיב עס איצט איבער דעם לייענער, נאָך אַ געוויסער באַאַרבעטונג, אין בוך־פאָרם.

די שורות ווערן געשריבן אין אַ צייט, ווען עס ווערן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אין דער געשיכטע, פאַר אַ וועלט פון שלום און דעמאָקראַטיע, פאַר אַ וועלט, אין וועלכער עס זאָלן זיך נישט קענען מער איבערחזרן נישט די היטלער-גרוילן, וואָס האָבן פּאַרטיליקט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און נישט ווייניק מיליאָנען פון דער מענטשהייט, אָבער אויך נישט די שרעק, דער שוידער פון יענער מדינה, פון יענעם ס י ס ט ע ם, וואָס האָט דערפירט צו די געשעענישן וועלכע ווערן אינעם בוך געשילדערט.

אויב דאָס בוך וועט כאָטש מיט עפּעס מיטווירקן ווי אַ וואָרנונג, ווי אַ דערמאָנונג, האָט דער מחבר זיין אייגנטלעכן ציל דערגרייכט.

עס איז אַ כראָניק פון געשעענישן. דער מחבר איז נישט אויסן געווען קיין קונסט און אפילו נישט קיין שיין שרייבן.

נישט איינמאָל האָב איך ביים שרייבן נישט געקענט פאַרלויפן דאָס צו שנעל שלאָגנדיק האַרץ, ביים דערמאָנען זיך מיינע איבערלעבונגען, — זאָל דער לייענער מוחל זיין פאַר דער געוויסער איילקייט.

איך דאַנק האַרציק הלל ראָגאָף, הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", דעם טייערן און וואַרעמען אידן, ווי אויך ד"ר ל. פאָגעלמאַן, פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, פאַר זייער וואַרעמער און זעלטן פריינטלעכער באַציאונג וואָס זיי האָבן צו מיר אַרויסגעוויזן, ביי מיין אָנקומען קיין אַמעריקע.

כ'דריק אויס מיין דאַנק די פריינט, דעם באַרימטן יידישן דיכטער און עסייאיסט מלך ראַוויטש און דעם זשורנאַליסט, דעם מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" י. שמולעוויטש, פאַרן דערמוטיקן מיך אין מינוטן ווען כ'האָב עס באַדאַרפט.

אַ האַרציקן דאַנק דעם איבערגעגעבענעם פריינט פון יידישן וואָרט, דעם פלאַמיקן פאַטריאָט פון דער יידישער קולטור, שלמה באָגאָראָד, וויצע־פאָרזיצער פון יידישן קולטור־קאָונסיל אין ראָטשעסטער, וואָס האָט געדעקט די פולע הוצאות פון דער אויסגאַבע.

מיין ברודערלעכן גרוס מיינע נאָענטסטע, האַרציקסטע פריינט, דעם באַקאַנטן שרייבער יוסף אָקרוטני און זיין פרוי אסתר אין בוענאָס איירעס, וואָס האָבן מיך אין די שווערסטע מאָמענטן נישט פאַרגעסן.

ראָטשעסטער - ניו־יאָרק, יאַנואַר 1960 — דער מחבר

# איך פאָר קיין ביראָ־בידזשאַן

אין פעברואַר 1944 בין איך, ווי אַ ריי אַנדערע יידישע שרייבער, אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע אויפן מיטינג פון „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט”, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן די רציחות פון היטלעריזם אויפן יידישן פאָלק.

איך בין דאַן געווען אין אַלמאַ־אַטאַ — די הויפּט־שטאָט פון קאַזאַכסטאַן — צוזאַמען מיט אַ גרופּע עוואַקואירטע יידישע שרייבער. אַלע האָבן מיר אין די שווערע מלחמה־יאָרן געליטן נויט, אָבער ניט אויפגעהערט צו שרייבן. איך האָב אויסער לידער אויך געשריבן קאָרעספּאָנדענצן וועגן לעבן פון די עוואַקואירטע יידן אין קאַזאַכסטאַן. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורכן „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט” אין מאָסקווע פאַר אויסלענדישע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, מיט וועלכע דער קאָמיטעט איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט.

מיינע קאָרעספּאָנדענצן זיינען ווייזט ווייזט אויס געפעלן געוואָרן, ווייל אין מאָסקווע האָט מען ביי מיין קומען אַרויסגערוקט מיין קאַנדידאַטור פאַר אַ שטענדיקן קאָרעספּאָנדענט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָ־בידזשאַן.

אויפן פלענום פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט איז דעמאָלט געשטאַנען די פראַגע, וועגן אָפּגעבן קרים פאַר אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט. די דאָזיקע אידעע האָט אַמאָל פאַרטיידיקט לאַרין (לוריע), וואָס איז אין זיין צייט געווען איינער פון די סאָוועטישע גדולים. סטאַלין איז אָבער געווען איינער פון די אַנטשיידנדיקסטע קעגנער פון אָפּגעבן יידן קרים; ער האָט מורא געהאַט, אַז יידן וועלן אין אַ צייט פון מלחמה ניט זיין קיין געטרייע „שטאַנדהאַפטיקער עלעמענט”. אין איינעם פון זיינע לעצטע אינטערוויוען האָט ניקיטאַ כרושטשעוו אָפן מודה געווען, אַז ער האָט אין יענער צייט אונטערשטיצט סטאַלינס שטאַנדפּונקט.

אין דעם דאָזיקן אַריינפיר צו מיין סעריע, בין איך ניט אויסן צו פירן וויכוחים. איך וויל בלויז פעסטשטעלן פאַקטן. דער געדאַנק פון קרים איז דורכגעפאַלן. אינטערעסאַנט: אויפן פלענום פון „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט” זיינען געווען פאָרשטייער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועלכע האָבן געזען גראָד איצט אַ שעת הכושר צו אַנטוויקלען ביראָ־בידזשאַן נאָך אַלע דורכפאַלן. עס איז אַוועק פון זיי אַ דעלעגאַציע צו קאַלינינען, און קאַלינין האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע. ווי באַוואוסט, איז קאַלינין געווען אַן אַלטער אָנהענגער פון דער

יידישער אויטאָנאָמער געגנט און געזען אין איר נישט בלויז אַ באַזע פֿאַר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, נאָר אַן אָרט וואו עס קאָן פֿאַרזיכערט ווערן די צוקונפֿט פֿון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

די פֿאָרשטייער פֿון ביראָ־בידזשאַן, מיט וועלכע איך האָב געוווינט אין איין צימער אינעם האָטעל „מאָסקוואַ״, האָבן מיך אַגיטירט איך זאָל מיט זיי מיטפֿאָרן העלפֿן טאָן קולטור־אַרבעט. זיי האָבן מיר געגעבן די בראָשור, אַ רעדע פֿון מיכאַאיל קאַלינין, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין 1926 אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון „געזערד״, און איך בין באַגייסטערט געוואָרן פֿונעם פּאַטאָס, וואָס האָט געאָטעמט פֿון אָט דער רעדע. דער פֿאָרזיצער פֿונעם סאָוועטישן אויבער־ראַט, קאַלינין, האָט אָפֿן גערעדט וועגן דעם, אַז ביראָ־בידזשאַן דאַרף ווערן אַ יידישע רעפּובליק. דאָרט, הייסט עס, וועלן יידן, זייענדיק אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע, קענען אַנטוויקלען אַ מלוכהשאַפֿט און פֿאַרהיטן זייער נאַציאָנאַלע קולטור.

איך האָב זיך אָן דער דאָזיקער אידייע אָנגעכאַפּט טראָץ דעם, וואָס איליאַ ערענבורג האָט נאָך דעמאָלט אויפֿן פּלענום געשטורעמט:

— איר ווילט מאַכן אַ פֿרישע געטאָ!

לייב קוויטקאָ, אהרן קושניראָוו, דוד בערגעלסאָן און אַנדערע יידישע שרייבער אין מאָסקווע מיט וועמען איך בין געקומען אין קאָנטאַקט, האָבן מיר אַ סך ברכות געגעבן אויפֿן וועג און באַגריסט מיין פֿאָרן. בערגעלסאָן איז אַליין געווען איבער אַ יאָר אין דער געגנט און האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי נאָוועלן און שפּעטער אפֿילו אַ ראָמאַן; ער האָט זייער גוט געקענט די געגנט און זיך באַגייסטערט מיט איר נאַטור־שיינקייט און רייכע אוצרות. ער האָט צו מיר געזאָגט:

— פֿאַר אַ יידישן שרייבער, אַ דיכטער, איז דאָרט פֿאַראַן אַ קוואַל פֿון באַגייסטערונג.

פּרץ מאַרקיש האָט מיר שפּעטער — ווען איך בין שוין געווען אין דער געגנט — אַ סך מאָל געשריבן, מיך געמוטיקט, צוגעבנדיק דערביי, אַז ווען ער זאָל ניט זיין אַזוי פֿאַרבונדן מיט מאָסקווע, וואָלט ער אַליין געקומען קיין ביראָ־בידזשאַן. אָבער אין 1944, ערב מיין פֿאָרן, איז ער ניט געווען אַזוי באַגייסטערט פֿון דער גאַנצער זאַך:

— צו וואָס זיך אויסרייסן אַזוי וויט?

דאָך האָט ער, אויף זיין שטייגער, פֿון שטענדיק וועלן אַרויסהעלפֿן אַ חבר מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט, מיר מיטגעהאָלפֿן דורך אַ רוסישן שרייבער. ער האָט פֿאַר מיר באַקומען, פֿון ליטעראַרישן פֿאָנד ביי די שרייבער, אַ געוויסע סומע אויפֿן וועג. דער פֿאָרזיצער פֿון סאָוועטישן אינפֿאָרמביוראָ, וויצע־אויסערן־מיניסטער לאָזאָווסקי (וועלכער האָט געהאַט די אויפֿזיכט איבער דעם יידישן און אַלע אַנדערע אַנטיפֿאַשיסטישע קאָמיטעטן אין לאַנד), האָט דורך מיכאָעלסן זיך אָפֿיציעל אָפּגעזאָגט מיר צו דערלויבן פֿאָרן ווי אַ קאָרעספּאָנדענט קיין ביראָ־בידזשאַן. ווייל: איך בין נישט קיין פּאַרטייער און דערצו נאָך אַ געקומענער פֿון פּוילן. דער

אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט האָט דעריבער ניט געקענט אָפיציעל סוב־סידירן מיין פאָרן. איך האָב באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן אויפן ווייטן מזרח, מיט דער הילף פון אַ באַקאַנטן סאָוועטישן שרייבער. דער ענערגישער, שטענדיק הילפס־גרייטער און האַרציקער פריינד פון יידישע שרייבער — בפרט עוואַקואירטע — פּרץ מאַרקיש, האָט שוין געהאָט זיינע וועגן ווי צו באַקומען הילף.

איך קען ביז היינט ניט פאַרגעסן דעם פאַקט, ווי אַזוי איך בין געקומען מיט מאַרקישעס אַ צעטל צו פאַדעיעוון, דעם באַקאַנטן רוסישן שרייבער, וועלכער איז שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פאַדעיעוו האָט מיך האַר־ציק אויפגענומען און אַ פרעג געטאָן:

— איר קענט מאַרקישן?

— וואָס הייסט צי איך קען אים? אָט האָב איך דאָך איך געבראַכט אַ צעטל פון אים!

— איך פרעג אייך, צי קענט איר עפּעס פון זיינע לידער אויף אויס־ווייניק?

איך האָב מיך פאַרשעמט, כ׳האָב ניט געדענקט גאָרנישט פון מאַרקישעס לידער.

— און איך, זעט איר, געדענק אַ סך מאַרקישעס לידער אויף אויס־ווייניק! און ער האָט פאַר מיר גענומען ציטירן אַ פראַגמענט פון מאַר־קישעס אַ פּאָעמע.

מיינע באַגעגענישן מיט די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ באַזונדערער אַרבעט, וואָס וועט — לאָמיר האָפן — געטאָן ווערן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין שטאָט בירא־בידזשאַן, אין יולי 1944, איז דער צושטאַנד פון דער יידישער קולטור געווען אַ גענוג קלאָגעדיקער. די יידישע צייטונג דער „ביראָ־בידזשאַנער שטערן״ איז אין דער צייט פון דער מלחמה ליקווידירט געוואָרן. ס׳איז דערשינען בלויז די רוסישע צייטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״ וואָס האָט נאָר פון צייט צו צייט געגעבן אַ יידישע זייט. דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן: אין דער דרוקעריי זיינען געשטאַנען פולע קאַסטנס מיט יידישן שריפט, ס׳האָבן זיך אַרומ־געדרייט ערשטקלאַסיקע יידישע זעצער, אָבער קיין יידישע צייטונג איז נישט דערשינען!

דאָס יידישע טעאַטער איז יאָ געווען טעטיק. מ׳האָט געשפּילט גאָלד־פאַדענס „די כשופמאַכערין״, גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״ און אַ ריי אַנדערע פּיעסן פון קלאַסישן יידישן, רוסישן און אויסלענדישן רעפּערטואַר. פאַר־באַהאַלטענערהייד האָבן יידן דערמאָנט און זיך פאַסמאַקעוועט פון משה קולבאַקס „בויטרע גזלן״, וועלכן דער טעאַטער האָט געשפּילט 50 מאָל מיט דערפאָלג ביז קולבאַק איז אַרעסטירט געוואָרן.

ס׳האָט נאָך עקזיסטירט איין יידישע מיטלשול און ס׳איז געווען אַ נחת צו הערן, ווי יידישע קינדער האָבן מיט אַזאַ התלהבות דעקלאַמירט מענדעלען,

פּרצן, שלום עליכמען, בערגעלסאָגען, האָפּשטיינען און אַנדערע יידישע שרייבער. אמת, די אָפיציעלע שפּראַך פון דער געגנט איז שוין ניט געווען יידיש, ווי אין 1936, ווען דאָס יידישע לשון האָט געקלונגען אין געריכט, פּאָליציי, שטאָט־פאַרוואַלטונג און אַלע אַנדערע אַנשטאַלטן. די פּעדאַגאָגישע שול, וואָס האָט ביז 1937 געהאַט אַ יידישע אָפּטיילונג, וואָס האָט אַרויס־געגעבן יידישע לערער פאַר אַנפאַנגס־שולן, איז שוין אַצינד אויך געווען ליקווידירט. אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג.

שוין אין אָנהייב 1945 האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „ביראָ־בידזשאַנער שטערן". די ערשטע פאַר חדשים — איין מאָל און צוויי מאָל אין וואָך, און שפּעטער — 3 און 4 מאָל אַ וואָך. אין 1946 האָט אָנ־געהויבן דערשיינען אַן אַלמאַנאַך אין יידיש וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ביראָבידזשאַן".

אויך אין ביראָ־בידזשאַנער יידישן טעאַטער איז געוואָרן לעבעדיקער. פאַרן טעאַטער האָבן געגרייט פּיעסן אַ צאָל אָרטיקע שרייבער. מען האָט אַראָפּגעבראַכט דעם באַקאַנטן אַרטיסט און רעזשיסאָר פון דער „ווילנער טרופּע" אַלעקס שטיין, וועלכער האָט זייער פיל געגעבן דעם ביראָ־בידזשאַנער יידישן טעאַטער מיט זיין פּרעכטיקער רעזשי און קולטור. מ'האָט אַנגאַזשירט אַ ריי נייע אַרטיסטן און די אַנפירונג פון דער געגנט האָט אפילו אויסגעפּועלט ביים פאַרוואַלטער פון די קאַלימער לאַגערן *), גענעראַל ניקישאָוו, מען זאָל באַפרייען פון פאַרשיקונג איינעם אַ טאַלאַנטפולן יידישן אַרטיסט, וועלכער איז דאָרט פאַרשיקט געוואָרן נאָך אין 1938, בעת דער אַזוי גערופענער „יעזשאָווושטשינע". ס'איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער געגנטלעכער מוזיי, וועלכער האָט אויסער לאַנדקענטעניש אויך געהאַט אַ ריי גענוג אינטערעסאַנטע יידישע מאַטעריאַלן און עקספּאָנאַטן. ס'זיינען אָנגעקומען אין דער געגנט אַ צאָל יידישע שרייבער, מאָלער, וויסנשאַפטלער, און מען האָט אפילו פּלאַנירט צו עפענען אַ יידישע הויך־שול.

אָבער די יידישע באַפעלקערונג איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ קליינע. ביים סוף פון די מלחמה־יאָרן האָבן יידן אין ביראָ־בידזשאַן באַטראָפן ניט מער ווי אַ 25 טויזנט, ביי דער אַלגעמיינער צאָל פון איבער 100.000 איינוואוינער.

*) קאָלימאַ — אַ טרויעריק־באַרימטער פאַרשיקונגס אָרט אויף צפון, לעבן בערינג־איינגוס.

# די אויפֿלעבונג וואָס איז שנעל צערונען

עוואַקואירטע יידן פֿון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און פּוילן זיינען געקומען קיין ביראָבידזשאַן זייער ווייניק. ס׳האָט אָפּגעשראָקן די האַרבע לעקציע פֿון די שרעקלעכע יאָרן פֿון 1937־1938, בעת דאָס רוב איבערוואַנדערער פֿון אויסלאַנד זיינען אַרעסטירט און שפּעטער ליקווידירט געוואָרן, און מיט זיי אויך אַ סך אָרטיקע יידן.

אָבער אין ביראָ־בידזשאַן האָט מען דאָך, נישט געקוקט אויף אַלץ, זיך געפֿילט „אין דער היים". ס׳איז ניט קיין סוד, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויף אַ שוידערלעכן אופֿן געבושעוועט אומעטום וואו נאָר ס׳האָט געגרייכט די דייטשע אָקופּאַציע. די אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן ביז דער מלחמה מורא געהאַט און פֿאַרבאַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע זייערע אינסטינקטן, האָבן באַקומען לשון, ספּעציעל אין אוקראַינע. אָבער אין בירא־בידזשאַן איז געווען אַנדערש. געדענק איך אַ סצענע, ווי בעת איינער אַזאַ פֿאַרשוין — אַ געקומענער פֿון אוקראַינע — האָט אַ שיכורער אַ געשריי געטאָן אין גאַס "בעי זשידאָוו!" (שלאָג יידן!) און עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿון אַלע ווינקעלעך די מלחמה־אינוואַלידן, מען האָט דעם חברה־מאַן אויסגעטאָן די קליידער אין מיטן גאַס און אים אַזוי אַריינגעצימבלט, אַז יענער האָט אויפֿגעהויבן די הענט און געשריען:

— „לובלו יעווריעיעוו!" — איך האָב ליב יידן! דאָס קלינגט ווי אַן אַנעקדאָט, אָבער עס איז אַ פֿאַקט. בירא־בידזשאַנער תושבים, דאָרט אויפֿגעוואַקסענע אָדער איינגעוואַנדערטע יידן, פֿלעגן נישט זשאַלעווען קיין קלעפּ פֿאַר אַן אַנטיסעמיטיש זידל־וואָרט.

שפּעטער איז דערשינען אַ רעגירונגס־דעקרעט וועגן פֿרייוויליקער איבערוואַנדערונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון אוקראַינע קיין בירא־בידזשאַן.

די טעלעגראַמעס וועגן דער איבערוואַנדערונג האָב איך געלייענט, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט, אין דעם געגנטלעכן אויספֿיר־קאָמיטעט. די טעלע־גראַמעס זיינען אונטערגעשריבן געווען דורך סטאַלינען אָדער דורך מאַלענ־קאָוון, וועלכער איז צו יענער צייט געווען סטאַלינס רעכטע האַנט. די איבער־וואַנדערונג איז געגאַנגען על חשבון פֿון דער רעגירונג. באַנען האָבן געפֿירט אומזיסט. אויף יעדן קאָפּ פֿון די איבערוואַנדערער איז באַשטימט געווען 300 רובל. אויסער דעם האָט יעדער איבערוואַנדערער געקאָנט באַקומען צען טויזנט רובל אַ הלוואה אויף 10 יאָר, אויף איינצוקויפֿן אינווענטאַר ביים באַזעצן זיך אויפֿן לאַנד.

עס האָבן דאַן איבערגעוואַנדערט אַ צען טויזנט יידישע פֿאַמיליעס פֿון אוקראַינע. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז געווען אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער. דער ווייט־גרעסטער טייל איז געווען זייער אַ נוצלעכער עלעמענט; זייער אַ סך אויסגעצייכנטע בעלי־מלאכות און מייסטערס פֿון דער שווער־אינדוס־

טריע, אינזשיניערן, דאָקטוירים, לערער און אַלטע, דערפאַרענע פאַרמערס, הויכע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך מיט גרויס מי קוים באַפרייט פון זייערע שטעלעס אין אוקראַינע. צווישן זיי, דער דירעקטאָר פון באַרימטן כערסאָנער עלעוואַטאָר. דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר איז באַשטאַנען צו אַרבעטן אין בירא־בידזשאַן, צווישן יידן, ווי אַ פאַרוואַלטער פון אַ ראַיאָנעם ערד־אָפּטייל („ראַיזעמאָטדעל״), ווי אָנצופירן מיטן גרויסן צענטראַלן ברויט־שפּייכלער פון אוקראַינע. און פונקט אַזוי האָבן גע־האַנדלט אַ ריי אַנדערע חשובע און אויסערסט־פּייאיקע יידן.

תושבים פון בירא־בידזשאַן פלעגן זאָגן, אַז אַזאַ אויפלעבונג, אַזוי פיל יידיש רעדן אין די גאַסן, געדענקען זיי ניט זינט 1936. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע פון עפענען אַ גאַנצע ריי יידישע אָנפאַנגס־שולן איבער דער געגנט, וואו אַ גרויסע צאָל איבערוואַנדערער האָבן זיך באַזעצט.

יעדע געגנט אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך, ווי באַקאַנט איר יערלעכן עקאָנאָמישן פּלאַן, וואָס איז איינגעשלאָסן אינעם פּלאַן פון דעם קאַנט, פון דער רעפּובליק אין וועלכער עס געפינט זיך און פונעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד.

אויסער די אַלגעמיינע מלוכהשע סובסידיעס אויף דער בויאונג האָט די געגנט באַקומען אַ סך הילף פון אַמעריקאַנער יידן. עס זיינען אָנגעקומען נישט נאָר בלויז קליידער און עסנוואַרג, נאָר אויך גאַנצע פאַבריק־אויס־שטאַטונגען, עלעקטראָ־סטאַנציעס, דיזל־מאָטאָרן, פאַרשיידענע מאַשינען, מעכאַנישע זעגן, סטאַנדאַרט־הייזער, (פון אַזאַ פאַרטיע האָלענדישע הייזער, וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן איינגעקויפט, האָט זיך געבויט אין דער זייט פון בירא־בידזשאַן אַ באַזונדער גאַס). דער „לענד־ליס״ האָט זיך שוין לאַנג געהאַט פאַרענדיקט, אָבער די אַמעריקאַנער יידן האָבן ניט אויפגעהערט צו שיקן זייערע געשאַנקען פאַר בירא־בידזשאַן ווי פאַר סטאַלינגראַד (די אַמערסטן געליטענע שטאָט אין דער צייט פון דער מלחמה).

די שטאָט בירא־בידזשאַן, צוזאַמען מיט אירע פאַרשטעטלעך, האָט שוין דעמאָלט געציילט ווייט אַריבער 40 טויזנט איינוואוינער. ווער עס קאָן די אָפּגעלאָזענע שטעטלעך פון ווייטן מזרח, מוז מודה זיין, אַז בירא־בידזשאַן איז לויט איר פּלאַנירטער סימעטרישער בויאונג, הערלעכער באַגרינטקייט און אַספאַלטירטע גאַסן, איינע פון די שענסטע שטעט אויפן ווייטן מזרח. דער בירא־בידזשאַנער געגנטלעכער שפּיטאָל האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט. זיינע דאָקטוירים זיינען געווען מערסטנס יידן, גרויסע ספּעציאַליסטן. איבערהויפּט האָבן זיך אויסגעצייכנט דער הויפּט־דאָקטאָר מיצנהענדלער און דער כירורג ראַבינאָוויטש. ס'איז אַ שפּיטאָל מיט עטלעכע הונדערט בעטן. שפּעטער איז צוגעבויט געוואָרן אַ גרויסע אָפּטיילונג פאַר קימפּעטאָרינס.

אויסער אַ צענדליק אַרטעלן האָט די שטאָט אויך פאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי פאַבריקן פון לייכטער און שווערער אינדוסטריע: ניי־פאַבריקן, אַ וועבעריי־קאָמבינאַט, אַ וועגענער־זאַוואָד, שטריקעריי־פאַבריקן, אַ גרויסע מעכאַנישע שוך־פאַבריק און פאַבריקן פון שפּייז־פּראָדוקטן.

דער יידישער כאַראַקטער פון אָט דעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון בירא־בידזשאַן, האָט זיך אָבער געענדערט אין 1948 יאָר.

עקאָנאָמיש האָט זיך די געגנט ווייטער אַנטוויקלט לויט איר פּלאַן, אָבער שוין נישט ווי אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט, נאָר ווי אַ געגנט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט.

די טעטיקייט פון די יידישע קולטוראַנשטאַלטן איז מיט אַ באַזונדערער שנעלקייט איבערגעריסן געוואָרן. פונעם גרויסן בירא־בידזשאַנער יידישן טעאַטער איז געוואָרן אַ פּיאָנערן־הויז און די אַרטיסטן זיינען זיך צעלאָפן איבערן גרויסן ראַטנפאַרבאַנד פאַר שרעק, אַז מען זאָל זיי ניט אַרעסטירן. די אָנפירשאַפט פון דער געגנט, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל קולטור־טוער און אייניקע יידישע שרייבער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די גאַנצע טעטיקייט אין דער געגנט פאַרן פעריאָד פון 1945־1948 איז דערקלערט געוואָרן פאַר „נאַציאָנאַליסטיש״.

איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין בירא־בידזשאַן, אָבער געמשפּט האָט מען מיר אונטער די אויגן אין מאָסקווע און געגעבן אַ „מיטעלע״ שטראָף בלויז פון 10 יאָר פּאַרמאַכטן אַרבעטס־לאַגער אין מזרח־סיביר, אַנשטאָט די 25 יאָר אָדער טויט־שטראָף וואָס מיר האָט דערביי געדראָט.

אויסערן חטא פון זיין אַ קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווער „יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט״ האָט מען מיך באַשולדיקט אין „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט״ און אין „דירעקטער פאַרבינדונג מיטן „בירעבידזשאַנער ענין״.

## אין טורמע

דער קלאַפּ, דער קלאַפּ, דער טויבער קלאַפּ... אַזאַ גרויזאַמער קלאַפּ. ווי פון דער שווערער אייזערנער תפיסה־טיר איז מיר געוועזן באַקאַנט פון וואַרשע, פון מיינע יוגנט־יאָרן.

ס'איז געוועזן אויף דער פּאַוויע־גאַס, אין אַ הויף וואו איך האָב געוואוינט ביי מיין פעטער און געלערנט אין אַ וואַרשעווער ישיבה. איינער האָט זיך דאַן אַראָפּגעוואָרפן פון פינפטן שטאָק. איך האָב שפּעטער געזען אַ קאַלוזשע בלוט, דאָס געזעמל מענטשן, אָבער נאָך מער פון אַלץ איז מיר געבליבן אין מיין זכרון דער שוידערלעכער קלאַפּ פון זיין קערפּער אינעם הויף־אַספאַלט.

שוין עטלעכע חדשים פאַרן אַרעסט בין איך אַרומגעגאַנגען און זיך געריכט, אַז אָט־אָט וועט מען מיך אַרעסטירן. ניט אומזיסט בין איך דאָך געוואָרן באַפרייט פון דער אַרבעט און יעדע נייע אַרבעט, אפילו פיזישע איז מיר שווער צו באַקומען.

יעדע נאַכט לייגסטו זיך, און אפילו אין שלאָף איז דער אויער אַזוי עמפּפינדלעך צו יעדן גערויש: עמיץ גייט! מען קומט נאָך דיר! איך האָב זיך אַרומגעדרייט אויף די גאַסן פון בירא־בידזשאַן און בין מקנא געווען

דער פּאַרקויפערין פון אויבסט אויפן מאַרק: איר איז גוט, איר וועט מען ניט נעמען. איך בין אַרומגעגאַנגען און מיטן בליק זיך געזעגנט יעדן טאָג מיטן וואונדערלעכן פּאַרק, וואָס איז ווי אַן אינדזעלע אַריינגעשניטן אינעם טייך בירא. נאָכאַמאָל זיך אַנטציקט פון די בריקלעך, וואָס לויפן איבער די וואַסער־שטראָמען און פאַרגליכן זיי צו די מאָלערייען פון פאָלענאָוון — אַ גרויסער רוסישער מייסטער צו מאָלן אַזעלכע בריקן איבער טייכן, וואו בוימער שפּיגלען זיך אין וואַסער און די נשמה פון דער וועלט דרימלט אין זיי...

איך האָב זיך הונדערטער מאָל געזעגנט מיט דער באַרימטער בירא־בידזשאַנער סאָפּקע, דעם באַרג, פון וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך די גאַנצע שטאָט ווי אויף דער האַנט. דאָרט פלעג איך ניט איינמאָל קלעטערן אַרויף אויפן סאָמע שפּיץ און באַוואונדערן די שטאָט וואָס איז געבויט געוואָרן פון יידישע הענט. ווען דו ביסט אַהער געקומען איז שוין די טייגע געווען ווייט אָפּגערוקט. האָסט זיך געגרויסט מיט דער מי פון יידישע האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן אויסגעקאָרטשעוועט די טייגע און אויפגעבויט אַ שטאָט — איינע פון די שענסטע אויפן ווייטן מזרח.

און ס׳איז דאָך ערשט ניט לאַנג געווען — 1947.

...עשאַלאָנען מיט נייע איבערוואַנדערער זיינען געקומען. יובל פון מאַסן אויף די וואָקזאַלן, און די „פּיאָנערן״־אַטריאַדן פון שטאָט באַוואָרפן די צוגן מיט בלומען. אַלע אָרקעסטערס, וואָס זיינען געווען אין דער געגנט, זיינען געקומען צו דער שמחה און געשפּילט יידישע ניגונים. אין די אויגן פון די איבערוואַנדערער זיינען געווען טרערן. מען קוואַרטירט איין די אָנגעקומענע יידן אין באַראַקן, אין הייזער, מען טאַנצט אין די גאַסן פון פרייד, וואָס יידן מיט יידן האָבן זיך באַגעגנט. יידישע שרייבער לייענען פאַר די נייע איבערוואַנדערער זייערע שאַפונגען.

מיט איינעם פון די עשאַלאָנען איז מיטגעקומען דער באַרימטער יידישער שרייבער דער נסתר. ער האָט געגלויבט, אַז ראַטעווען די יידישע קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד פון אונטערגאַנג קען מען נאָר, ווען יידן וועלן זיך קאָנצענטרירן צוזאַמען אין אַן אויטאָנאָמער געגנט. איך געדענק זיין וואונדערלעך געשטאַלט, זיינע ווייכע און שטילע תנועות, זיינע פליס־טערנדיקע רייד, ווי עפּעס אַ תפילה, רייד פון עפּעס אַן אַמאָליקן צדיק.

און מיטאַמאָל — ווי אַ שוואַרצע געהיימע האַנט וואָלט פרייטאָג צו־נאַכטס די שויבן אויסגעבראָכן און אַ ווינט בלאָזט און לעשט אויס דער מאַמעס ליכט אין די שבת־לייכטער. גרוסן פון מאָסקווע זיינען געקומען — איינע פינצטערער פון דער אַנדערער: דער „יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט״ איז פאַרמאַכט! דער פאַרלאַג „אמת״ און דאָס יידישע טעאַטער — געשלאָסן! די „אייניקייט״, די איינציקע יידישע צייטונג עקזיסטירט נישט מער! יידישע שרייבער זיינען אַרעסטירט! די רוסישע צייטונגען זיינען פול מיט צווידייטיקע אָנצוהערענישן וועגן יידן. ביי פּראָפעסאָרן און שרייבער מיט רוסישע פאַמיליע־נעמען, ווערן צוגעגעבן זייערע יידישע

נעמען, בעת מען קריטיקירט זיי פאַר „קאָסמאָפּאָליטיזם", עפּעס ווי דאָ וואָלט געגאַנגען אין אַ פאַרשווערונג פון גאַנצן יידישן פאָלק.

דער סאַטראַפּ בעריאַ האָט אין ביראָ־בידזשאַן געהאַט זיין רעכטע האַנט אין דער פּערזאָן פונעם גענעראַל־פּאָלקאָווניק גאָגלידזע, דער שעף פונעם קאָמיטעט פאַר מלוכהשער זיכערקייט (געהיים־פּאָליציי) איבערן ווייטן מזרח. זיין קעניגרייך האָט זיך געצויגן פון שטילן ים אין וולאַדיוואָסטאָק ביז טשיטאַ. גאַנץ אייראָפּע קאָן מען באַהאַלטן אין אָט דער טעריטאָריע. גאָג־לידזע איז גרויזאַם און „אַרבעטזאַם". ער האָט זיינע דעפּאַרטאַמענטן און טורמעס אין יעדער גרויסער שטאָט.

ניט לאַנג צוריק איז ער דאָ געווען, נאָכדעם ווי מען האָט דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און דעם פּאַרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט פּלוצים אַרויס־גערופן קיין מאָסקווע. וואָס הייסט פּלוצים? פון ביראָ־בידזשאַן קיין כאַבאַ־ראָווסק צום פלי־פּלאַץ איז דאָך ניט מער ווי 180 קילאָמעטער, די באַן פאָרט דריי שעה. זיי אָבער האָט מען מיט אַ ספּעציעלער דרוזינע (אויטאָ אויף באַן־רעלסן) אַהין אָפּגעשיקט. מיט זיי האָט איינגעטענהט אַ פּרק מוסר אַ גאַנצע קאָמיסיע מיט מאַלענקאָוון אין דער שפּיץ. זיי זיינען צוריק געקומען מיט „שאַרפע אויסריידן" און מיטן אַריינשרייבן דאָס אַלץ אין זייער „פּער־זענלעכן ענין". באַלד טאַקע נאָכדעם, זיינען פאָרגעקומען מיטינגען אין דער גאַנצער געגנט וואו מען האָט „געטאַדלט" דעם „נאַציאָנאַליזם" פון די אָנפירער און זיי צוגעשריבן ניט געשטויגענע זאַכן.

דער חטא איז געווען, וואָס ביראָ־בידזשאַן האָט צוגענומען אַמעריקאַנער הילף אין דער פאָרם פון מלבושים, שיך, וואָס יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן געשיקט פאַר זייערע ברידער און שוועסטער אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט; דאָס וואָס אין דער געגנט האָט מען אַלץ מער גערעדט וועגן פאַרשטאַרקן די יידישע קולטור; וואָס אין פּלאַן איז געווען אפילו צו גרינדן אַן אוניווערסיטעט אויף דער יידישער שפּראַך; וואָס די יידישע צייטונג האָט געזאָלט פאַרגרעסערט ווערן; וואָס עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער פאַרלאַג; וואָס דער געגנטלעכער מוזיי האָט אויסער לאַנד־קענטעניש באַוויזן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן פאָלק.

די טענה איז געווען: ס'איז אַלץ קינסטלעך. איר ווילט קינסטלעך איינפלאַנצן יידישע קולטור, אין דער צייט ווען דאָס רוב איינוואוינער פון דער געגנט איז ניט קיין יידישע.

דאָס האָבן דערוויל געשריבן די צייטונגען. אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך פון אונדזערע באַשולדיקונגס־אַקטן דערוואוסט וועגן דער טיוואָ־לאָנישער פּראָוואָקאַציע, וואָס בעריאַ מיט זיינע משרתים האָבן פאַרטראַכט צוצוטראָגן אַ לעקעכל סטאַלינען.

אין זיין שטענדיקער מאַניע און משוגעת צו זוכן אומעטום פאַרראַט און שפּיאָנאַזש, האָט סטאַלין נאָר אויסגעצייכנט די יעניקע, וואָס האָבן אים אונטערגעטראָגן די סאַמע פאַרוויקלטסטע און פאַנטאַסטיש־אומגלויבלעכע פּלענער דאָ אויף דעם דאָ אויף יענעם טייל פון דער באַפעלקערונג. אַזעלכע

אויסוואורפן ווי בעריאַ, גאָגלידזע, ריומין, אַוודאָקימאָוו און זייער גלייכן, פֿאַרשוינען וואָס האָבן אין קיין זאַך ניט געגלויבט, סאַדיסטן און סעקסועל אומנאָרמאַלע טיפּן, וואָס האָבן פֿאַר זייערע קרבנות אין די האַרעמס געשלעפּט סטודענטקעס פֿון די אוניווערסיטעטן, האָבן דעם „באַטיושקאַ" (פֿאָטערל) סטאַלין, פֿאַבריצירט די פֿאַנטאַסטישע פּראָוואָקאַציעס. איינע פֿון זיי איז געווען: „אַ פֿאַרשווערונג פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק קעגן סאָוועטנפֿאַרבאַנד".

ס'איז געווען אַ נייער „פּראָטאָקאָל פֿון די זקני ציון". דאָס יידישע פֿאָלק (האָט עס געהייסן) איז אין געהיים פֿאַראייניקט און האָט זיך זיינע פּלענער וואָס זיינען געצילט קעגן דער רעוואָלוציע. בירא־בידזשאַן דאַרף דינען ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פֿון דער גרויסער „פֿאַרשווערונג" פֿון יידישן פֿאָלק.

די אומגלויבלעכע בלבולים זיינען ווייטער אויסגעברייטערט געוואָרן:

די בירא־בידזשאַנער באַזע איז אַ נעסט פֿון שפּיאָנאַזש. דאָס וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין „אַ פּלאַצדאַרם פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רע־אַקציע"... בירא־בידזשאַן וועט לסוף אָפּגעריסן ווערן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און אָפּגעגעבן ווערן צו... אַמעריקע. צו דעם צוועק זיינען עס געקומען געסט פֿון אַמעריקע נאָך דער מלחמה אינעם "יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָ־מיטעט"... זיי האָבן עס געבראַכט די גענויע פּלענער, וועלכע שלמה מיכאָעלעס און איציק פֿעפֿער האָבן באַקומען אין 1943. ווערנדיק ווערבירט פֿון די אַמעריקאַנער אויסשפּיר־אַגענטורן.

דאָס באַווייזן זיך פֿון גאָגלידזען אויף די „ספּאָנטאַנע" מיטינגען איז געווען אַן אָנזאָג, אַז בלויז מיט די „פֿאַרוואורפֿן", וואָס מאַלענקאָוו האָט געמאַכט די אָנפֿירער פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין מאָסקווע, וועט מען ניט אָפּקומען.

און אָט בין איך דאָ.

אין מיין תּפֿיסה־קאַמער.

מסתּמא איינער פֿון אַ סך.

מ'האָט מיך געפֿירט אַהער מיט הויכע טרעפּ און לאַנגע קאָרידאָרן, דורך אַזויפֿיל צימערן און צימערן. מיין ערשטער צימער איז נומער 23, וואָס איז אין דער דער סאַמע הויך און אין דער זייט. ס'איז אַ קאַמער פֿאַר איין מענטשן: אַ בעטל און ווענט, הויכע ווענט און אין איינער אַ וואַנט אויסגעשניטן אַ פֿענצטערל, אַ פֿאַרקראַטעוועט פֿענצטערל, אפֿשר צוויי פֿויסט די ברייט, דורך וועלכן מען זעט גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, בלויז אַ פּיצעלע הימל. אין אַ ווינקל שטייט אַ צוגעדעקטער עמער צו טאָן דיינע באַדערפֿענישן. ס'איז די אויספֿאָרשונגס־טורמע אין גאָגלידזעס קעניגרייך. פֿון אַלע מיינע קליידער בין איך געבליבן אין אַ כאַלאַט מיט אַ ביסל פֿאַפּיראָסן און געציילטע שוועבעלעך אין קעשענע.

פֿאַרן אַריינגיין אַהינצו האָט מען מיך זאָרגפֿעלטיק בודק געווען נאַקעטערהייט, אַפֿילו אין מויל, אין די אויערן, אַפֿילו אין דער אָפּפּיר־קישקע, צי איך האָב ניט מיטגענומען מיט זיך אַ נאָדל, אַ שטיקל גלאָז, אַן

אַמפּולקע ציאַנקאַלי זיך צו פאַרסמען. און געזאָגט האָב איך דאַן צו זיך ווי איוב:

„נאַקעט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין מוטערס לייב, און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין".

## דער ערשטער פאַרהער

דערווייל איז מיר גוט, עס איז שטיל. איך געפין זיך שוין „אויף יענער זייט", ווענט קלאַמערן־איין מיין נשמה אין זיך. די לעצטע יאָרן צעמאַל איך אין מיינע פינגער ווי אַ ווייך געוויקס. איך טראָג מיך איבער אין מיין פאַנטאַזיע צו מיין קינדהייט, צו מיין יוגנט:

...איך לערן ביים גאון ר' מאיר דן פלאָצקי זצ"ל, אַ וועלט־גאון און אַ גרויסער צדיק. און ער איז אַזוי גוט צו מיר. איך בין מיר טובל אין דער שיין פון זיין הייליקייט וואָס שטראַלט אַרויס פון זיין ליכטיק פּנים. און דעם זיידן זע איך, מיין זיידן ר' מרדכי־לייב, ביי וועמען דאָס עסן איז געווען אַן אָפּקומעניש און פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער עוסק געווען אין תורה און חסידות. און איך בין אַ יתומל נאָכן טאַטן, וואָס כ'האָב כמעט ניט גוט געקענט און עס כאָוועט מיך אַ באָבע, וועלכע רעדט צו מיר רייד ווי דער פליגל־פאָך פון דער שכינה.

— — — — — — — — — — — —

דורך דער דיקער וואַנט קלאַפּט עמיצער צו מיר מיט אַזאַ שטילן פינגער־געפּויקעריי, טויבע אַזעלכע און אויסטערלישע ווי „מנא, מנא תקל ופרסין" פאַרן מלך בלשאצר. ערשט אין לאַנגע חדשים אַרום, ווען איך בין שוין ניט געזעסן אַליין, האָב איך מיר אויסגעלערנט די שפּראַך פון דאָזיקן פּויקן אין דער וואַנט און אָפּט זיך איבערגעשמועסט מיט אַרעסטירטע פון דער תפיסה מיט מאָרזע־צייכנס.

איך ענטפער ניט.

איך בין געשפּאַנט און וואַרט אויפן „וואָס ווייטער".

דערווייל עפנט זיך די טיר. דער טורמע־אויפזעער, אַ געלער, אַ דיק־לעכער, מיט אַ רויט־בלוי היטל פון דער מ.ג.ב. (סאָוועטישע געהיים־פּאָליציי). ער רעדט צו מיר אויף דו:

— דאָ ברענג איך דיר אַ ליימענע שיסל, אין דעם וועסטו טרינקען טיי און עסן די שפּייז. שלאָפן בייטאָג טאָר מען ניט. מען טאָר זיך ניט איבערקלאַפּן דורך דער וואַנט, מען שטייט אויף זעקס פרי, מען מוז גיין צו דער אויספאָרשונג אויף יעדן רוף. ניט ברעכן דאָס מעבל, ניט באַהאַלטן קיין מעטאַל־אויסאַרבעטונג. אין באָד פירט מען איינמאָל אַ וואָך. די קאַמער רייניקט יעדן טאָג דער אַרעסטאַנט אַליין. איין מאָל אין חודש קאָכט דער אַרעסטאַנט אויס זיין בעט מיט הייסן וואַסער. 20 מינוט טעגלעך

18866-Изд

Биробиджанская областная научная библиотека им. Шолом-Алейхема СЕКТОР НАЦИОНАЛЬНО-

האָסטו רעכט צו שפּאַצירן אויפֿן טורמע־הויף. פֿאַר ברעכן דעם אָנגענומענעם רעגולאַמין — קאַרצער.

דאָס האָט ער אַרויסגעזאָגט מיטאַמאָל, ווי אויסגעלערנט, און פֿאַרמאַכט מיין קאַמער. גלייך האָט ער ערגעץ געעפֿנט אַ צווייטן קאַמער, און מסתמא דאָרט ווידער אָפּגעזאָגט דעם זעלבן פּזמון.

איך וואַרט אויף אַן אַרויסרוף צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער, עס קומט אָן די נאַכט.

מיט דער צייט בין איך שוין צוגעוואוינט געוואָרן צום פֿירן מיך אויף אויספֿאָרשונגען. אָבער דעם ערשטן מאָל, האָט עס מיר אויסגעזען אַזוי מאָדנע: דו שלאָפֿסט אָפּ די ערשטע האַלבע שעה אויפֿן געלעגער, ס'איז שוין האַלב עלף ביינאַכט, און פּלוצים עפֿנט זיך אויף דאָס קליינע פֿענצטערל אין דער אייזערנער טיר, דורך וועלכער מען דערלאַנגט אַריין דאָס עסן. עפּעס אַ קאָפּ נייגט זיך אַריין און רופֿט אָן שטיל דעם ערשטן אות פֿון דיין פֿאַמילע־נאָמען. ער פֿרעגט דיך אויב דיין נאָמען הייבט זיך אַזוי אָן, דו ביסט מסכּים און ער באַפֿעלט דיר: „אָנטאָן זיך!” דו טוסט זיך אָן — און ער פֿירט דיך דורכן לאַנגן קאָרידאָר אַראָפּ די טרעפּ אין אַ ספּעציעלן צימער, וואו עס זיינען דאָ „באַקסן”, אַזעלכע ווינקל־קעמערלעך אין וועלכע עס קאָן אַריין נאָר איין פּערזאָן און דאָס בלויז זיצנדיק. מען שטופּט דיך אַריין אין אַזאַ קעסטל, כּדי דו זאָלסט ניט קענען זען ווען מען פֿירט נאָך אינעם זעלבן אַרעסטאַנטן־קעטשל צו דער אויספֿאָרשונג.

אינעם אַרעסטאַנטן־אויטאָ זיינען פֿאַראַן קליינע צימערלעך פֿון ביידע זייטן און אַ שמאָל קאָרידאָרל. מען שליסט איין די אַרעסטאַנטן איינס נאָך איינס אין אַזעלכע קעמערלעך. דאָרט איז זייער דומפּיק, ניטאָ פּשוט מיט וואָס צו אָטעמען, קיין פֿענצטער איז ניטאָ. ניט זעלטן (ווען אַן אַרעסטאַנט איז דיק) קען ער זיך ניט אַריינפּאַסן אין קעמערל. אָפּט הערסטו טענות, אַז מען זאָל כאָטש אויף אַ רגע אַן עפֿן טאָן דאָס טירל, אָבער דער זעלנער וואָס זיצט אין קאָרידאָרל איז טויב פֿאַר יעדן געבעט. לויטן אָטעם און קרעכצן האָב איך מיך פּאַמעלעך צוגעוואוינט צו דערקענען מיינע מיט־פֿאָרנדיקע. פֿלעגט טרעפֿן, אַז טראָץ דעם שטרענגן פֿאַרבאָט, פֿלעגט מען שטיל זיך איבערקלאַפּן דורך די ווענטלעך און דערגיין פֿאַרוואָס יענער איז אַרעסטירט געוואָרן. און נאָכדעם, צוריקפֿאָרנדיק אויסגעמאַטערטע פֿון דער אויספֿאָרשונג, האָט יעדער געקענט הערן דאָס שטילע קרעכצן און זיפֿצן פֿון די געפּייניקטע.

דאָס ערשטע מאָל איז אָבער אַלץ געווען אַזוי ניי און פֿרעמד. די מאַשין איז געווען הויך פֿון דער ערד און מען האָט געמוזט אויף איר זיך אַרויפֿדראַפּען. דער קאָנוואָי האָט אויף דיר געליאַרעמט מיט קולי־קולות דו זאָלסט זיך וואָס גיכער אַרויפֿקלייבן: מענטשן וואַרטן! די אויספֿאָרשונג וואַרט! אין דער קליינער מינוט האָסטו געכאַפּט אַ בליק אויף דיין טורמע: זי ציט זיך ווי אַ „ד” אַנטקעגן דער ריזיקער רויטער געביידע פֿאַר קרימינעלע פֿאַרברעכער. זייער אַן אַלטע טורמע אין כאַבאַראָווסק. די טורמע דאַקעגן

וואו דו זיצסט איז אַ נייע: דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק, איר האָבן די יאַפּאַנער פאַרענדיקט גלייך נאָכן קריג.

מען פירט אונדז צו אַ הויכער געביידע פון 6 שטאָק, וואָס ציט זיך אויף אַ גאַנצער גאַס אין כאַבאַראָווסק. דעם דאָזיקן גרויסן בנין האָבן די נ.ק.וו.ד.־לייט אויפגעשטעלט פאַר זייער פאַרוואַלטונג. דאָ איז אַ לאַבירינט פון קאָרידאָרן און טרעפּ. מען פירט אונדז אין הויף וואו עס איז דאָ אַן אָפּטיילונג פאַר דער אויספאָרשונג. פון די פאַרענטשעס ביז דער וואַנט זיינען צוגעשלאָגן דראָטענע נעצן, מען זאָל זיך ניט קענען אַראָפּוואַרפן פון די טרעפּ און באַגיין זעלבסטמאָרד.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער אויסמעבלירט מיט קאָמפאָרט. אויפן דיל איז אויסגעשפּרייט אַ טייערער דיוואַן. אויף דעם שרייב־טיש זיינען אָנגעשטעלט כלערליי קליינע מעשענע און זילבערנע קלייניקייטן און באַפּוצונגען. אין אַ ווינקל, הייבט זיך אויף פון אַ גרויסן הילצערנעם בלומען־טאָפּ, אַ הויכער און ברייט־צעצווייגטער פיגוס־בוים, וואָס שפּרייט פונאַנדער זיינע ברייטע בלעטער איבער אַ האַלבן צימער. איבערן צימער שיינט אַראָפּ אַ זעקס־לאָמפּיקער זשיראַנדאָל פון געשליפענעם קרישטאָל. ווען ניט דאָס בילד פון דזשערזשינסקין, דעם גרינדער פון דער טשע־קאַ, און ווען ניט די פענצטער וואָס זיינען באַשלאָגן פון יוצא־וועגן מיט דינע קראַטעס, (ווי עס מאַכט זיך, דער אַרעסטאַנט זאָל זיך ניט אַראָפּ־וואַרפן), וואָלסטו ניט געקאָנט טראַכטן, אַז דו זיצסט ביים שעף פונעם אויס־פאָרשונגס־אָפּטייל פון דער ווייט־מזרחדיקער נ.ק.וו.ד. ביים שרייב־טיש זיצט אַ מאַן פון קנאַפּע 60, מיליטעריש געקליידט, מיט גאָלדענע עפּאָלעטן פון אַ פּאָלקאָווניק; דאָס פּנים צעאַקערט מיט קנייטשן, אַ בייז געזיכט וואָס באַמיט זיך אָנצושטעלן אַ שמייכעלע:

— זעצט זיך!

נאָכן איבערלייענען מיר מיין ערשטן באַשולדיקונגס־אַקט (דער דאָזיקער אַקט איז ניט קיין ענדגילטיקער; אין פאַרלויף פון דער אויספאָרשונג ווערט דער דאָזיקער אַקט געוויינטלעך פאַרפולט מיט נאָך באַשולדיקונגען), דערוויס איך זיך, דאָס וואָס כ׳האָב אייגנטלעך געוואוסט פונעם קורצן צעטעלע, וואָס מען האָט מיר געגעבן איבערצולייענען בעת מען האָט מיך אַרעסטירט, נאָר דאָ איז עס אַ סך ברייטער און מיט מער דעטאַלן.

דערווייל לויטעט מיין באַשולדיקונג אומגעפער אַזוי:

איך ווער אָנגעקלאָגט לויטן פאַראַגראַף 58 (קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט), פּונקט 10, ערשטער טייל. אין פאַרלויף פון דער אויספאָרשונג איז די ערשטע טייל פאַרביטן געוואָרן אויף דער צווייטער טייל, וועלכע זעט פאָר אַ שטראָף ביז 25 יאָר און אין צייט פון מלחמה — טויט־שטראָף. מען האָט מיך אויך צוגעשריבן דעם פּונקט 11, דאָס געהערן צו אַ ניט־לעגאַלער גרופּע. כ׳האָב זיך מיט אַלע כוחות געווערט קעגן פּונקט 6, וואָס מיינט שפּיאָנאַזש, וועלכן מען האָט מיר אויך געפּרואווט צושרייבן.

עס הייסט לויט דער באַשולדיקונג, אַז: זייענדיק בטבע אַ יידישער „בורזשואַזער נאַציאָנאַליסט", האָב איך, זינט איך בין אָנגעקומען פון פּוילן אין 1939, אַנטוויקלט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט. פאַר אַ גאַנצע ריי מענטשן, וועלכע זיינען דער אויספאָרשונג באַקאַנט, האָב איך אַרויסגעזאָגט נאַציאָנאַליסטישע אָנשויאונגען. ספּעציעל האָב איך מיין טעטיקייט אַנטוויקלט אין בירא־בידזשאַן פון 1944 יאָר אָן. כ'האָב אין מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן און לידער אַרויסגעבראַכט בורזשואַז־נאַציאָנאַליס־טישע אידייען וועגן אייניקייט פון יידישן פאָלק, אונטערגעשטראָכן שטענדיק דעם יידישן מאָמענט אין דערשיינונגען, פאַרשפּרייט „באַליידיקנדיקע אויס־טראַכטענישן" וועגן אַ כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם אין אוקראַינע, וועלכער זאָל זיין די סיבה דערפון, וואָס די יידן רייסן זיך דאָרט אַזוי קיין בירא־בידזשאַן. כ'האָב געשריבן לידער וועגן יידישע פאַרטיזאַנער אין דער צייט פון קריג. אין מיין גזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָבן איך גערופן „קינסטלער" איינצופלאַנצן די יידישע קולטור אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין דער צייט ווען ס'איז קיין נויטווענדיקייט אין דעם ניט געווען.

איך האָב זיך געווערט, דערקלערט, אַז מיין גאַנצע טעטיקייט איז ניט געווען קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע; אַז דער באַגריף בורזשואַזער נאַציאָ־נאַליזם איז ניט אויפן אָרט, ווייל די געגנט איז דאָך אַן אויטאָנאָמע און זי האָט אוודאי רעכט אויף איר אייגן פּנים. איך האָב דעם אויספאָרשונגס־ריכטער אויפגעוויזן, אַז פאַרקערט, די גאַנצע אַנטי־יידישע קאָמפּאַניע וואָס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן די לעצטע צייט אין רוסלאַנד, איז ניט אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע. איך האָב זיך צעפלאַמט און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער.

דער נ.ק.וו.ד־פאַרשער האָט מיך אויסגעהערט, געטאָן אַ סאַרקאַסטישן שמייכעלע, און געזאָגט:

— הייסט עס, אַז איר האַלט נאָך אַלץ, אַז וואָס איר האָט אויפגעטאָן איז ריכטיק? איר וועט צוריקגיין אין קאַמער און זיך גוט באַטראַכטן. „פּאָ־דומאַיטיע" — גייט, הייסט עס, און טראַכט. דערווייל זאָל איך בלויז אָנ־שרייבן מיין אויטאָביאָגראַפיע.

## מיין ערשטער „סלעדאָוואַטעל"

דער שעף פונעם אויספאָרשונגס־אַמט האָט מיר באַלד אויפן ערשטן פאַרהער דערקלערט, אַז ער וועט די אויספאָרשונג ניט פירן; אַז ער וועט מיך איבערגעבן צו זיינעם אַ „סלעדאָוואַטעל" (אויספאָרשונגס־ריכטער). דער שעף פאַרנעמט זיך נאָר מיט גרויסע „פיש", איך בין פאַר אים געווען צו קליין. אָבער דער אויספאָרשונגס־ריכטער וואָס איז געקומען נאָך אים, איז אויך ניט געווען אָבי־ווער. ער האָט געהאַט דעם ראַנג פון אַ פּאָד־פּאָלקאָווניק.

ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער מיט אַ בלייך געזיכט, אַ הוסטנדיקער מיט אַ טראַפּעלע אָטעמע, לויט זיינע שטילע רייד און לויט זיין האַלטונג, וואָס איז געווען געננוג קאָרעקט, האָט ער זיך בכלל ניט אַריינגעפּאַסט אין זיין אַמט. ביים ערשטן בליק אויף זיין קרענקלעך געשטאַלט איז מיר איינגעפאַלן: ער האָט אַ ווייב מיט קליינע קינדער, ער טוט אַ מיאוסע מלאכה, אָבער מען טוט אַלץ צוליב פּרנסה. אַ גאַנצע וואָך בין איך ביי אים געווען אויף אויס־פאָרשונגען און איך האָב זיך יעדן טאָג דערוואוסט מער ביי אים, ווי ער ביי מיר. די פּראָטאָקאָלן זיינען געשריבן געוואָרן אַזוי ווי איך האָב דערקלערט, ער האָט ניט געזוכט צו פאַרדרייען. עס פלעגט טרעפן, אַז מיר איז ניט געפעלן געוואָרן עפּעס אַ ניואַנס, עפּעס אַ וואָרט וואָס קען זיין גינסטיק פאַר דער באַשולדיקונג, וואָס ער האָט פאַרשריבן ניט־פּינקטלעך, האָט ער מסכים געווען דאָס אויסצובעסערן. און אויך ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גאַנצן זאַץ — האָט ער זיך ניט געפוילט צו צערייסן און איבערשרייבן נאָך אַמאָל.

פון מיין ערשטן „סלעדאָוואַטעל" האָב איך זיך דערוואוסט ווער אַלץ עס זיצט שוין: כ'האָב מיך דערוואוסט, אַז עס עקזיסטירט „אַ דריילינג פון יידישן נאַציאָנאַליזם", דריי נעסטן: מאָסקווע, קיעוו און מינסק. בירָאָ־בידזשאַן איז גאָר אַ באַזונדער ענין, אַ מער געפערלעכער נאָך, „דאָ שטייט אין געפאַר אַ גאַנצע טעריטאָריע". דער בירָאָ־בידזשאַנער נאַציאָנאַליזם איז אַזוי שאַרף געפערלעך פאַר דער מלוכה ווי דער אוקראַינישער, עס שטייט אין קאָן אַ מלוכהשאַפט.

אָנהויבן פלעגט זיך יעדן טאָג די אויספאָרשונג מיט אַ 15 מינוט שטיל־שווייגן: איך זיץ אין אַ ווינקל אויף אַ שטול, וואָס איז צוגעשמידט צו דער ערד (כדי מען זאָל איר ניט קענען וואַרפן אויפן אויספאָרשונגס־ריכטער), ער זיצט ביי זיין שרייב־טיש פאַרטיפט אין פּאַפּירן און דאַן, אַוועקנעמענדיק די אויגן פון פּאַפּירן שטויס, ווענדט ער זיך צו מיר:

— די אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז...

די אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז איך בין שטאַרק געווען פאַרבונדן מיט מיכאָעלסן, אַז ע ר האָט מיך רעקאָמענדירט קיין בירָאָ־בידזשאַן. אַז מיכאָעלס איז געווען פאַרבונדן מיט אויסלענדישן שפּיאָנאַזש, און מען ווייס וועגן אַלע פלעצער, וואו איך האָב מיר געטראָפן מיט מיכאָעלסן. די ערטער, וואו איך האָב מיט אים געטרונקען וויין, שפּאַצירט, געשמועסט און וואָסערע מיסיע איך האָב פון אים באַקומען דורכצופירן פאַר מיין אָפּפאָרן פון מאָסקווע.

ער באַווייזט מיר:

...דריי פאָטאָס, צוויי פון ווילד־פרעמדע מענטשן, איינע — אַ באַקאַנט געזיכט.

— איר ווייסט ווער דאָס איז?

— איך געדענק ניט.

— אין אַלמאַ־אַטאַ זייט איר געווען?

— געווען.

— איר האָט געקענט אַ לענינגראַדער יידן מיטן נאָמען רייזע?

דער דאָזיקער רייזע דערקלערט:

„אין 1942 האָב איך אין אויפטראָג פון נ.ק.וו.ד. געהאַט די אויפגאַבע צו שמועסן מיט עמיאָטן. יאָ, ער איז אַ גרויסער נאַציאָנאַליסט. צווישן די פראַגן וועלכע ער האָט מיר געשטעלט זיינען געווען:

— צי וויס איך, אַז אין 1936 זיינען ליקווידירט געוואָרן אין ווייסרוסלאַנד אַלע יידישע שולן? צי ווייס איך, אַז מען האָט אַרעסטירט אַ סך ציוניסטן? צי ער אַליין האָט אַמאָל געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווייס איך ניט, אָבער אַ נאַציאָנאַליסט איז ער זיכער"...

אויף דעם האָב איך געענטפערט אַזוי: מיכאָעלס איז געווען אַ פּאַטריאָט, און ער האָט קיינמאָל ניט געקענט נעמען קיין אויפגאַבן פון קיין אויסלענדישער אויסשפּיר־אַגענטור. מיכאָעלס איז געווען אַ גרויסער ייד און אַ גרויסער אַרטיסט. אַז ס'איז געווען פאַר מיר אַ זכיה מיט אים זיך צו טרעפן, און געהייסן האָט ער מיר שרייבן ערנסט און מיט טאַלאַנט פאַרצייכענונגען פון יידיש לעבן אין ביראָ־בידזשאַן. וואָס כ'האָב גערעדט מיט רייזען בין איך ניט מחויב צו געדענקען, „זאַ דאַוונאָסטי וורעמיאַ ניע פּאָמניו" — צוליב דער לאַנגער צייט וואָס איז פאַרגאַנגען, בין איך ניט מחויב צו געדענקען אַלץ וואָס איך האָב מיט אַ מענטשן גערעדט. און אויב אפילו איך האָב יאָ גערעדט, האָב איך דאָ ניט חוטא בעגל געווען, אַ מענטש מעג דאָך פרעגן, ס'איז אין מענטשנס נאַטור, פון דעם איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז איך בין אַ בורזשואַזער נאַציאָ־נאַליסט.

דער „סלעדאָוואַטעל" האָט פאַרשריבן ווי איך האָב אים געזאָגט.

איך לייען איבער דעם פּראָטאָקאָל, ער איז אַזוי ווי איך האָב דערקלערט. איך שרייב אים אונטער און מען פירט מיך אָפּ אין טורמע. אַזוי גאָר אָן הפסקה ביז מיטאָג, און נאָכאַמאָל אין אָוונט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אַזאַ רעזשים: צוויי מאָל אין טאָג גייט דאָס אויספרעגן. פראַגן זיינען דאָ גענוג. ביי מיין אויספאָרשונגס־ריכטער זיינען פאַראַן יעדן מאָל אויפן שרייב־טיש אַלץ נייע פּאַפּקעס מיט פּאַפּירן, עדות דערקלערונגען און ער הויבט אָן:

— דער אויספאָרשונג איז באַקאַנט, אַז...

— דער אויספאָרשונג איז באַקאַנט, אַז איך האָב אָנגעשריבן אַ פּאָעמע וועגן יידישן פאָלק פון אַלע דורות, אַלע לענדער. ס'הייסט, איך האָב פּראָפּ־לאָמירט די אינטערנאַציאָנאַלע אחדות פון יידישן פאָלק.

— דער אויספאָרשונג איז באַקאַנט, אַז איך האָב פאַרלייקנט דעם פּרימאַט פון דער רוסישער ליטעראַטור, אַז כ'האָב געלויבט די אויסלענדישע פּאָעזיע. געזאָגט, אַז מאַיאַקאָווסקי איז ניט ניי אינגאַנצן, אַז פאַר אים האָט מען שוין פּראָקלאַמירט אַזאַ אופן פון שרייבן, געווען שוין וואָלט וויטמאַן, עמיל ווערהאַרן.

גאָט מיינער! צי טאַקע דערמיט וועט זיך דאָס ענדיקן? צי וועט טאַקע כסדר אויף אַזאַ אופן געפירט ווערן די אויספאָרשונג? צי וועט מען מיך ניט זידלען, ניט שלאָגן, ניט פאַרשפּאַרן אין קאַרצער? וואָס אַן אמת פּייניק איך

זיך מיט דער געצוואונגענער שלאָפלאָזיקייט; מען לאָזט מיך ניט שלאָפן. די אויספאָרשונג ווערט געפירט צוויי מאָל אין מעת־לעת און עס בלייבט מיר סך־הכל אַ צוויי־דריי שעה שלאָף. איך בין שוין נערוועז און געשפּאַנט. גלייכ־ צייטיק בין איך געפאַנגען פון אַ נאַרישער אילוזיע: מען וועט מיך באַפרייען! עס זיינען דאָך ניטאָ קיין מאַטעריאַלן, אַז מען זאָל אַ מענטשן דערפאַר פאַר־ שפּאַרן און געבן יאָרן געפיינקעניש... פאַרוואָס?

אָבער מער פאַר אַלץ האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק, אַז די כלומרשטע גוטע האַלטונג פון מיין אויספאָרשער איז עפּעס אויך מאָדנע און איז אַ כיטרער שפּיצל. צי שוין־זשע גלויבט ער מיר אַזוי טאָקע? אמת, ער האָט מיר אויפ־ ריכטיק דערקלערט:

— איר וועט זיך מודה זיין צי ניט, אַלץ איינס וועט איר פון דאַנען פריי ניט אַרויס. די אויספאָרשונג האָט גענוג מאַטעריאַלן אייך צו משפטן. אַז איר וועט זיך מודה זיין, וועט די שטראָף געלינדערט ווערן, עס איז אָפּהענגיק אין וואָסער פלאַך די אויספאָרשונג ווערט געפירט.

אָבער פון די צוועלף פאַרהערן זיינען דאָך קיין קאָנקרעטע מאַטעריאַלן נישט פאַראַן!

...עס גייט דער גליקלעכער זונטאָג אין וועלכן מען רופט מיך ניט אויף פאַרהערן, איך וועל מיך אויסבאָדן און שלאָפן: איין טאָג אין וואָך אין וועלכן מען לאָזט דעם אַרעסטאַנט שלאָפן. מיך פייניקט שרעקלעך די איינזאַמקייט, איך דאַרף האָבן אַ מענטשן, אַן אַלטן צי אַ יונגן, זיך צו טיילן מיט אַ וואָרט. פון די שכנותדיקע קאַמערן קלאַפּט מען צו מיר לאַנג און איינגעשפּאַרט: טי־ טי־טי... איך פאַרשטיי נאָך ניט די שפּראַך, מיין האַרץ זאָגט מיר פאַר שלעכטס, נאָר איך טרייסל מיך אָפּ פון די שלעכטע געדאַנקען ווי פון בייזע פליגן. אָבער —

מיין אינטואיציע האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. ביי בעריאַס פאַרטרעטער אויפן וווייטן מזרח, זיין אַלמעכטיקייט גאָגלידזע, פירט מען ניט אַזוי קיין אויספאָרשונג. שוין גלייך די צווייטע וואָך האָט מען מיך געביטן דעם אויס־ פאָרשונגס־ריכטער און שטרענגער געמאַכט דעם רעזשים.

שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, ווען מיר זיינען שוין געווען אין לאַגער און געהאַט הינטער זיך די לאַנגע חדשים איינצל־קאַמער, די גראָבקייטן, זיד־ לערייען און פייניקונגען פון דעם הויפּט־סאַדיסט, דעם כאַבאַראָווסקער אויס־ פאָרשונגס־ריכטער אָזירסקי, פלעגן מיר זיך אפילו וויצלען אויף זיין חשבון. דער דאָזיקער דיקער אָפּגעפּרעסענער פאַרשוין, וואָס האָט קיינמאָל ניט גע־ רעדט צו מיר, נאָר געשריען אויף אַלע פאַרהערן, וואָס האָט נאָך יעדן מוטיקן ענטפער מיך אַריינגעוואָרפן אין פינצטערן קאַרצער־קעלער אויף 5 מעת־לעת, דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען אַ שרעקלעכער גראָבער יונג און אַ פחדן.

ביי די פאַרהערן איז שטענדיק ביי אים געלעגן דער רעוואָלווער אויפן טיש. ווי נאָר ער פלעגט דערשמעקן, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ מענטשן וואָס לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע, פלעגט ער געוויינלעך האָבן ביי זיין טיש נאָך אַן אויספאָרשער, אַ געהילף, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ שומר.

יענער איז געזעסן און געשוויגן. דעם ראַנג האָט ער געהאַט פון אַ לייטענאַנט, אָבער ער האָט פּאַקטיש אָנגעפירט מיט אַ גאַנצע אָפּטיילונג אויספאָרשער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סך אפילו מיט העכערע ראַנגען פון אים.

נישטאָ וואָס צו רעדן, דער דאָזיקער אויסוואורף האָט זיך באמת „אויס־געצייכנט" אין זיינע פייניקונגס־מעטאָדן — ניט אומזיסט איז ער אַזוי דערהויבן געוואָרן ביי גאָגלידזען. אָזירסקי האָט געהאַט אַ טבע קודם־כל צו מאַכן אַ פּסיכישע אַטאַקע; מיך נעמען מיט דער מאַסע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט כלומרשט אויפגעזאַמלט קעגן מיר. אויף זיין טיש האָבן זיך געפונען אַלע מיינע טעלעגראַמעס, אַלע בריוו וואָס כ'האָב ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דעם „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט", געשיקט פון ביראָ־בידזשאַן קיין מאָסקווע.

# דער נ.ק.וו.ד.־סאַטראַפּ אָזירסקי

דער כאַבאַראָווסקער אויספאָרשונגס־ריכטער אָזירסקי האָט זיך פּאַר מיר באַרימט, אַז איידער ער האָט זיך גענומען צו מיין ענין האָט ער איבער־געלייענט גאַנצע 30 ביכער וועגן יידן און אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן. אָבער לויט דעם ווי ער האָט געפירט די אויספאָרשונג, האָב איך זיך איבערצייגט אין זיין גוואַלדיקן אומוויסן. יאָ, ער האָט זיך אויסגע־לערנט אַ ציטאַט פונעם נאַצישן „אידעאָלאָג" אַ ל פ ר ע ד ר אָ ז ע נ ב ע ר ג ס „מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" וועגן דעם, אַז „יידן האָבן צ ו ו י י פאָטערלענדער: פּאַלעסטינע און ביראָ־בידזשאַן", און ער האָט די נאַצישע „תורה" נאָכגעפּלוידערט, כדי צו באַווייזן זיין באַהאַוונטקייט.

איינער אַ יידישער שרייבער האָט אים אַמאָל אונטערגעפירט און „אַרויס־געהאָלפן" צוזאַמענצושטעלן אַ ספּעציעלן פּראָטאָקאָל, אַז שלום עליכם איז געווען אַ — גראַפאָמאַן. אַזוי ווי אויף קיין אַנדער אופן איז נישט מעגלעך געווען זיך אין אים נוקם צו זיין, האָט מען כאָטש אַזוי אַרום אָפּן אַרויסגעשטעלט פאַר „נאַטשאַלסטוואָ" זיין עם־הארצות. דער שלום עליכם־פּראָטאָקאָל וואָלט אפשר אַזוי געבליבן — האָט דערציילט דער יידישער שרייבער — ווען זיין אַסיסטענט וואָלט זיך ניט געכאַפּט, אַז דער ענין איז עפּעס נישט גלאַט...

אָזירסקי האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט קיין יידישן שרייבער ניט צוגעבנ־דיק דערביי עפּעס אַ געמיינע עפּיטעט, און קודם־כל: „דער שונא פון פאָלק". דער שונא פון פאָלק דער נסתר, דער שונא פון פאָלק פעפער, דער „מאַטעריי" נאַציאָנאַליסט מיכאָעלס אאַז"וו.

עס איז ניט צו באַשרייבן די גאַנצע קייט פון פיין און מאָראַלישע ליידן, וועלכע דער דאָזיקער נ.ק.וו.ד.־אויסוואורף האָט מיר אין פאַרלויף פון זיין „אויספאָרשונג" פאַרשאַפט. איך האָב זיך מיט אים נישט איינמאָל געקריגט, געמאַכט אים מיט דער בלאָטע צוגלייך און ער האָט מיר דערפאַר געשליידערט אין קאַרצער. פ י ר מ אָ ל צ ו פ י נ ף ט ע ג בין איך ביי אים אָפּגעלעגן

אינעם פינצטערן, עפּושדיקן קאַרצער אויף 300 גראַם ברויט און אַ גלאָז וואַסער אַ מעת־לעת. אויב איך האָב מיר ניט אונטערגעגעבן צו פירן די אויס־פאָרשונג אין דער ריכטונג אין וועלכער ער האָט געוואָלט, איז עס ניט צוליב מיין העלדישקייט, נאָר צוליב דעם צאָרן, וואָס דער דאָזיקער סאַטראַפּ האָט אַרויסגערופן קעגן זיך מיט זיינע האַנדלונגען. וואָס עס האָט ניט געוואָגט קיין צווייטער אויספאָרשונגס־ריכטער, האָט ער זיך דערלויבט. ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיך צו דערקלערן פאַר אַ — שפּיאָן.

איך האָב, לויט זיין דערקלערונג, מיינע קאָרעספּאָנדענצן פון ביראָ־בידזשאַן געשריבן אַזוי, אַז דער אויסלענדישער שפּיאָנאַזש האָט זיך דערמיט באַנוצט.

— אויף דעם האָט איר דאָך אַ קעגן־שפּיאָנאַזש, וואָס קען דעשיפרירן מיינע קאָרעספּאָנדענצן.

— דו (ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט „איר") האָסט געטאָן דיין אַרבעט זייער געניט און דין.

און דאָ קומט אַ מעשה מיט אַ פּאָסט־פּאַקעט.

איינמאָל אויף אַ פאַרהער נעמט ער אַרויס פון זיין סייף אַ גרויסן פּאָסט־פּאַקעט און באַווייזט עס מיר:

— דו דערקענסט דעם דאָזיקן פּאַקעט?

יאָ, איך האָב אים דערקענט. איבער דעם דאָזיקן פּעקל איז אַמאָל די גאַנצע ביראָ־בידזשאַנער פּאָסט געגאַנגען „כאָדאָראָם".

אין אויפטראָג פון דער מאָסקווער „איניקייט" האָב איך איינמאָל געדאַרפט צוגרייטן צוויי זייטן פאַר דער צייטונג „אַ פאַרמעסט צווישן צוויי שטעט". ביראָ־בידזשאַן און די וועיט־מזרחדיקע שטאָט בלאַגאָווישטשענסק, האָבן זיך פאַרמאָסטן אין אַ „סאָציאַליסטישן געוועט" צו מאַכן די שטעט שענער און בעסער. לויט אַלע געגעבענע פון דער אינדעקס־טאַבעלע און איבערהויפּט לויט דער באַגרינדונג פון דער שטאָט, האָט געוואונען ביראָ־בידזשאַן. די שטאָט האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט דער גרויסער צאָל ביימער, אַלייען, בלומען־קלאָמבן און קוסטעס צווישן אַלע שטעט אויפן וויטן מזרח. ביי דער באַגרינדונג פון ביראָ־בידזשאַן האָט זיך אויסגעצייכנט דער ייד ש ט יי ן, וועלכער איז נאָך אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן געקומען קיין ביראָ־בידזשאַן פון אַמעריקע און האָט אויפגעטאָן אויף דעם געביט וואונדער.

צוליב דעם רעפּאָרטאַזש בין איך געפאָרן קיין בלאַגאָווישטשענסק, וואָס ליגט האַרט אויף דער מאַנדזשורישער גרענעץ, און האָב באַשריבן די שטאָט. ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע רייזע מיינע, איז דער געהיים־פּאָליציי געווען פאַרדעכטיק. בלאַגאָווישטשענסק איז אָפּגעטיילט פון דער מאַנ־דזשורישער שטאָט סאַכאַלאַן בלויז דורך דעם טייך אַמור. איך האָב אויך גענומען פאָטאָס פון דער שטאָט בלאַגאָווישטשענסק, געהאַט אַן אינטערוויו מיטן בירגער־מייסטער פון שטאָט און עטלעכע פון זיינע וויכטיקסטע מיט־אַרבעטער און דאָס זעלבע אין ביראָ־בידזשאַן. די צוויי זייטן האָבן געדאַרפט האָבן איין אויבערקאָפּ: „די פאַרמעסטונג פון צוויי שטעט".

איך האָב דעם אַרטיקל מיט די בילדער אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט און אים אָפּגעשיקט „רעקאָמענדירט״ דורך לופט־פּאָסט. אָבער די רעדאַקציע „איניקייט״ האָט דעם פּאַקעט ניט דערהאַלטן. איך האָב געשיקט אַ טעלע־גראַמע צום פּאָסט־מיניסטער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש אויף דער ליניע. מען האָט גענישטערט אין בירא־בידזשאַנער פּאָסט־אָפּיס און אויף אַלע אַנדערע סטאַנציעס וואו עס שטעלט זיך אָפּ דער עראָפּלאַן וואָס פליט פון כאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע.

און אָט ליגט דער פּאָסט־פּאַקעט אויפן טיש פון מיין אויספאָרשונגס־ריכטער. יענער מישט די בלעטער און פאַרשטייט אין זיי ווי אַ האָן אין אַ ״בני אָדם״, אָבער ער איז פול מיט טריאומף:

— אָט זעט איר דאָך, פון אונדז קען מען גאָרנישט באַהאַלטן. וואָס מיר קאָנסטיטוציע, וואָס זיכערט די אומבאַרירלעכקייט און דיסקרעציע פון פּרי־וואַטער קאָרעספּאָנדענץ — די נ.ק.וו.ד. שטייט איבער אַלץ.

יאָ, די פּאַטאָס פון דער גרענעץ־שטאָט בלאַגאָוויעשטשענסק.

— איר האָט געמאַכט אויפנאַמעס פון געהיימע אָביעקטן.

— אַ פּאַרק איז אַ געהיימער אָביעקט? — פרעג איך אין מיין נאַאיווקייט.

אָ, ווי נאַריש איך בין געווען — איך האָב נאָך אַלץ געזוכט גערעכטיקייט ביי אָזירסקין. און ער — ער האָט מיר צוגעשריבן אַ נייעם פּונקט: קאָלעק־טיווע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט.

פון די זיבן מאַן מיט וועלכע איך האָב געזאָלט זיין אין אַ „קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערער פאַרבינדונג״ זיינען געווען עטלעכע מענטשן מיט וועלכע איך האָב זיך בכלל ניט געטראָפן, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און ניט געהאַט מיט זיי קיין שום געמיינזאַמעס. אָבער אָזירסקיס לאָגיק דרינגט שוין אַרויס וואָס זי דאַרף: — „דו ביסט געווען פאַרבונדן מיט געוויסע מענטשן און יענע זיינען געווען פאַרבונדן מיט די אַנדערע, מיט וועמען דו האָסט געמעגט ניט זיין פאַרבונדן — דאָס איז אַ גרופּע!״

ביז וואַנען איך בין פּטור געוואָרן פון דעם דאָזיקן סאַדיסט האָט מיך גע־קאָסט אַ סך געזונט. פאַר די עטלעכע חדשים פון איזדיעקעווען זיך איבער מיר פיזיש און מאָראַליש האָט ער מיר געמאַכט פאַר אַ קאַליקע.

אַ יידישער שרייבער, וועמען איך האָב שפּעטער באַגעגענט אין לאַגער, האָט מיר דערציילט, אַז אויך אים האָט זיין אויספאָרשונגס־ריכטער שטאַרק געפּייניקט. דער שרייבער האָט האַרט פאַרן אַרעסט דורכגעמאַכט אַן אָפּע־ראַציע אויף דער גאַל, די וואונד איז נאָך געווען אָפן און געאייטערט. אויף איינעם פון די פאַרהערן האָט דער פאַלקאָווניק, זיין אויספאָרשונגס־ריכטער, אויסער די כסדרדיקע באַליידיקונגען און זידלערייען ״זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ״, אים אַ קאָפּע געטאָן מיטן שטיוול אין בויך.

אַ צווייטער יידישער שרייבער, אַן עלטערער מענטש, האָט מיט טרערן אין די אויגן מיר דערציילט, ווי זיין אויספאָרשער האָט אים געזוכט צו דער־נידעריקן און אים געצוואונגען צו אומנאַרמאַלע מאַניפּולאַציעס מיט זיין גליד.

די מעטאָדע פון טאָרטורן זיינען געווען פאַרשיידענע. אָזירסקי האָט מער פון אַלץ געזוכט זיין קרבן פּסיכיש צו צעברעכן; ניט געלאָזט שלאָפן, ניט געלאָזט קיינמאָל געניסן פון די 20 מינוט אין מעת־לעת שפּאַציר אויפן הויף; אָפט געוואָרפן אין קאַרצער וואו עס לויפן אַרום מייז און ביז דו געוואוינסט זיך צו באַהערשן דיין געוויינלעכן עקל צו די ברואים, לויפסטו אַרום אינעם פינצטערן קעלער ווי אַ מטורף.

ביי אָזירסקין האָב איך מיר אפילו אויסגעלערנט צו שפּייזן די מייז גלייך פון מיין האַנט, אַוועקגעבנדיק זיי אַ חלק פון מיין שטיקל ברויט, וואָס עס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן איינמאָל אין מעת־לעת.

איך האָב זיך אויסגעלערנט מער ניט צו וואַרפן זיך אויף אים ווי אַ צערייצטער טיגער, ווי איך האָב דאָס געטאָן דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט מיך נאָך פינף טעג זיצן אין פאַרפוילטן קעלער, אָנגעגרייט אַ טיש מיט מאכלים פון כל טוב און יעזואיטיש אַ זאָג געטאָן:

— נו, ווי לאַנג וועט מען זיך נאָך אַרומקריגן? זיי זיך מודה און מיר וועלן לעבן בשלום.

איך האָב מער נישט אַראָפּגעשליידערט אַלץ פון טיש. כ'האָב מיך אויסגעלערנט פאַרבייסן די ליפּן און צעריסן ווערן פאַר ווייטאָג שטומערהייד. און דאָך איז געקומען אַ שעה ווען דאָס געדולד האָט געפּלאַצט און זיך אַריבער־געגאָסן אין אַ שטורמישן רעוואָלט.

געווען איז דאָס אין מיטן דער נאַכט. בעת איינעם פון די פאַרהערן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טעלעפאָן און גענומען פלוידערן מיט זיינע „קראַסאַוויצעס". איך בין שוין געווען מיד און צעבראָכן פון ניט שלאָפן, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל געבן אַן אָנווייזונג דעם קאָנוואָי מיך אָפּצופירן אין טורמע־קאַמער, איך זאָל כאָטש קענען אַריינכאַפּן אַ שעה־צוויי שלאָף ביזן אויפשטיין־באַפעל.

— וועסט זיך אויסכאָליען נאָכן אורטייל, אין גרוב וועט פאַר דיר זיין אַ געלעגער!

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, אָבער קעגן מיר איז געווען אויס־געשטרעקט אַ רעוואָלווער, און דער קאָנוואָי, וואָס איז נעבן מיר געשטאַנען, האָט מיר אויסגעדרייט די הענט אויף הינטן. אַלץ איינס, האָב איך באַשלאָסן, וואָס עס זאָל ניט זיין: ביי אָזירסקין וועל איך מער ניט זיצן אויף קיין פאַר־הערן. און איך האָב מיין באַשלוס אויסגעפירט.

דאָס באַפרייען זיך פון סאַדיסט אָזירסקי האָט מיר זייער טייער געקאָסט. איך האָב עטלעכע מאָל געשריבן מעלדונגען צום שעף פונעם אויספאָרשונגס־אַמט, מיט דער בקשה מען זאָל מיר געבן אַ צווייטן אויספאָרשער, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן.

איך בין געווען פאַרצווייפלט, דערשעפּט און קראַנק. די נערוון זיינען געווען שרעקלעך געשפּאַנט פון כסדרדיקן ניט שלאָפן. די ביינער צעבראָכן פון ליגן אויפן הוילן דיל אין קאַרצער. האָב איך ניט אָנגענומען דאָס עסן אין

טאָג, צוויי טעג, האָט מען מיך געדראָט, אַז מען וועט מיך שפּייזן מיט אַ רערל דורך דער נאָז.

— ביי אונדז שפּילט מען זיך ניט אין אַזעלכע זאַכן — האָט מיר דער־קלערט דער נאַטשאַלניק פון טורמע, ווען דער וועכטער האָט אַרויסגערופן. אויפן דריטן טאָג אַז מען נעמט ניט קיין שפּייז, שפּייזט מען קינסטלעך מיט געוואַלד.

די קראַנקן־שוועסטער פון סאַניטאַרן אָפּטייל אין טורמע, האָט מיר גע־געבן פּילן צו באַרויִקן די נערוון, אָבער וויפל מאָל זי האָט צוגעזאָגט צו רופן די דאָקטאָרשע איז יענע ניט געקומען. די דאָקטאָרשע קומט נאָר איין מאָל אין וואָך אויף אַן אינספּעקציע, גיט אַ בליק און גייט ווייטער.

איך האָב זיך ביי דער קראַנקן־שוועסטער געבעטן:

— איך וויל גאָרניט. איך בעט נאָר, מען זאָל פאַרבייטן דעם באַנדיטישן אויספאָרשונגס־ריכטער אויף אַ צווייטן. און נאָך אַ קלייניקייט, וואָס וועט ראַטעווען מיין פּסיכישן צושטאַנד: איך בעט מען זאָל מיר אַרויספירן פונעם איינצל־קאַמער. איך בעט גאָרנישט, איך בעט נאָר אַ מענטשן. אַ מענטשן, מיט וועמען איך זאָל קענען אויסריידן אַ וואָרט, ווייל איך קום אום פון איינ־זאַמקייט און עלנד.

אָבער די דאָקטאָרשע אין טורמע גייט אויך אין די עפּאָלעטן מיט די בלויע ראַנד־שנירלעך פון דער מ.ג.ב. זי האָט דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר און ווייסט איר דער רוח וואָס זי טוט דאָ אין תּפיסה. זי דאַרף צוטיילן מעדיציניש‎ע הילף, אָבער איר הילף איז ווי דאָס קאַלטע וואַסער מיט וועלכן מען פרישט אָפּ אַ געפּייניקטן ער זאָל זיין גרייט צו נייע פאַרהערן און מאַטערנישן.

איין מאָל האָב איך געהערט איר שטים אין קאָרידאָר, עפּעס איז ערגעץ פאָרגעקומען. איך האָב געהערט אַ סך טריט. עס איז מסתמא געווען אַן אַנגעלויף פון נאַטשאַלסטווע. ערשט אין וואָכן אַרום, ווען איך בין שוין געזעסן מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן און נישט מער אַליין, האָב איך זיך פון זיי דערוואוסט אַז עמיץ איז אין זיין קאַמער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר טאַקע אויסגעקומען צו זיצן אין יענעם טורמע־קאַמער. דער שטיינערנער דיל איז נאָך אַלץ ניט געווען אָפּגעוואַשן פון בלוט.

אַ מאָדנער ווילן האָט מיך אַרומגענומען עפּעס מיט זיך צו טאָן. דאָס איז אָבער נישט אַזאַ לייכטע זאַך. דאָס „אויגעלע" אין טיר עפנט זיך יעדע וויל און דער וועכטער קוקט דיר נאָך יעדן שריט. איך האָב ביי זיך ניט געהאַט קיין שום מעטאַלענעם אָביעקט, אפילו די מעטאַלענע קנעפּ פון מיינע קליידער האָט מען אָפּגעשניטן פאַרן אַריין אין טורמע־קאַמער. אָבער איך האָב אויס־געניצט דעם מאָמענט ווען דער וועכטער האָט פונאַנדערגעטראָגן דאָס עסן און צודראַפּנדיק זיך, אַרויסגעהאַקט אַ פּיצל גלאָז פונעם פענצטערל. איך האָב עס קוים באַוויזן אַרויסצוּרייסן. דאָס גלאָז איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט דינעם דראָט. איך האָב גיך געפּרואווט געפינען עפּעס אַן אָדער זיך איינ־צושניידן, אָבער איך האָב אַנגעטראָפן אויף פּשוטן פלייש. בלוט האָט טאַקע גערונען, אָבער קיין געפאַר איז ניט געווען. און דאָ איז דער קאָנוואָי אַריין,

וואָס האָט ער דאָ פלוצלונג באַדאַרפט? עפּעס ווי דאָס האַרץ וואָלט אים אונטערגעזאָגט. ער איז אַריין האַסטיק, אַרויסגעהאַקט דאָס גלאָז פון מיין האַנט און אַלאַרמירט נאָטשאַלסטווע מיטן דאָקטאָר.

מ׳האָט זיכער ניט געציטערט איבער מיין לעבן ווי פאַר די אייגענע שטעלעס. די טורמע דאַרף קענען דערהאַלטן דעם אַרעסטאַנט ביז די אויס־פאָרשונג איז פאַרענדיקט. דער דאָקטאָר דאַרף זען צו דערהאַלטן ביים לעבן דעם פאַרשפאַרטן, ווייל עס זיינען פאַראַן צופיל אַזעלכע פאַלן, און די פאַרוואַלטונג פון דער טורמע קריגט דערפאַר אַ גאָב. פאַר דער אויספאָרשונג זיינען וויכטיק די לעבנס פון די אַרעסטאַנטן. מ׳האָט מיר פאַרבאַנדאַזשירט די האַנט און גלייך איבערגעפירט אין אַ צווייטן קאַמער, אַ קאַמער פאַר צוויי פערזאָן.

## מיין ערשטער טורמע־שכן — אַ יונגער מאַטראָס

ווי נאָר איך בין אַריין אין קאַמער, זיך נאָך ניט באַוויזן געניי אַרומצוקוקן, און עס באַווייזט זיך אַ מענטש אויף דער שוועל:

— זדראַסטוואָיטיע!

אַ בלייך אויסגעמאָגערט געזיכט מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, איידעלע שטריכן פון עפּעס אַן אַמאָליקן ישיבה־בחור. וואָלסט אים נאָר צוקלעפּן אַ פּאָר פּיאות, אים אָנטאָן אַ חסידיש היטל און פאַר דיר שטייט אַ „חנן" פון ש. אַנסקיס „דיבוק". אָבער ער איז ניט געווען קיין ישיבה־בחור, אפילו ניט קיין סטודענט. ער איז געווען אַ רוסישער בחור פון אַ יאָר 22, אַ מאַטראָס. סך־הכל איין וואָך זיינען מיר געזעסן צוזאַמען. (בדרך כלל, האַלט מען ניט אין טורמע קיין אַרעסטאַנטן לאַנג צוזאַמען אין איין קאַמער. מען זאָל זיך צופיל נישט באַקענען און ניט פאַרטראַכטן קיין געמיינזאַמע אַרויס־טרעטונגען). אָבער שוין אינעם ערשטן טאָג האָב איך פון געוואַלטיקער אויס־געהונגערטקייט נאָך אַ מענטשן, זיך צו טיילן מיט איינדרוקן און אַראָפּרעדן פון האַרצן, אים אַלץ דערציילט וואָס איך האָב אין די עטלעכע חדשים איבערגעלעבט.

ער איז שוין ניט געווען קיין גרינער, ווייזט אויס. די כאַבאַראָווסקער טורמע איז שוין ביי אים די דריטע, זינט ער איז מיט אַ יאָר צוריק אַרעסטירט געוואָרן אין וולאַדיוואָסטאָק. ער ווייס שוין די גאַנצע טורמע־טעכניק, קען אויסגעצייכנט זיך איבערקלאַפּן דורך דער וואַנט. ער קען אַלע אויספאָרשער דאָ. אויסער דעם, האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון אַ ריי חברים פון בירא־בידזשאַן, וועלכע זיצן דאָ אויך אין טורמע און איך האָב פון זיי ניט געוואוסט. מ׳האָט זיי, ווייזט אויס, אַרעסטירט אין איין צייט מיט מיר. אָבער אויב מען קען זיך נישט איבערקלאַפּן דורך דער וואַנט קאָן מען נישט וויסן ווער נאָך עס געפינט זיך אין זעלבן טורמע־בנין.

— איצט — טרייסט ער מיך, — וועט איר פּטור ווערן פון אייער אַזירסקין

אויך. מ׳וועט אייך געבן אַ צווייטן, ווייל פאַר זעלבסטמאָרד האָבן זיי מורא. זיי דאַרפן אייך נאָך האָבן צו דער אויספאָרשונג.

מיין בחור איז געקומען אַן אויסגעהונגערטער און איך האָב אים גלייך אָוועקגעגעבן די גאַנצע פּאַקעט ברויט, וואָס איך האָב שטענדיק איבער־געלאָזט צוליב מיין דערדריקטן פסיכישן צושטאַנד. ער איז געווען הונגעריק ווי אַ וואָלף, כאָטש מען האָט ביי אים צוגענומען ביים אַרעסט איינציקע טויזנט רובל, האָט אָבער דאָס רעכט זיך צו שאַפן מיט דעם געלט בלויז זיין אויס־פאָרשונגס־ריכטער. דו מעגסט האָבן געלט, אָבער אַז דיין „סלעדאָוואַטעל״ דערלויבט ניט אַרויסצונעמען דערפון, קאָנסטו אין טורמע־קיאָסק גאָרניט איינקויפן, אפילו ניט קיין פּעקל מאַכאָרקע מיט שוועבעלעך.

מיין שכן האָט מיר דערציילט אַ זייער טשעקאַווע געשיכטע פון זיין אַרעסט. מען האָט זיי אַרעסטירט 17 מאַן, מאַטראָסן פון איין מיליטערישן „טראַלשטשיק״ (אַ מיליטער־שיפל). די באַשולדיקונג: אַז זיי האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ בונט, פּלאַנירט צו דערשיסן דעם קאַפּיטאַן און פון פּאַרט־אַרטור צושווימען צום פּאָרט דיירען, וואָס ווערט שוין ניט קאָנטראָלירט דורך סאָוועטנפאַרבאַנד. ווי דער מאַטראָס האָט מיר איבערגעגעבן, איז די גאַנצע מעשה געווען מער אַ יוגנטלעכע שטיפעריי ווי אַ קאָנקרעטער אויסגע־אַרבעטער פּלאַן. מ׳האָט אַ רעד געטאָן צווישן זיך, אָבער פון דעם אַלעם איז גאָרניט געוואָרן. חברה איז אַ שאָד געווען דער קאַפּיטאַן, וועלכער איז פון נאַטור געווען דווקא אַ גוטער מענטש און זיי האָבן חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. אָבער צווישן זיי איז ,ווייזט אויס, געווען אַ פאַררעטער און אין אַ יאָר אַרום אַלץ איבערגעגעבן אין דער נ.ק.וו.ד. מ׳האָט דאָס יונגוואַרג, צווישן זיי יונגע קאָמסאָמאָלצעס פון אַ יאָר 18־19, אַרעסטירט און צוגעשריבן דעם פּאַראַגראַף 58 פּונקט איינס „ב״, וואָס באַדייט מיליטערישער פאַרראַט, פאַרוואָס עס דראָט טויט־שטראָף. דער דאָזיקער גרופּע איז אויך צוגעשריבן געוואָרן דער פּונקט 11 (אַן אָרגאַניזירטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גרופּע — וואָס מאַכט די שטראָף נאָך האַרבער). דעם יונגן מאַטראָס, וועלכער איז מיט מיר געזעסן אין קאַמער, האָט מען נאָך דערצו באַשולדיקט אין פּונקט 10, אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע.

— ווי קומט צו אַ יונגן קאָמסאָמאָלעץ, וואָס האָט געענדיקט אַ סאָוועטישע גימנאַזיע אין לענינגראַד, שפּעטער אַ ים־שול, דערצויגן געוואָרן די גאַנצע יאָרן אינעם סאָוועטישן גייסט — ווי קומט צו אים אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע?

איז די געשיכטע דערפון אַזאַ:

איינמאָל, נאָך עטלעכע יאָר אַפּזיין אויפן שטילן אָקעאַן, האָט איינער פון דער מאַטראָסן־גרופּע באַקומען אַן אורלויב צו פאָרן צו זיך אַהיים אין אַ דאָרף ערגעץ אין ווייסרוסלאַנד.

די מאַמע איז געווען אַ קאָלכאָזניצע, קיין טאַטן האָט ער ניט געהאַט, און די מאַמע האָט געדאַרפט אויסהאַלטן זיך אַליין און נאָך עטלעכע קליינע

קינדער. קומענדיק אין קאָלווירט האָט דער מאַטראָס (מיר וועלן אים אָנרופן שוטקאָוו) דערזען מיט דערוואַקסענע אויגן די שווידערלעכע באַדינגונגען אין וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן די קאָלווירטלער. די „טרודאָ־דני”, די אַרבעטס־טעג (לויט וועלכע די קאָווירטלער באַקומען זייער לוין פאַר דער אַרבעט, מאַכט אויס ביי 200 גראַם ברויט טעגלעך און אַ ביסל קאַרטאָפל און קרויט. די שטייערן צו דער מלוכה זיינען געוואַלטיק גרויסע. זיין שוועסטערל, 16 יאָר אַלט, וואָס האָט געוואָלט אַוועק אין שטאָט אַרבעטן אויף אַ פאַבריק, האָט מען ניט אַרויסגעלאָזט פון דאָרף. דער פויער איז פאַרשקלאַפט צו דעם קאָלכאָז מיט זיין „פּרעדסעדאַטעל” ווי אַ לייב־אייגענער. שוטקאָוו איז אַוועק קיין מאָסקווע צו ניקאָלאַי שווערניקן (דער דעמאָלסטדיקער פאָרזיצער פון סאָוועטישן אויבער־ראַט) אים צו דערציילן וועגן דער לאַגע אין די קאָלווירטן, אָבער מען האָט אים ניט געוואָלט אויפנעמען.

שוטקאָוו איז צוריקגעקומען אינגאַנצן אַן „אבערגעקערטער”. די שווערע לאַגע אין קאָלווירט האָט אים גענומען עגבערן אין מוח און געצוואונגען צו מאַכן אויספירן וועגן סטאַלינען „דעם פאָטער און לערער פון די פעלקער”. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָפט צווישן זיך דיסקוטירט. צו די יונגע מוחות פון די מאַטראָסן האָט אָנגעהויבן דערגיין אַ קריטישער געדאַנק. מיין מיט־זיצער, אַן אינטעליגענט עמפינדלעך בחורל, האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט דעם אַלעם, אַז ער האָט גענומען זיך צוהערן צו די אויסלענדישע ראַדיאָ־אודיציעס אין דער רוסישער שפּראַך און אויפגעהערט גלויבן, וואָס מען שרייבט אין די סאָוועטישע צייטונגען און פּראָפּאַגאַנדע־זשורנאַלן. שפּעטער האָבן זיך די יונגע מאַטראָסן אפילו דערטראַכט צו אַ „פּלאַן” צו אַנטלויפן מיט זייער שיף קיין דאַירען.

זיצנדיק מיטן מאַטראָס אין איין טורמע־קאַמער האָט מיר אויסגעוויזן, אַז מיין פּיין איז לייכטער געוואָרן. אַ סך אַ סך לייכטער. איין קלייניקייט: ס'זיצט מיט מיר נאָך אַ מענטש, אַ מענטש און נישט פיר גראָע ווענט; נישט דאָס בעטל, וואָס האָט אין מיינע קרענקלעכע תפיסה־זעונגען אָפּט באַקומען אַ פּנים פון פאַרשיידענע באַקענטע געשטאַלטן. איך בין אַליין שיעור ניט צומישט געוואָרן פון שטענדיקן טראַכטן און רעדן — מיט זיך אַליין.

דערוויל רופט מען מיך נישט אויף דער אויספאָרשונג. די ניט־באַדייטנ־דיקע וואונד וועלכע איך האָב מיך געמאַכט אין האַנט, היילט זיך פּאַמעלעך. זי טוט שוין נישט ווי, און מיר דוכט אפילו אַז מיר איז גוט. דער מאַטראָס איז אַן אָנגענעמער אינטעליגענטער מיטשמועסער. ער געדענקט גוט פּוש־קינס „יעווגעני אָניעגין” אויף אויסווייניק און דעקלאַמירט מיר די פּאָעמע ווען ער לייגט זיך שלאָפן און ווען ער שטייט אויף. ער געדענקט אויך זייער אויספירלעך דעם אינהאַלט פון אַ ריי ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער. ער איז שוין אויך געוואָרן אַ קענער פון דער סאָוועטישער יוריספּרודענץ און ער דערקלערט מיר פון יורידישן שטאַנדפּונקט מיין ענין און די כיטרע טריקס פון מיין אויספאָרשער.

— אַ ליאַדע טאָג — זאָגט ער צו מיר וועט מען דיך ווידער רופן אויף דער אויספאָרשונג. דאָס לאָזט מען דיר דערוויייל צורו נאָך דיין זעלבסטמאָרד־פּרואוו. אָבער איצט, וועסטו שוין נישט זיצן אַליין. מען וועט דיך יעדעס מאָל איבערפירן אין אַן אַנדער קאַמער. פאַראַן זייער אינטערעסאַנטע מענטשן אין טורמע, וועסט זיך מיט זיי באַגעגענען און דער אומעט און די פּיין וועט דיר נישט פאַלן מער אַזוי שווער ווי אין איינצל־קאַמער.

ער האָט מיר אויסגעלערנט די מאָרסע־צייכנס, מיט וועלכע מען קלאַפּט זיך איבער דורך די ווענט. ער האָט מיר אויסגעלערנט אַרויסצובאַקומען פייער דורך רייבן וואַטע אַן שטיינערנעם דיל, אַלץ זאַכן אַן וועלכע אַן אַרעסטאַנט קאָן זיך אין טורמע נישט באַגיין.

מיין אויספאָרשונג האָט זיך באַנייט און געצויגן אַן אַ סוף. שטרענג, מיט אָפּטע „פּסיכישע אַטאַקעס״, מיט פינף אויספאָרשער אויף איין מאָל, און מיט קאָנפראָנטאַציעס מיט „עדות״, וואָס האָבן „באַשטעטיקט מיינע נאַציאָנאַליס־טישע אָנשויאונגען״. די דערקלערונגען פון די דאָזיקע „עדות״ זיינען געווען ביז גאָר טראַגיש. נישט איינמאָל האָבן זיך די דאָזיקע „עדות״ צעוויינט און גענומען צוריקציען די פריערדיקע אויף זיי אַרויפגעצוואונגענע באַווייזן. האָט מען זיי אָנגעשראָקן, אַז מען וועט זיי צוציען צו געריכטלעכער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר פאַלש עדות זאָגן. דערוויייל האָב איך אַריינגעכאַפּט אַ טאָג קאַרצער פאַר צו געוואַגטע ענטפערס בעת דער אויספאָרשונג. דער רעזשים איז לגבי מיר געוואָרן שטרענגער, אָבער אין קיין איינצל־קאַמער זיץ איך נישט מער. איך באַוויז זיך נישט צוגעוואויגן צו איין צעלע און מען פירט מיך שוין אַריבער אין אַ צווייטע און אין אַ דריטע.

ביי דער גאַנצער טראַגעדיע, ביי דעם גאַנצן פּיין און האָפענונגסלאָזיקייט, געוואוינט מען זיך אָבער פּאַמעלעך צו צו דער לאַגע. מען זיצט צווישן מענטשן און אין די פרייע שעהן פון דער אויספאָרשונג שמועסט מען, מען דערוויסט זיך אַ שלל מיט לעבנס־סיטואַציעס, מען מאַכט אָבסערוואַציעס און מען דערקענט פאַרשיידענע כאַראַקטערן. זייער אָפט קלאַפּן מיר זיך איבער מיט די שכנים איבער דער וואַנט און מיר דערוויסן זיך וואָס עס קומט פאָר מיט זייערע ענינים. די פּלאָג פון „סעקסאָטן״ *) קומט מען אויך אַדורך. אויב עס ווערט נאָר וואו אין אַ תפיסה־קאַמער אַנדעקט אַ מסור, אַ „סעקסאָט״, ווייסט באַלד פון אים די גאַנצע טורמע און מען היט זיך שוין פאַר אַזאַ איינעם.

*) סעקסאָט — סעקרעטני סאָטרודניק, — אַן אונטערטראַגער, אַ מסור.

# אַ יידישער „איבערזעצער" און יאַפּאַנישע גענעראַלן

מיינע אויספאָרשער האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט שפּיאָנאַזש, אין וועלכע דער נ.ק.וו.ד.־סאַטראַפּ אָזירסקי האָט מיך געוואָלט פאַרוויקלען, באַקומט זיך גאָרניט ממשותדיקס אפילו פּאַר אַ סאָוועטישער „דיעלע". נישט אַזוי דאָס, וואָס איך גיב זיך נישט אונטער (דאָס העלפט גאַנץ ווייניק), נאָר דאָס, וואָס נאָך אַזויפיל אויספאָרשונגען זיינען אַלץ נישטאָ קיין מינדסטע באַווייזן און אפילו קיין „ליפּע" עדות. אַז מען וועט מיך אַלצאיינס משפּטן, דאָס זע איך שוין באַשיינפּערלעך, אפילו לויט דעם וואָס די אויספאָרשונג האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט און מען מאַטערט מיך מיט ווייניקער האַרבקייט ווי פריער. מיין „נאַציאָנאַליזם" איז דערפאַר קלאָר דערוויזן געוואָרן דורך די „עדות" און דעם פּאַק דאָקומענטן. איך קלער־אויף, אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, קען גאָר נישט קלאַסיפיצירט ווערן ווי אַ פאַרברעכן, וואָס זאָל אַרונטערפאַלן אונטערן פּאַראַגראַף 58. איך באַמי מיך צו דערווייזן, אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז געווען מיין פליכט צו טאָן, אָבער די אויספאָרשונג האַלט זיך ביי אירס.

די אויספאָרשונג האַלט, צום ביישפּיל, אַז איך האָב גערעדט שלעכטס און באַליידיקט די סאָוועטישע אוקראַינע, זאָגנדיק אַז דאָרט איז פאַראַן אַנטי־סעמיטיזם. „דאָרט — זאָגט מיין אויספאָרשער — קען ניט זיין קיין אַנטי־סעמיטיזם, ווייל דאָרט איז סאָוועטנמאַכט"... יעדער ווייטערדיקער אַרויס־רוף אויף אַ פאַרהער איז אַצינד בלויז אַ ווידערהאָלונג פון אַלטע און נייע וואַריאַציעס: מ'האָט נאָך ערגעץ אויסגעפונען מיינס אַ ליד, געפּאַקט עפּעס אַן אַרטיקל, אַ נאָטיץ „פון נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער".

דער איבערזעצער פון מיינע לידער, אַ קאַפּיטאַן פון דער מ.ג.ב. ( די סאָוועטישע געהיים־פּאָליציי), איז אַ יידישער בחור פון ביראָ־בידזשאַן, וואָס איז צוריקקומענדיק פון פראָנט, נאָך ניט־געלונגענע פרואוון אויפן ליטע־ראַרישן געביט, געוואָרן אַ געשוואוירענער איבערזעצער אין דער מ.ג.ב. ער האָט מיך געפרעגט ציניש, צי זיינע רוסישע איבערזעצונגען פון מיינע לידער „באַפרידיקן מיך?" ער גיט דערביי אַ שמייכל און באַמערקט, אַז לויט זיין מיינונג, קען זיך קיין דיכטער בכלל נישט ווינטשן קיין בעסערע איבערזעצונג פון זיין ליד. איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט אַראָפּצושלינגען אַזעלכע ביטערע פילן. איך בין שוין ניט געווען איבערראַשט ווען מען האָט מיר באַוויזן די באַשטימונג פון דער ספּעציעלער ליטעראַרישער קאָמיסיע, וועלכע די מ.ג.ב. האָט ספּעציעל אָרגאַניזירט פון כאַבאַראָווסקער רוסישע שרייבער. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט „פעסטגעשטעלט" אויפן גרונט פון די דורכגעשטודירטע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן, אַז די גאַנצע אַרבעט פון די ביראָ־בידזשאַנער יידישע שרייבער איז געווען „אַ בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע". אַזעלכע קאָ־מיסיעס, ווי איך האָב זיך דערוואוסט, זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אין

קיעוו, מינסק און מאָסקווע. די מ.ג.ב. האָט נאָך געהאַט די אַמביציע דער פּאָגראָם זאָל האָבן אַ פּנים פון אַ ריין שטיקל אַרבעט און זיך דערצו אפילו באַמיט צו באַקומען די גוטהייסונג פון די שרייבער. עס איז איבעריק צו־צוגעבן, אַז די שרייבער זיינען דערצו געצוואונגען געוואָרן דורך מורא און טעראָר.

נייִן, איך בין אין פאַרלויף פון די לאַנגע חדשים אויספאָרשונג, באַ־קענענדיק זיך נענטער מיט די מעטאָדן פון מ.ג.ב. ניט פאַרוואונדערט געוואָרן, ווען מען האָט מיר פאַרגעלייענט אַ שטייגער, ווי אַזוי דער ב ס ת ר ז״ל (איינער פון די ריינסטע און וואונדערבאַרסטע געשטאַלטן צווישן די סאָוועטישע יידישע שרייבער) האָט אויף זיך אַליין געזאָגט:

— יאָ, מאַטערי, יעוורעיסקי נאַציאָנאַליסט (איך בין דער אבי־אבות פון יידישן נאַציאָנאַליזם).

איך האָב זיך צוגעוואוינט צו די וועכטער און געוואוסט וועמען פון זיי מען קאָן אַמאָל אָפּנאַרן און כאַפּן אַ דרימל בייטאָג. מיר פלעגן דאָס טאָן כלומרשט שפּילנדיק דאָמינאָ. לויט דער ריי האָט יעדער, זיצנדיק אויס־געדרייט מיט דער פּלייצע צום „אויגעלע״ אין טיר, געכאַפּט אַ צען־מינוטיקן דרימל. מען לאָזט אָבער אויף קיין פאַל זיך נישט צוגעוואוינען צו די מיט־זיצער און מען האַלט אין איין אַריבערפירן פון איין קאַמער אין דער צווייטער.

איינמאָל האָט מען מיר אַריבערגעפירט אין אַ גרויסער, געראַמער טורמע־קאַמער מיט פינף בעטלעך. איך עפן אויף די טיר און זע: דריי יאַפּאַנישע גענעראַלן אָנגעטאָן אין זייערע אוניפאָרמען. דער עלטסטער צווישן זיי, אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ ווייס בערדעלע, האָט מיך געפרעגט אין דייטש, פון וואַנען איך קום. ער האָט זיך פאַר מיר גלייך פאָרגעשטעלט:

— גענעראַל־פאַלקאָווניק א ו ס ו ר ו פ ו.

ער האָט מיר אויך פאָרגעשטעלט פאַר זיינע קאָלעגן. איינער אַ גענעראַל־לייטענאַנט פון דער אַרטילעריע; דער צווייטער — אַ גענעראַל־מאַיאָר פון דער אַוויאַציע. גענעראַל אוסורופו איז אַ לאַנגע צייט געווען דער מיליטערי־שער אַטאַשע פון דער יאַפּאַנישער אַמבאַסאַדע אין בערלין. ער קען אויס־געצייכנט דייטש, ער איז זייער פריינטלעך, און שוין דעם ערשטן טאָג האָט ער מיר דערציילט זיין גאַנצן יחוס.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען דער פאַר־טרעטער פון דעם שעף פון דער גוט־באַקאַנטער קוואַנטונער אַרמיי, יאַמאַדאַ, וואָס איז געשטאַנען אין מאַנדזשוריע, אויף דער גרענעץ מיט סאָוועט־רוסלאַנד. נאָכן זיג איבער יאַפּאַן זיינען אַ גרויסע צאָל יאַפּאַנישע גענעראַלן גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט ביי די סאָוועטן. זיי זיינען געהאַלטן געוואָרן אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע אין כאַבאַראָווסק, און עס איז זיי געווען ניט שלעכט. מען האָט זיי אויך געשפּייזט לויט דער ספּעציעלער נאָרמע פאַר גענעראַלן.

מיטאַמאָל האָט זיך אין כאַבאַראָווסק אָנגעהויבן דער באַרימטער „וואַקצין־

פּראָצעס״, דער פּראָצעס קעגן די גענעראַלן, וואָס האָבן אין צייט פון קריג געזאָלט האָבן אָרגאַניזירט דאָס אויסאַרבעטן גיפטיקע שטאָפן פאַר אַן עווענ־טועלן כעמישן קריג. די 17 גענעראַלן, מיטן גענעראַל יאַמאַדאַ אין דער שפּיץ, זיינען אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע, שוין מער ניט אויף דער רעכט פון געפאַנגענע גענעראַלן, נאָר ווי קריגס־פאַרברעכער.

די יאַפּאַנישע גענעראַלן האָבן זיך מיט מיר געהאַלטן פריינטלעך. זיי פלעגן מיט מיר שפּילן אין דאַמינאָ, אין דאַמקע. זיי האָבן אויך אויסגעקלעפּט פיגורן פון ברויט און מיט מיר געשפּילט אין שאַך. די אַנדערע צוויי גענעראַלן האָבן בלויז גערעדט יאַפּאַניש און ענגליש — האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט דורך דעם עלטערן גענעראַל אָסורופּו.

ווי אָסורופּו האָט מיר דערציילט, איז אים דאָסגלייכן צוגעשריבן געוואָרן די באַשולדיקונג, אַז ער האָט אין די צוואַנציקער יאָרן, אין דער צייט פון דער יאַפּאַנישער אינטערווענץ אין ווייטן מזרח, געזאָלט אין דער שטאָט טשיטאַ זיך בלוטיק אָפּרעכענען מיט די סאָוועטישע פאַרטיזאַנער.

— איך בין דאָך נאָר אַ זעלנער — האָט אָסורופּו זיך פאַרטיידיקט פאַר מיר — וואָס בין איך שולדיק?

איך בין מיט אים ניט אַריין אין קיין לאַנגע דיסקוסיעס, דאָ זיינען מיר דאָך אַלע אַרעסטירטע און ווערן באַטראַכט ווי די זעלבע פאַרברעכער. ער האָט מיר כסדר געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן זיין שיין הויז אין טאָקיאָ מיט אַ באַדינונג פון 20 פּערזאָן, וועגן זיינע זין וועלכע זיינען הויכע מיליטער־לייט. די גענעראַלן האָבן, אויסער אַ בעסערן פּאַיאָק, אויך געהאַט אַ לייכטערן רעזשים: זיי האָבן געמעגט שלאָפן בייטאָג, זיי האָט מען ניט געצוואונגען זיך אַליין צו באַדינען; זיי האָבן ניט אַרויסגעטראָגן די „פּאַראַשע״ *) און ניט געדאַרפט בריען מיט הייסן וואַסער די ברעטער פון דער נאַרע. דער שעף פון דער קוואַנטונער אַרמיי, יאַמאַדאַ, האָט אפילו געהאַט אַ באַזונדערע באַדינונג און ביי זיין קאַמער איז געשטאַנען אַ ספּעציעלע וואַך.

דאָס שטילע לעבן אין אונדזער קאַמער האָט צעשטערט אַ נייער אַרעס־טאַנט, וואָס מען האָט אַריינגעפירט צו אונדז אין קאַמער, אַן אָנפירער פון אַ כאַבאַראָווסקער שייקע גנבים מיטן נאָמען וואַלאָדיאַ. ער איז געווען אַ הויכ־געוויקסיקער, אַ קרעפּטיקער, מיט אַן אינטעליגענט פּנים, און שיין באַקליידט: אין אַ פיינעם בלויען אַנצוג מיט לאַקיר־שיך. גלייך ביי זיין אַריינקומען אין קאַמער איז ער צו מיר צו און זיך פאָרגעשטעלט:

— וואַלאָדיאַ, אַ רוסישער מענטש. און גלייך דערביי אָנגעוויזן אויף די יאַפּאַנער און מיט אַ צינישן שמייכל געפרעגט:

— וואָס טוען דאָ די סאַמורייען, די פאַשיסטן?

פון מיינע שפּעטערדיקע שמועסן מיט אים האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיינס אַ ברודער, אַ סאָוועטישער פאָלקאָווניק, איז אין 1938 אומגעקומען

---

*) פּאַראַשע — דער קובל, וואָס געפינט זיך אין טורמע־קאַמער, פאַר מענטשלעכע באַדערפענישן.

אין קאַמף קעגן די יאַפּאַנער ביי דער אָזיעריע כאַסאַן. פון דעם האָט זיך גענומען זיין פערזענלעכער האַס צו די יאַפּאַנישע גענעראַלן, וועמען ער האָט פאַרביטערט דאָס לעבן אין קאַמער.

וואַלאָדיע האָט מיר אויך דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע.

## די „פילאָסאָפיע" פון אַ סאָוועטישן גנב

פון 13 יאָר אָן איז וואַלאָדיע דערצויגן געוואָרן אָן אַ פאָטער; אַ היימ־לאָזער, האָט ער זיך געחברט מיט נאָך אַזעלכע ווי ער. זיי פלעגן זיך אַרומ־וואַלגערן אויף די וואָקזאַלן און זיך פאַרנעמען מיט קליינע קעשענע־גנבות. מ׳האָט אים עטלעכע מאָל געכאַפּט און ער איז אָפּגעקומען זיין שטראָף אין אויסבעסערונגס־הייזער און לאַגערן פאַר קינדער־פאַרברעכער. ווען ער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן איז אים דערעסן געוואָרן די מלאכה פון אַ פּראָסטן „קאַרמאַנשטשיק" (קעשענע־גנב) און ער האָט זיך גענומען צו מער ריזיקאַלע גנבות. פאַר בעסערער מאַסקירונג האָט ער בייטאָג געאַרבעט ווי אַ טאָקער אין אַ מעבל־פאַבריק וואו ער איז געווען איינער פון די בעסטע אַרבעטער און מ׳האָט אפילו אַרויסגערוקט זיין קאַנדידאַטור פאַר אַ בריגאַדיר. אָבער נאָך פייאַקער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אין זיין „נאַכט־אַרבעט", ווי דער „ברי־גאַדיר" פון אַ שייקע גנבים, וואָס האָבן במשך פון עטלעכע יאָר דערפאָלגרייך באַגנבעט יוּוועליר־געשעפטן, בענק, מאַנופאַקטור־סקלאַדן און אַנדערע.

— מיר — גיט מיר וואַלאָדיע צו פאַרשטיין — האָבן אונדזער אַרבעט געטאָן מער מיט שכל, מיט קלוגשאַפט, ווי מיט כוח און בראַוווע איינשטעלעניש. מיר זיינען ערלעכע גנבים און האָבן פיינט בלוט־פאַרגיסונג. אָוועקלייגן אַ וועכטער שפּילט קיין ראָלע ניט, אָבער דאָס איז ניט קיין אויפטו. אַ סך שווערער איז אויסצופירן אַ שטיקל אַרבעט אָן בלוט־פאַרגיסונג, אָבער דערצו זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מיטלען. מען דאַרף, למשל, קענען פאַררעדן אַ וועכטער, אָדער אים איבערקויפן. מען דאַרף זיך קענען אַריינגנבענען אין אַ געשעפט און דאָרט פאַרבלייבן איבער נאַכט. מען דאַרף קענען די מלאכה פון איינברעכן אַ קאַסע אָן טומל און אָן רעש, מען דאַרף זיין געניט און פלינק.

וואַלאָדיע איז דאָס געווען. די אַרבעט בייטאָג אין דער פאַבריק האָט אים נאָך דערצו שטענדיק געגעבן אַן אויסגעצייכנטן „אַליבי". און אַחוץ דעם, האָט קיין שום אַריינגעפאַלענער מיטגליד פון דער שייקע קיינמאָל ניט אויס־געגעבן זיינע חברים. ערשטנס, האָט ער געוואוסט, דראָט אים פאַר דער מסירה דער טויט. צווייטנס, ווייס יעדער אַרעסטירטער, אַז ער איז ניט אַליין, די חברים אויף דער פריי וועלן אים העלפן מיט אַלעם מעגלעכן די גאַנצע צייט פון זיין אַרעסט.

די כאַבאַראָווסקער פּאָליציי האָט גוט געוואוסט פון דער שייקע און פון איר אָנפירער, אָבער קיין זאַכלעכע באַווייזן איז זיי נישט געלונגען צו באַקומען און זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין סמך אויף וועלכן מען וואָלט געקענט

וואַלאַדיען אַרעסטירן און פאַרמשפּטן. האָבן זיי צוגעטראָכט פאַר אים אַ פּאַסטקע צו פאַנגען.

דעם 8טן מערץ, ווען עס ווערט אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד געפייערט דער „פרויען־טאָג", איז וואַלאַדיע אַוועק „גולאַיען" (פאַרברענגען) מיט די פאַרבירטע פרויען־אַרבעטאַרינס אין דעם כאַבאַראָווסקער האָטעל, דעם אַזוי גערופענעם „זאַטאָן". דאָרט האָט אים די פּאָליציי אונטערגערוקט אַ מיידל, וואָס האָט מיט אים זייער גערן פאַרבראַכט און שפּעטער עדות געזאָגט, אַז ער האָט זי אָנגעשיכורט און „פאַרגוואַלדיקט".

וואַלאַדיע האָט אָבער דערוויזן זיין „אַליבי": איינע פון זיינע מיידלעך האָט עדות געזאָגט, אַז אין דער זעלבער נאַכט האָט ער גאָר פאַרבראַכט מיט איר.

אמת, איינער פון זיינע לייט, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געהוליעט, האָט עפּעס אַרויסגעפּלאַפּלט בעת דער אויספאָרשונג אַזוינס, וואָס איז פאַר וואַלאַדיען ניט געווען גינסטיק. אָבער ס'איז גענוג געווען אַז וואַלאַדיע זאָל האָבן מיט יענעם אַ קאָנפראָנטאַציע — און יענער האָט תּיכף אַרויסגעכאַפּט זיין פריערדיקן פּראָטאָקאָל פון דעם אויספאָרשערס הענט און צעריסן אויף פּיצ־פּיצלעך. ביי אונדז, גנבים, — גיט מיר וואַלאַדיע צו פאַרשטיין דעם „דין" — שפּילט מען זיך נישט. דער „סליעדאָוואַטעל" אַליין האָט פאַר אונדז מורא. מיין אויספאָרשער האָט אפילו מיט שרעק אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז טאַקע אמת, אַז גנבים זיינען זיך נוקם אין זייערע אויספאָרשער? וואַלאַדיע האָט נישט נאָר באַשטעטיקט דעם „קלאַנג" נאָר דערקלערט אַז מען שינדט פון אַזאַ איינעם די הויט. און זיין „סלעדאָוואַטעל" איז געוואָרן בלאַס ווי אַן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל, לאַכט וואַלאַדיע גוטמוטיק.

צו וואַלאַדיען האָט ממש די גאַנצע טורמע־לייטונג אָפּן אַרויסגעוויזן זייער גרויס אָפּשיי. אַז מען גיט, למשל, אַריין אַ פּעקל פאַר אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט פון דער פריי, ווערט אַלץ צעבראָכן און צעמאָלן בעת דער רעוויזיע. אפילו אַ ברויט ווערט צעשניטן אויף שטיקער, טאָמער איז דאָרט קונציק פאַרשטעקט עפּעס אַ צעטעלע, אָדער אַן אַנדער קאָנטראַבאַנדע. וואַלאַדיען, זיינען אָבער די פּעקלעך אָנגעקומען כמעט נישט גערירט. און אויב ער האָט דערקענט, אַז מען האָט זיך צופיל געראָיעט אין דער שיקונג, האָט ער באַלד געקלאַפּט אין טיר און געזידלט נאַטשאַלסטוואָ אין טאַטנס טאַטן אַריין.

אין כאַראַקטער איז וואַלאַדיע ניט געווען קיין שלעכטער. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געזעצט עסן אַליין, זיך מיט מיר שטענדיק געטיילט מיט דעם, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פריי. כאָטש, ווי ער האָט מיר דערקלערט, ס'איז קעגן גנבישן „זאַקאָן", וואָס פאַרווערט אַ פּראָפעסיאָנעלן גנב צו עסן צוזאַמען מיט אַ געוויינלעכן מענטש. אָבער „ניטשעוואָ, טי כאַראָשי סטאַרי־קאַשקאַ" (ס'מאַכט נישט אויס, דו ביזט אַ גוטער אַלטיטשקער). און „גוט" בין איך געווען, וויל כ'האָב ביי אים אויסגעהאַלטן דעם אַרעסטאַנטסקן „עק־זאַמען". געווען איז דאָס אַזוי:

איינמאָל האָט ער זיך דורכגעקלאַפּט מיט די אַרעסטירטע מיידלעך, אַז

מאָרגן אויפן שפּאַציר, וועט ער זיי אַריבערוואַרפן אַ זיידן טיכל איבער דער וואַנט פון קליינעם שפּאַציר־טורעם. דאָס אָרט פון אונדזער 15־מינוטיקן שפּאַציר איז געווען אַ קליין פּלעצל, צעטיילט אין דער פאָרם פון אַ קרייץ מיט פיר ווענטלעך און אַרומגעצוימט מיט אַ גרויסער געמויערטער וואַנט. גלייכ־צייטיק פלעגן די אַרעסטאַנטן פון פיר קאַמערן האָבן זייער שפּאַציר, אָפּגעטיילט אין קאַמער פון צווייטן מיט די ווענטלעך. וואַלאַדיע האָט דאָס טיכל צו די מיידלעך אַריבערגעוואָרפן אַזוי קונציק, אַז דעם וועכטער אויפן אויבערשטן טורעם האָט זיך אויסגעוויזן אַז גאָר אַ צווייטער האָט עס געוואָרפן...

ביים צוריקגיין אין קאַמער פון שפּאַציר האָט מען מיר פאַרהאַלטן און דער וועכטער האָט מיר מיט כעס געזידלט:

— אַזאַ אַלטער ש... און פאַרנעמט זיך נאָך מיט אַריבערוואַרפן טיכלעך צו די מיידלעך.

איך האָב שוין געוואוסט דעם תפיסה־געבאָט, אַז אויב מען כאַפּט דיך אפילו ביי אַ זאַך וואָס דו ביסט ניט שולדיק און דו ווייסט גוט ווער דאָס האָט געטאָן — טאָר מען ניט אַריבערוואַרפן פון זיך די זינד אויף אַ צווייטן. איך האָב וואַלאַדיען ניט אויסגעגעבן, און דער וועכטער האָט מיר גלייך גע־מאָלדן איך זאָל זיין גרייט צום קאַרצער. דער סוף איז אָבער געווען, אַז מען האָט גערופן די מיידלעך צום טורמע־נאַטשאַלניק, האָבן יענע פאַרזיכערט מיט כל השבועות, אַז דאָס זיידן טיכל האָבן זיי שוין פון לאַנג, און אַז דער וועכטער האָט פשוט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויפן אַלטן. צום גליק האָט מען מיר אין קאַרצער ניט געשיקט. וואַלאַדיע איז אָבער געווען אַנטציקט פון מיין האַלטונג, פון נעמען די שולד אויף זיך, און איז מיט מיר געוואָרן נאָך מער פאַרטרוילעך און פריינטלעך.

## וואַלאַדיעס האַרץ...

אויסנוצנדיק מיין דערוואָרבענע אויטאָריטעט ביי מיין „פריינט", דעם גנב וואַלאַדיע, האָב איך זיך ביי אים גענומען באַמיען, ער זאָל זיך פאַרהאַלטן העפלעכער צו די דריי יאַפּאַנישע גענעראַלן, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אונדז געזעסן אין דעם זעלבן טורמע־קאַמער.

— אין אַ טורמע־קאַמער דאַרפן אַלע אַרעסטירטע זיך באַציען אָנשטענדיק איינער צום אַנדערן — האָב איך געזאָגט — און לאָזן אַלע חשבונות פאַר דער פריי.

— אָבער זיי זיינען פאַשיסטן — האָט וואַלאַדיע מיר געענטפערט.

— איך בין דאָך אויך אַ פאַשיסט ביי אייך, איך בין דאָך אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, האָב איך געזאָגט.

— דו ביזט אונדזערער אַ פאַשיסט און זיי זיינען פרעמדע פאַשיסטן...

— און דו, וואַלאַדיע, פּרואוו איך אין גוטן מוט באַרירן ביי אים אַ צווייטע

סטרונע, דו ביזט דאָך אויך נישט קיין אָרנטלעכער סאָוועטישער מענטש, דו באַגנבעסט דאָך דעם מלוכהשן פאַרמעגן?

— איך בין אַ סאָוועטישער מענטש — גיט ער מיר צו פאַרשטיין — און איך בין נישט קעגן דער סאָוועטישער אָרדענונג. איך גנבע? — אונדזער מלוכה איז גענוג רייך!

די דריי יאַפּאַנער האָבן זיך באַמיט צו לעבן מיט אים בשלום, אים מוחל געווען אַלע אומאָנשטענדיקע אויסדרוקן אויף זייער חשבון. זיי האָבן אים מכבד געווען מיט זייערע גוטע סיגאַרעטן אָבער זיי האָבן אים מיט גאָרנישט געקענט איבערקויפן. ער פלעגט זיי אַלעמאָל אָפּטאָן שטיקלעך. איינמאָל, ווען איך בין געזעסן און מיט זיי געשפּילט אין שאַך, גיט ער צו מיר אַ זאָג:

— ווערסט באַלד זען מיין קונסט אין גנבה. דאָס איז אפילו נישט מיין פאַך, איך בין נישט קיין קעשענע־גנב און פאַרנעם זיך ניט מיט אַזעלכע קליייניקייטן, אָבער איך האָב אין דעם דערפאַרונג פון די יינגלשע יאָרן.

און גלייך האָט ער באַוויזן זיין קונסט: אַלץ וואָס האָט זיך געפונען ביי די גענעראַלן אין די קעשענעס האָבן „איבערגעוואַנדערט" צו אים אין האַנט. אויף מיין בקשה, האָט ער זיי אַלץ אָפּגעגעבן צוריק. איך האָב אָבער געזען, ווי אונטער דער מאַסקע פון גוטמוטיקער העפלעכקייט האָט ביי די יאַפּאַנער אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין די פּנימער פון באַליידיקטן שטאָלץ. זיי האָבן זיך אפילו באַקלאָגט פאַר זייערע אויספאָרשער אויף וואַלאָדיען. די אויס־פאָרשער האָבן אים אַרויסגערופן, און אים געזאָגט, אַז אויב ער איז טאַקע אַ סאָוועטישער פּאַטריאָט, דאַרף ער לעבן גוט מיט די גענעראַלן, ווייל די אויספאָרשונג נייטיקט זיך זייער שטאַרק אין זייער עדות זאָגן. וואַלאָדיע איז אָבער געבליבן פאַרעקשנט:

— נעמט זיי צו, אָדער פירט מיך אַריבער אין אַן אַנדער קאַמער!
עס איז געקומען דער טורמע־נאַטשאַלניק און אים געוואָרנט:
— דו ווערסט ביי מיר טראָגן קייטלעך אויף די הענט!
— און דו ווערסט פון דאַנען גיין אַ גאַנג... האָט וואַלאָדיע געענטפערט.
— זיי ניט אַזוי חוצפּהדיק, מיר האָבן שטאַרקערע פון דיר געצוימט.

— איך וועל זיי אַמאָל איבערשניידן די העלדזער און דו ווערסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך — האָט וואַלאָדיע קאַלטבלוטיק געוואָרנט דעם נאַטשאַלניק.

און וואַלאָדיע האָט זיינס דערגרייכט. מען האָט אים אַריבערגעפירט פון אונדזער קאַמער אין אַ צווייטער. די יאַפּאַנער האָבן ממש אויפגעלעבט, כאָטש מען האָט זיי גענומען אַלץ ערגער און ערגער באַהאַנדלען אין טורמע. זייער אויספאָרשונג האָט זיך פאַרענדיקט און מען האָט זיי אויפגעהערט צו קעכלען. זיי האָבן שוין באַקומען די זעלבע נאָרמע וואָס אַלע אַרעסטירטע, נישט באַקומען מער קיין רייז, נאָר האָבער־קאַשע אָדער הירש. דער אַלטער גענעראַל אוסורופו פלעגט זיך קרימען:

— פשאַנקאַ, פשאַנקאַ... (הירש און הירש)...

דאָס אַלץ האָט דעם אַלטן אַזוי ניט געפּייניקט ווי דאָס, וואָס דער ריכטער

האָט אים ניט געלאָזט קומען אין געריכט אין זיין פולן מיליטערישן אוניפאָרם, מיט די געל־גלאַנציקע שטיוול און די האַרטע כאָלעוועס.

— אַזאַ דערנידעריקונג! — האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרואיקן.

די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן עטלעכע טעג. יעדן טאָג זיינען די גענעראַלן צוריקגעקומען רויט־פאַרשוויצטע, ניט גענומען דאָס עסן אין מויל אַריין, גענומען ליידן אויף שלשול (לויזן מאָגן) און זיך געהאַלטן אין איין אַנטשולדיקן פאַר מיר, פאַרן באַנוצן די „פּאַראַשע" פאַר זייער געברויך. אוסורופּו האָט מיך שוין מער ניט געלערנט קיין יאַפּאַניש אויף זיין שטייגער, מער נישט געאיבט אין זייערע שפּילערייען, (אַ מין שאַך־שפּיל מיט נומערן, זייער קאָמפּליצירטע, צו וועלכן מען באַדאַרף האָבן אַ סך געדולד מיט אַ גוטן זכרון). ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל טרויעריקער און מיר געהאַלטן אין איין פרעגן, צי אַזאַ מענטש ווי ער, 66 יאָר אַלט, אַרבעט נישט אין לאַגער. די אַנדערע צוויי גענעראַלן, פון מיטעלן עלטער, זיינען גאָר געווען צעטומלט. זיי זיינען נאָך יונג און זייער גורל איז זיכער אַ געחתמעטער, זיי וועלן מוזן שווער אַרבעטן. די יאַפּאַנער האָבן באַקומען צו 25 יאָר, און אויב זיי זיינען ניט אומגעקומען אין די לאַגערן, האָט מען זיי שפּעטער זיכער באַפרייט לויטן סאָוועטיש־יאַפּאַנישן אָפּמאַך. יעדער איינער פון זיי מוז אַוודאי געדענקען די שפּיצלעך, וועלכע דער גנב וואַלאַדיע האָט זיי אָפּגעטאָן אין טורמע.

איך געדענק אויך דעם סוף פון וואַלאַדיען. פאַרן צונעמען אים פון אונדזער קאַמער, האָט ער מיר געזאָגט:

— איך גיב דיר איבער מיין פּאַראָל. אַלע גנבים, אויב זיי זיינען נאָר „טשעסניאַקעס" („ערלעכע לייט"), וואָס היטן דעם גנבישן „זאַקאָן", אַז זיי וועלן פון דיר הערן, אַז דו ביסט געזעסן מיטן כאַבאַראָווסקער הויפּט־גנב „קערי", וועלן זיי דיר נישט נאָר נישט באַגנבענען, נאָר דיר היטן פון אַלדאָס בייז.

ווען איך בין שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער אירקוטסקער איבערשיקונגס־תּפיסה, בין איך טאַקע אַריינגעפאַלן צווישן אַזאַ באַנדע גנבים. און אָנהייב האָט מען מיך פאַרשטויסן אין אַ ווינקל און זיך געקליבן מיר אַראָפּצונעמען די שיך. אָבער ווי איך האָב נאָר געזאָגט מיט וועמען איך האָב געהאַט דעם „כבוד" צו זיצן צוזאַמען אין איין קאַמער, האָט מיך דער הויפּט פון דער גנבים־גרופּע גלייך אָפּגעגעבן איינעם פון די בעסטע ערטער און אָנגעזאָגט זיינע לייט, אַז מען זאָל זיך צו מיר באַציען ווי צו „אַן אייגענעם". פון די דאָזיקע חברה־לייט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער „גדול" זייערער, וואַלאַדיע, איז אַרויס אויף דער פריי. פּאָליציי האָט אויך דאָס מאָל דעם געניטן פאַרברעכער ניט געקענט פּאַקן אין די לאַפּעס, ער האָט דערוויזן זיין „אַליבי"...

דערווייל זיינען מיינע צרות אָן אַ סוף. דער אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט גלייך אין אָנהייב פון דער אויספאָרשונג מיר געוואָרנט, אַז „פון דאַנען גייט קיינער ניט אַרויס אויף דער פריי, צי ער איז זיך מודה אָדער ניט" — האָט קיין ליגן ניט געזאָגט. אין פאַרלויף פון דעם יאָר וואָס איך בין אָפּ־

געווען אין דער כאַבאַראָווסקער אויספאָרשונגס־טורמע, געדענק איך גיט, עס זאָל ווער האָבן אָפּגעקומען אַן אַן אורטייל. זייער ווייניק זיינען געמשפּט געוואָרן דורך אַ טריבונאַל, די מערסטע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן דורך אַ „טראָיקע" — אַ דריילינג, וואָס איז געזעסן ערגעץ אין מאָסקווע, אויף גיך איבערגעקוקט די „דיעלאָ" וועלכן עס האָבן צוגעשיקט די אויספאָרשונגס־ריכטער מיט דער צושטימונג פון דער פּראָקוראַטור (די פּראָקוראַטור האָט בכלל ניט געהאַט קיין אייגענע מיינונג. זי האָט צוגעבאַמקעט צו אַלץ, וואָס די אָרגאַנען פון דער מ.ג.ב. האָבן צוגעגרייט). די פאַרמשפּטע האָט מען געווײנלעך שוין געהאַלטן באַזונדער, אַזוי לאַנג, ביז עס איז פאַר זיי אָנגעקומען פון ערגעץ אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, דער „נאַריאַד" (אַ באַשטעלונג אויף „אַרבעטס־קראַפט"). מען האָט זיך דערוואוסט וויפל יאָרן זיי האָבן „אַריינגעכאַפּט" דורך צעטעלעך, וואָס די פאַרמשפּטע פלעגן איבערלאָזן אין טואַלעט־קאַמער, אָדער אָנצייכענען אויף דער וואַנט מיט עפּעס אַן אָפּגערעדטן צייכן. ווייניקער פון צען יאָר האָט מען געווײנלעך ניט געגעבן, זייער, זייער זעלטן איז ווער אָפּגעקומען מיט 5 יאָר אַרעסט.

אָבער דאָך איז אין דער כאַבאַראָווסקער טורמע געווען אַ זעלטענער פאַל, ווען אַנשטאָט דעם געווײנלעכן פּראָטאָקאָל נומער 206, וואָס באַדייט, אַז דער געפאַרשטער אַרעסטאַנט איז געפונען געוואָרן שולדיק, האָט איינער פון די אַרעסטאַנטן אין טורמע אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל נומער 204, וואָס באַדייט, אַז דער געפאַרשטער איז דערקלערט געוואָרן אומשולדיק. ווען איך האָב שפּעטער, אין לאַגער, דערציילט וועגן דעם פאַל, האָבן די אַלטע אַרעס־טאַנטן געשטוינט און ניט געוואָלט גלויבן, אַז אַזעלכעס קאָן נאָך אויך פּאַסירן ביי דער סטאַלינישער „יוסטיץ".

## דער איינציקער באַפרייטער פון דער טורמע

איך בין ווידער אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ נייער קאַמער אין דער כאַבאַראָווסקער טורמע. צוזאַמען מיט מיר געפינען זיך דאָ נאָך צוויי אַרעס־טאַנטן. איינער, אַ געניטער לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט, אַ רוס פון סיביר, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין גנבה. אַזוי אָבער ווי דעם אייזנבאַן־טראַנספּאָרט קאָנ־טראָלירט די פּאָליטישע פּאָליציי, איז ער איינגעזעצט געוואָרן אין דער אויס־פאָרשונגס־טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין זיין ענין איז אָבער נישט פאַראַן אפילו קיין שמץ פון „פּאָליטיק". ער האָט געהאַנדעלט חזירים אויף יום־טוב און אַזוי ווי קיין שפּייז פאַר די חזירים האָט ער אין די מלוכה־קראָמען בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען צו קויפן, האָט ער אַזוי לאַנג געזוכט ביז ער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן: דער צוג זיינער פאָרט שטענדיק פאַרביי אַ גרויסן סקלאַד פון תבואה און די זעק קלאַיען ליגן אָנגעוואָרפן אויף דער באַן־ראַמפּע, כאָטש נעם און פיר זיי אַהיים — האָט ער טאַקע אַריינגענומען עטלעכע זעקלעך קלאַיען אין זיין לאָקאָמאָטיוו און דערפאַר שפּעטער באַקומען

די מילדסטע שטראָף — דריי יאָר פאַרשיקונג. דער מאַשיניסט איז געווען אַזוי גליקלעך איבעראַשט פון מילדן אורטייל, אַז אַלע ווענט אין אַפּטריט האָט ער באַשריבן מיטן ציפער 3.

דער צווייטער שכן אין קאַמער איז געווען אַ געמישטער: דער טאַטע אַ גרוזינער, און די מאַמע אַ רוסישע. אַ מענטש מיט אַ זייער טשיקאַווער געשיכטע.

נאָכן פאַרענדיקן אַ העכערע מאַטראָסן־שול ווי אַן אינזשיניער, האָט ער לאַנגע יאָרן געאַרבעט אויף סאָוועטישע שיפן אין דער טעכנישער אָפּטיילונג, ווי אַ שעף־מעכניק. אַזוי ווי די שיפן פלעגן לאַנדן אין פאַרשיידענע סאָוועטישע האַפן־שטעט, האָט ער געהאַט עטלעכע דירות: אין ריגע, אין וולאַדיוואָסטאָק און וואָראָשילאָווסק (וולאַדיוואָסטאָקער געגנט). ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ טאָטערין, אַ געוואַלדיקע שיינהייט, און די דאָזיקע „קראַסאַוויצע" זיינע, האָט ער אונטערגעזיפּצט, איז דאָס געוואָרן דער קוואַל פון אַלע זיינע צרות.

אין שכנות פון זיין הויז אין וולאַדיוואָסטאָק, האָט געוואוינט אַן אויספאָר־שונגס־ריכטער פון דער מ.ג.ב. וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זיין שיין ווייבל, און נאָכאַנאַנד געזוכט ווי אַזוי אָפּצורוימען פון וועג דעם מאַן פון דער שיינהייט. אַלעמערשטן האָט ער אים אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה שפּיאָנען, דורך וועלכע ער האָט אויסגעפונען אַשטייגער, אַז דער דאָזיקער שיף־מעכאַניק האָט אויס־גענוצט זיין הויכן אַמט זיך איינצושאַפן פאַר אַ ביליקן פּרייז מעבל פאַר זיין היים.

אויפן סמך פון די ידיעות האָט גאַגלידזע (אַזוי האָט געהייסן דער אויס־פאָרשער) גלייך אָנגעהויבן אַן אָפיציעלע אויספאָרשונג און דער מעכאַניק האָט סוף־כל־סוף באַקומען צען יאָר פאַרשיקונג. דער מעכאַניק איז אָבער נישט געווען אַבי־ווער, אַ פאַרטייער און אַ זון פון אַ פאַרטייער; דער טאַטע זיינער איז געווען אַ גאַנצע „שישקע" אין גרוזיע און געהאָלפן איינשטעלן דאָרט די סאָוועטישע אָרדענונג. דער מעכאַניק האָט זיך אויך אין לאַגער אַן עצה געגעבן. ווי אַ „ביטאָוויק" *), האָט מען אים ניט פאַרשיקט אין קיין שווערן, ווייטן לאַגער, און ער האָט ווידער געאַרבעט אין אַ ווערפע ביי שיפן. די שיפסלייט האָבן אים גוט געקענט, און ווי עס פירט זיך צווישן מאַטראָסן, ניט פאַרלאָזן אַ זייעריקן אין זיין שווערער לאַגע. גענוג געווען, דער מעכאַניק זאָל אַרויף אויף אַ שיף און מען זאָל אים אָנקאָרמענען און באַזאָרגן מיט אַלדאָס בעסטע. זיין ווייבל, וועלכע האָט אים דווקא שטאַרק ליב געהאַט, איז געלאָפן צו די סאַמע „שפּיצן" און איינגעלייגט וועלטן מען זאָל אים באַפרייען.

דאָס האָט שטאַרק נישט געשמעקט דעם אויספאָרשער גאַגלידזע און ער האָט גענומען נישטערן ווייטער, אויסצוגעפינען אויפן מעכאַניק עפּעס אַ פּאָליטישע זינד. און אין רוסלאַנד, איז גאָרנישט שווער עפּעס אַזוינס אויסצו־פינען.

נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער שיף־מעכאַניק, ווי אַ

*) ביטאָוויק — אַ פאַרמשפּטער פאַר אַן אַדמיניסטראַטיוו־קרימינעלן חטא, אָן אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק.

הויכער סאָוועטישער מאַטראָסן־אָפּיצער, געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע. דאָרט האָט די סאָוועטישע שיף־מאַנשאַפט איינגעאָרדנט אַ באַל, פון וועלכן דער איינקונפט האָט געדאַרפט גיין אויף פילאַנטראָפּישע צוועקן. אַרום אָט דער געשעעניש האָט שוין דער סאָוועטישער „יאַגאָ“ גאָגלידזע, געהאַט אַ ברייט פעלד אויסצואוועבן אַ שפּיאָנאַזש־אַפּערע. ער האָט באַשולדיקט דעם שיף־מעכאַניק, אַז ער האָט דאָרט גערעדט מיט אַמעריקאַנער „שפּיאָנען“. און ווי אַ באַווייז געבראַכט אַ „פאַקט“, אַז דער סאָוועטישער אָפּיצער האָט זיך שוין דערלויבט אויף דער שיף, צוריקקוועגס קיין רוסלאַנד, צו לייענען די עמיגראַנטישע רוסישע פּרעסע פון אַמעריקע. אויסער דעם, איז פון דער שיף וואו ער האָט געדינט, אַנטלאָפן אַ סאָוועטישער שיפס־קאַפּיטאַן און ער, ווי דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אויף דער שיף, האָט גאָרנישט געזען און פאַר־דעכטיקט באַצייטנס.

מ׳האָט דעם מעכאַניק אַרויסגערופן פון לאַגער, וואו ער איז אָפּגעקומען די שטראָף פאַרן קרימינעלן ענין, און אַריבערגעפירט אין דער כאַבאַראָווסקער אויספאָרשונגס־טורמע פאַר פּאָליטישע. און דאָרט איז געשען דער וואונדער, וואָס געשעט אַזוי זעלטן אין אַ סאָוועטישער אויספאָרשונגס־טורמע.

דער מעכאַניק האָט אָנגעשריבן אַ ביטע צום שעף פון דער כאַבאַראָווסקער מ.ג.ב., וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען גאָגלידזע, אויסרעכענענדיק דערביי זיין גרויסן סאָוועטישן יחוס און זיי יחוס עצמו. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז דער וואָראָשילאָווסקער אויספאָרשער גאָגלידזע, נוצט כסדר אויס דעם צופאַל, וואָס זיין פאַמיליע איז די זעלבע ווי פון דעם הויפּט־שעף פון דער מ.ג.ב. פאַר דעם גאַנצן ווייטן מזרח, פאַר די געמיינסטע מאַכינאַציעס, און באַשמוצט אַזוי אַרום דעם נאָמען פון בעריאַס פאַרטרעטער אויפן ווייטן מזרח. דער מעכאַניק איז געזעסן עטלעכע טעג, שווער און ביטער געהאָרעוועט, ביז ער האָט ווי געהעריק אַרויסגעבראַכט, אין די 24 זייטן פון זיין אָנקלאַגע, אַלע וויכטיקסטע פאַקטן וועגן די פּירונגען פון וואָראָשילאָווסקער אויספאָרשער גאָגלידזע.

כאָטש דער כאַבאַראָווסקער גאָגלידזע, בכבודו ועצמו, איז אויף אַ האָר נישט געווען בעסער פון דעם אויסגעלאָסענעם פּרויען־יעגער פון וואָראָשי־לאָווסק, וועלכער האָט געוואָלט דערטרינקען אַ מענטשן צוליב דער גלוסטונג צו יענעמס שיינער ווייב, אוןביידע גאָגלידזעס זיינען ניט ווייט אָפּגעשטאַנען פון זייער נאַרקאָם בעריאַ, (דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון דער נ.ק.וו.ד. וועלכער פלעגט שיקן זיינע אַדיוטאַנטן צו פאַנגען פאַר אים מיידלעך אויף די אוני־ווערסיטעט־בענק). און דאָך האָט דער אָנקלאַג־בריוו פון געוועזענעם פלאָט־אָפּיצער געהאַט דעם געווינטשטן דערפאָלג. דער כאַבאַראָווסקער גאָגלידזע האָט זיך דערפילט געטראָפן פון דעם וואָראָשילאָווסקער גאָגלידזעס ווילדע מעשים, וואָס קענען נאָך צוגעשריבן ווערן אויף זיין קאָנטאָ און — דער שרייבער פון דער אָנקלאָגע איז באַפרייט געוואָרן פון דער פּאָליטישער באַשול־דיקונג.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שיף־מעכאַניק האָט זיך געמוזט צוריק־

אומקערן אין זיין לאַגער אָפּצוזיצן דעם אורטייל פאַרן קרימינעלן חטא, איז אָבער די שמחה ביי מיין שכן געווען גרויס. דער גרעסטער קרימינעלער פאַר־ברעכן איז אין יענער צייט ניט געאורטיילט געוואָרן אַזוי האַרב ווי דער פּאַראַ־גראַף 58 (קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן). ווערן „אַ שונא פון פאָלק" מיינט, פאַרלירן יעדע האָפענונג ווען עס איז אַמאָל אַרויס אויף דער פריי ווי אַ ריינגעוואַשענער מענטש. מער האָב איך וועגן מיין קאַמער־שכן ניט געהערט.

די פאַרשיקונגס־לאַגערן פאַר פּאָליטישע זיינען געווײנלעך זייער ווייט. די סאַמע נאָענטסטע ווערן צעריסן און פאַרלירן און מען ווייסט ניט וואו עמיץ איז אַהינגעקומען. איך בין אָבער זיכער, אַז דעם שיף־מעכאַניקס כוואַטסקע ווייבל, די טאַטערשע שיינהייט, האָט אים אַרויסגעריסן פון געפענגעניש, ער איז דאָך, נאָך אַלעמען, ניט געווען קיין פּאָליטישער פאַרברעכער...

***

פון די וועש, וועלכע כ'האָב געזען ליגן אויסגעוואַשענע אין דער קעלער־באָד, וואו מען פלעגט אונדז פירן יעדע זיבן טעג, האָב איך זיך אָריענטירט, אַז אונדזער טורמע איז איבערפולט. אָבער זיצנדיק אין קאַמער, זעט מען קיינמאָל ניט די אַרעסטאַנטן, מען הערט בלויז זייערע טריט אין קאָרידאָר. דער אויער געוואוינט זיך אפילו איין צו דערקענען טריט און זיי צו אונטערשיידן. דער אויער ווערט אַזוי עמפּינדלעך, ווי ביי אַ בלינדן. מען פּראָווט זיך אפילו פאַר־שטעלן דעם געבוי, וואוקס און געשטעל פון אַ מענטשן לויט זיינע טריט. אויך די פרויען אין אונדזער טורמע האָבן זיך צוגעוואוינט צו זייער אומגליק. זיי האָבן זיך אפילו אויסגעלערנט אַ פלירטעווע טאָן איבערן קאָרידאָר מיט זייערע טריטעלעך, אַזאַ ספּעציעל שפּרייזעלע פאַר אונדז, מענער, אונטער די אייזערנע שווערע טורמע־טירן...

ביי אונדז אין טורמע זיינען געווען אַ היפּשע צאָל פרויען — אַרעסטאַנט־קעס. פון איבערקלאַפּן זיך מיט די מאָרזע־צייכנס אין די ווענט, האָבן מיר שוין געוואוסט ווער זיי זיינען און אין וואָס זיי ווערן באַשולדיקט. די מיינסטע פון זיי זיינען געווען יונגע מיידלעך באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש. עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין עלטערע פרויען, קאָלווירטניצעס, וועלכע מען האָט פאַרשפּאַרט פאַר „אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע". עס איז כאַראַקטעריסטיש: די פרויען האָבן זיך באַצויגן מיט צערטלעכקייט צו די מענער־אַרעסטאַנטן. זיי זיינען גרייט געווען אַליין צו הונגערן און אַוועקגעגעבן דעם פונט ברויט, וואָס זיי האָבן באַקומען, צו די מענער, ווען עס האָט ניט געקלעקט די פּאָרציע זייערע. זיי פלעגן דאָס איבערגעבן דורך אַ גוטן וועכטער, אָדער זיך אָפּרעדן דורך דער וואַנט, און איבערלאָזן פאַרשטעקט אונטער אַ רער פון דער צענט־ראַלער באַהייצונג אין טואַלעט־צימער.

# איך וואָרט אויף מיין פּראָצעס

מיין אויספאָרשונג איז געווען פאַרענדיקט. איך בין געזעסן אין אַ גרויסער קאַמער און געוואַרט מען זאָל מיך רופן צו אַ געריכט. איך בין געווען געשפּאַנט און נערוועז, געשפּרייזט נאָכאַנאַנד איבער דער קאַמער און זיך געחזרט אויף אויסנווייניק מיין לאַנגע רעדע, וואָס איך וועל האַלטן אין מיין „לעצטן וואָרט".

די אָנקלאַגע אין שפּיאָנאַזש איז אַנולירט געוואָרן נאָך אין צייט פון דער אויספאָרשונג. אָבער עס איז פאַרבליבן גענוג באַשולדיקונגען קעגן וועלכע איך וועל דאַרפן אַפּעלירן. איך בין דאָך באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן אַ גרופּע, וועמענס ציל עס איז געווען „נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע" דורך וואָרט און שריפט.

אין מלחמה-צייט דראָט פאַר אַזאַ פאַרברעכן קעגן דער ראַטנמאַכט, מיט טויט-שטראָף. אין שלום-צייט, זעט פאָראויס דער סאָוועטישער געזעץ אַ שטראָף, פון 6 חדשים ביז 25 יאָר. אויף 6 חדשים איז נאָך קיין ילוד אישה ניט פאַר־משפּט געוואָרן. אפילו מיין בעסטער אויספאָרשער, פּאָלקאָווניק ק. — וועלכער האָט זיך אויסנאַמיק באַצויגן מענטשלעך צו די באַשולדיקטע — אפילו ער האָט מודה געווען, אַז „ פינף יאָר איז די סאַמע מילדסטע שטראָף, וואָס ווערט אין אַזאַ פאַל געגעבן. אַזאַ שטראָף גיט מען געוויינלעך אַן אַנאַלפאַבעט, אַ מענטשן אָן בילדונג און וויסן, ווען ער פּלוידערט עפּעס אַרויס קעגן פירונגען וואָס הייבן אים נישט אָן צו געפעלן, אָן אינטעליגענטער מענטש איז אָבער מ ע ר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע ווערטער און טאַטן."

עס האָט ווייניק געהאָלפן מיין קאַמף מיט די אויספאָרשער און פּראָקוראָרן, ווי מיינע אומאויפהערלעכע דערקלערונגען, אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז נ י ט געווען קיין אַנטי-סאָוועטישע אַרבעט און אַז די גאַנצע באַשולדיקונג איז אַ ווילסטער חוזק און שטייט אין אַ שאַרפן קעגנזאַץ מיט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. קאַלינין אַליין האָט דאָך באַטראַכט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט ווי דער אָרט וואו עס דאַרפן פאַרהיט און אויפגעהאַלטן ווערן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פון רוסישן יידנטום.

— יעדע זאַך האָט זיך איר צייט — האָבן מיר מיינע אויספאָרשער געגעבן צו פאַרשטיין „מיין פּאָליטישע בלינדקייט" — ביי אונדז בייט זיך אָפט די פּאָליטיק. מיר זיינען דיאַלעקטיקער און אונדז דיקטירט דאָס לעבן אַליין. וואָס נעכטן האָט געקענט זיין גוט איז היינט שלעכט און אפילו אַ פאַרברעכן.

איך האָב זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם פּראָצעס וואָס דערוואַרט מיר. מיין גרופּע, וואָס איך זאָל האָבן אָרגאַניזירט איז, לויטן באַשולדיקונגס־אַקט, באַשטאַנען פון 7 פּערזאָן. צווישן זיי אפילו אַזעלכע, מיט וועמען איך האָב בכלל ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס. בלויז איין מאָל האָב איך, אין צייט פון דער אויספאָרשונג, זיך געזען מיט מיינע מיט-באַשולדיקטע. אייניקע פון זיי זיינען באמת געווען מיינע נאָענטסטע חברים. ווי שוידערלעך זיי האָבן זיך

געענדערט! בלייך און אויסגעדאַרט ווי נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. אויסגע־מאַטערטע און דערשלאָגענע פון דער אויספאָרשונג, האָבן מיר זיך אַרומגענומען, זיך צעקושט און טרערן האָבן פאַרגאָסן די אויגן. מען האָט אונדז ניט דער־לויבט צו ריידן צווישן זיך. אָבער מיר האָבן אין די געציילטע געגנבעטע מינוטן פון די היטער, זיך איבערגעגעבן דאָס סאַמע וויכטיקסטע. יעדער פון אונדז האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכן פעקל געמיינהייטן און פייניקונגען אויף אַזירסקיס אומדערמידלעכע „אויספאָרשונגען."

מען האָט אונדז פאַרגעלייענט די אַלע „זאַכלעכע באַווייזן" פון אונדזער שולד: אויסשניטן פון צייטונגען, זשורנאַלן, באַריכטן פון ליטעראַרישע אָוונטן, אויפטריטן פאַר איבערוואַנדערער, טעלעגראַמעס, בריוו און שריפטלעכע עדות־זאָגן פון מוסרים, (מ׳האָט אונדז אפילו אָנגערופן זייערע נעמען). אויסער דעם, איז אין אַ באַזונדער באַנד, וועלכן מ׳האָט אונדז ניט באַוויזן, געווען אייַנגענייט דערקלערונגען און באַמערקונגען פון דער אויספאָרשונג, ד. ה. די כסדרדיקע באַריכטן פון די „אָבסערוואַציעס" פון די אָנגעשטעלטע געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן אונדז במשך פון די אַלע יאָרן נאָכגעשפּירט. מיר, אַלע באַשולדיקטע שרייבער, האָבן זיך באַזונדערס געאַמפּערט קעגן דעם פּונקט 11, וועלכן מ׳האָט אונדז צוגעשריבן, וואָס באַדייט: אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע. מיט וועמען? מיט ש״ן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער מענטש צו די שרייבער? יענער האָט ממש געהאַלטן פאַר אַ כבוד, וואָס די אויספאָרשונג האָט אים אַריינגענומען אין אַזאַ חברותא, און ער האָט „אויס דאַנקבאַרקייט" געהאַלטן אין איין געבן אַלץ נייע און נייע „דערקלערונגען" און דער ענין איז צעוואַקסן אַזוי, ווי די אויס־פאָרשער האָבן געפּלאַנט.

ש. האָט צווישן אַנדערן דערציילט, אַז דער „יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט" האָט געזאָלט שיקן „פּערזענלעך צו סטאַלינען" אַ ספּעציעלע דעלע־גאַציע, וואָס זאָל אים אויפקלערן די פאַקטן וועגן אַנטיסעמיטיזם צווישן די העכסטע סאָוועטישע גדולים אין קרעמל גופא. ש. האָט אויך דערקלערט, אַז דעם אויפנאַם אין קרעמל האָט פאַר דער ספּעציעלער דעלעגאַציע פון „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" געזאָלט דערליידיקן דער פּראָפעסאָר זבאַרסקי, וועלכער האָט בשעתו באַלזאַמירט און אויפגעהיט לענינס קערפּער. אָט דער פּראָפעסאָר איז געווען אַ גאַנצער בן־בית ביי סטאַלינען און האָט פאַר זיין אַרבעט אפילו באַקומען אַ סטאַלין־פּרעמיע. עטלעכע טעג האָט מיר די אויספאָרשונג געמאַטערט וועגן דעם:

— עס קען ניט זיין — האָט מען מיר געזאָגט — אַז איר, וואָס זייט געווען אַזוי נאָענט מיט מיכאָעלסן און דער קאָרעספּאָנדענט פאַר גאַנץ בירא־בידזשאַן, זאָלט גאָרנישט וויסן פון דעם פּלאַן.

איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט ערשט פון מיין אויספאָרשער. אָבער דער אַוואַנטוריסט ש. האָט מיר, און אַלע איבעריקע באַשולדיקטע, געענוג האָרץ־ווייטאָג פאַרשאַפט מיט זיינע כסדרדיקע אויסטראַכטענישן און צעבלאָזן דעם ענין פאַר אַ גרויסן פּראָצעס.

ערשט אין לאַגער, האָט מיר ש. געפּרואווט אויפקלערן דעם פּלאַן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרטראַכט אין טורמע. מיט זיינע „דערקלערונגען" האָט ער געוואוסט, וועלן אַלץ מער און מער מענטשן צוגעצויגן ווערן צום ענין. און וואָס גרעסער עס וועט זיך צעוואַקסן דער בלבול, אַלץ גיכער וועט קומען די אויס־לייזונג. די וועלט וועט זיך דערוויסן און מען וועט אָנהויבן שטורמען און פּראָ־טעסטירן. און דאָס, איז דאָס איינציקע, וואָס קען אונדז אַלעמען אַרויסראַטעווען פון זייערע נעגל.

ביז וואָס־ווען, האָט אונדז ש. דערווייל אָנגעטאָן געבערענטע צרות, און די עטלעכע שרייבער פון דער געמשפּטער גרופּע, האָבן זיך געגרייט צו אַ גענעראַל־אַטאַקע קעגן דער באַשולדיקונג אין געריכט. אָבער — מען רופט אונדז ניט. מיר זיצן אין פאַרשיידענע צימערן און וואַרטן. מען רופט אונדז נישט מער אויף קיין פאַרהערן און איך האָב צייט צו אָבסערווירן מיינע מיט־זיצער אין קאַמער. דאָסמאָל, זיינען דאָס אַלץ יונגע מענטשן, ביי וועמען די אויספאָרשונג איז שוין פאַרענדיקט. זיי ווערט מען, ווייזט אויס, משפּטן אויפן אָרט. זייערע אַקטן געפינען זיך שוין אין כּאַבאַראָווסקער געגנטלעכן געריכט. אָבער וועגן אונדז הערט מען גאָרנישט — ווי אין וואַסער אַריין. מיר זיצן שוין אַכט מאַן אין קאַמער און עס זיינען דאָ נאָך פאַראַן פיר ליידיקע בעטן, וואָס ווערן ביס־לעכווייז פאַרנומען.

די טעג גייען דורך לעבעדיק, אפילו פריילעך. יונגוואַרג האַלט אין איין קאָרעספּאָנדירן מיט די מיידלעך אין דער טורמע. מען „באַשרייבט זיך" ווי גרויסע העלדן און מען באַקומט פאַרליבטע ענטפערס, אויסגעפּויקט דורך דער וואַנט. מען וויל זיך באַקענען נעענטער, און מען כאַראַקטעריזירט זיך אַליין ווי אויף מאַטרימאָניאַלע אַנאָנסן אין די צייטונגען. די יונגע אַרעסטאַנטן האָבן גערעדט וועגן אָט די איבערוואַנטיקע מיידלעך־אַרעסטאַנטקעס, ווי זיי וואָלטן זיי געקענט שוין פון לאַנגע יאָרן. אויף די שפּאַצירן גיט מען זיך איבער צייכנס דורך הוסטן. עס דוכט זיך אָפּט, אַז די יונגע מענטשן האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן די לאַנגע יאָרן קאָנצענטראַציע־לאַגער, אוממענטשלעכע ליידן און פּיין, וואָס דערוואַרט זיי אַלע.

קוזמאַ, אַ יונגער אוקראַיִנישער אָפיצער, האָט געגעבן קאָנצערטן. זיין „קאָניאַק" איז דאָס שפּילן פּרויען־ראָלן. פאַרשטעלט ווי אַ פרוי, איז ער מיט צוויי יאָר צוריק אַנטלאָפן פון טורמע און אָפּגעפאָרן ביז טשיטאַ. ער וואָלט זיך אפשר אַזוי, פאַרשטעלטערהייט, דערשלאָגן ביז אוקראַיִנע, ווען ניט זיין אייגענע צונג. ער האָט אין צוג דערציילט, ווי ער האָט אָפּגעטאָן אויף טערקיש די טורמע־וועכטער, האָט אים עמיץ באַלד אויסגעגעבן און ער איז תיכף געוואָרן אַרעס־טירט.

מיט אים אין קאַמער זיצט אויך זיינס אַ שוואָגער, אַ סערזשאַנט, וואָס איז באַזונדערס געבענטשט מיט מענלעכער שיינקייט. ער איז גאָר אַריינגעפאַלן אומזיסט און אומנישט. ער פלעגט קומען צום שוואָגער הערן ראַדיאָ, און יענער פלעגט אים דערביי באַווייזן די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע, וואו עס ווערט געצוי אויסגערעכנט דאָס גאַנצע רייכטום פון אוקראַיִנע. איינמאָל האָט ער

אַזוי אַ פרעג געטאָן ביי זיין שוואָגער קוזמאַ, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גאַסט, צי ס׳וואָלט נישט צייט געווען פאַר אַ „סאַמאָסטינאַ אוקראַינאַ״ (אַ זעלבשטענ־דיקע אוקראַינע). אַזוי ווי קעגן שוואָגער, דעם אָפּיצער, זיינען געווען „זאַכלעכע באַווייזן״ אַז ער האָט געוואָלט אַריבערשמוגלען געווער פאַר די באַנדעראָווצעס אין אוקראַינע (ער האָט אין דעם געלייקנט), האָט מען שוין דעם יונגן, שיינעם סערזשאַנט אויך גענומען.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען די באַשולדיקונג קעגן אַ יונגן אינזשיניער אויף אַ כאַבאַראָווסקער זאַוואָד, וולאַדימיר ג. וולאַדימיר האָט אַמאָל, בעת מ׳האָט אים אויפגעפאָדערט אָנטיילצונעמען אין מאַרש פון אַן ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע, געענטפערט:

— ביי אונדז גייען אינזשינירן אין ליאַכעס, איך שעם זיך אין מיינע קליידער צו מאַרשירן אין די גאַסן.

מ׳האָט שוין אונטערגעהערט נאָך עטלעכע „ראַזגאָוואָרן״ (שמועסן) זיינע. אַשטייגער, ווי ער האָט געריטמט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט „צייס״, מיט וועלכן ער מאַכט גוטע אויפנאַמעס, בעסער ווי מיט דעם כאַרקאָווער פאָטאָ־אַפּאַראַט, מיט וועלכן ער קאָן נישט נעמען אַזעלכע פּרעציזע בילדער. דאָס האָט געמיינט, אַז ער „האָט געריטמט די אויסלענדישע טעכניק און באַשמוצט די סאָוועטישע״, וואָס קוואַליפיצירט זיך ווי אַ פאַרברעכן, אונטער דעם פּאַראַגראַף 58, פונקט 10. ערשטער טייל. אויף יעדן פאַל, אַן אַ „פינפערל״ וועט דער אינזשיניער פון דער מ.ג.ב. נישט אַרויס.

## מיין אורטייל

די יונגע אַרעסטאַנטן אין מיין טורמע־קאַמער זיינען געוואָרן שטאַרק אַקטיוו, ווען מ׳האָט די פּרויען איבערגעפירט אויפן אונטערשטן שטאָק. מיר האָט דאָס ממש אַרויסגעפירט פון געדולד. איך האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף איין זאַך — אויף מיין פּראָצעס. אומאויפהערלעך געוואַרט און געטראַכט דערפון. געטראַכט און געוואַרט. און — אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער.

דערווייל האָט יונגוואַרג געפּלאָכטן שטריקלעך פון אַרויסגעצויגענע פעדים פון די כאַלאַטן און קאָלדרעס, צוגעבונדן צו שאַכטעלעך פון שוועבעלעך, און אַראָפּגעלאָזן דורכן פענצטער צו די אונטערשטע שטאָקן, וואו מען האָט אַריבערגעפירט די פרויען־אַרעסטאַנטקעס. אין די פושקעלעך האָבן די פּרויען אַריינגעשאָטן מאַכאָרקע (נאָך וועלכע עס איז באַזונדערס גרויס געווען דער הונגער אין טורמע) און ניט איינמאָל אויך בייגעלייגט בריוועלעך, אין וועלכע די צעוויטאָגטע נשמות פון די אומגליקלעכע האָבן אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע האַרץ. אין די בריוועלעך האָט מען געקענט לייענען וועגן אַן עלנטער מאַמען, ביי וועמען די טאָכטער איז געווען די איינציקע שפּייזעריין; וועגן אַ קינד, וואָס איז ערגעץ פאַרבליבן אויף גאַטס באַראָט אָן זיין מאַמען; און וועגן אַן אויפ־געבליטער יוגנט, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן צו לעבן.

אַ ספּעציאַליסט צו שרייבן האַרציקע, פּאַטעטישע ענטפערס, איז געווען דער גוטער און שטילער וואַסילי. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיין לייוונטענעם זעלנער־אוניפאָרם, פון וועלכן עס זיינען אַראָפּגענומען געווען די עפּאָלעטן. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט ביי אונדז אין צונויפשטוקעווען שטיקלעך ציטונגען, וואָס פלעגן אונדז אַריינגעגעבן ווערן צוזאַמען מיט פּעקלעך שפּייז, וואָס קרובים פון די אַרעסטירטע פלעגן צושיקן.

קיין ציטונגען האָט מען אין טורמע נישט אַריינגעלאָזט גאַנצערהייט. מ׳האָט יעדע ציטונג פריער געמוזט צערייסן אויף קליינע שטיקלעך. געהייסן האָט עס, אַז דאָס שיקט די משפּחה פּאַפּיר צום רויכערן. וואַסילי פלעגט פון די שטיקלעך ציטונגס־פּאַפּיר צוריק צונויפשטעלן אַ גאַנצע ציטונג און גיך פאַרלייענען די נייסן, פון וועלכע מיר האָבן אין אונדזער טורמע־קאַמער קיין אַנונג נישט געהאַט. ווער קען דערגיין דעם גרונט פון דער רוסישער נשמה? אָט דעם יונגן, בלאָנדן בחור, איז שוין צו צוואַנציק יאָר געווען באַשערט אָפּצוקומען אַ שטראָף פאַר מיטפילן מיט די געקריוודעטע. ער, דער יונגער „קאָמסאָמאָלעץ״, וואָס האָט קיין אַנדער ליטעראַטור ווי די, וועלכע איז אים אונטערגעטראָגן געוואָרן אין זיין מיליטערישן טייל, ניט געלייענט, ער האָט זיך פּלוצלונג גענומען אינטערעסירן מיט דער שווערער לאַגע אין די קאָלווירטן. אין דעם פרייען אורלויב־חודש איז ער אַרומגעפאָרן איבער אַ גאַנצן ראַיאָן און שטודירט דאָס לעבן פון די קאָלווירטניקעס.

וואַסילי האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע אַרבעט פול מיט קריטיק און אָנווייזונגען ווי די לאַגע ראַדיקאַל אויסצובעסערן. די דאָזיקע גרויסע בריוו מיט זיינע פאָרשלאָגן, האָט ער געוואָלט שיקן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין מאָסקווע. ער האָט דעם בריוו פאַרקלעפּט און דערוויל אַריינגעלייגט אין זיין שופלאָד. עמיץ האָט אים, ווייזט אויס, נאָכגעשפּיאָנירט, אַרויסגעגנבט דעם בריוו און אים איבערגעגעבן אין דער געהיים־פּאָליציי.

מען האָט וואַסילין אַרעסטירט, אים לאַנג אויסגעפאָרשט. ער איז אָבער מיט קיינעם נישט געווען פאַרבונדן, מיט קיינעם זיך ניט געטיילט מיט דעם אַלעם וואָס ער האָט געטראַכט, און פאַרטראַכט צו שרייבן צו דער העכסטער פאַרטיי־אינסטאַנץ. אָבער מען האָט אים סיי־ווי צוגעשריבן דעם פּאַראַגראַף 58. וואַסילי האָט אויפגעוויזן, אַז ער האָט ניט געפירט קיין שום פּראָפּאַגאַנדע. אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז דאָך געבליבן זיין סוד און בלויז די פּאָליטביוראָ אין מאָסקווע וואָלט זיך דערוואוסט זיינע געדאַנקען און מיינונגען. אויך ער, פּונקט ווי איך, דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם פּראָצעס. עס וואַרטן אויף דעם אויך די אַנדערע אַרעסטאַנטן אין קאַמער. דערווייל, פירן זיי „פּלאַטאָנישע״ ליבעס מיט די פרויען דורך די בריוועלעך וואָס זיי שיקן איבער אין די פּושקעלעך פון שוועבעלעך.

ענדלעך האָב איך זיך דערוואַרט. עס איז געקומען דער טאָג, ווען מען האָט פּלוצלונג אויסגערופן מיין נאָמען. פון אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז מען פירט מיך אַצינד אין געריכט, צו מיין פּראָצעס, צו וועלכן איך האָב זיך אַזוי־

לאַנג געגרייט מיט מיין פאַרטיידיקונגס־רעדע. די איבעריקע אַרעסטאַנטן פון דעם קאַמער האָבן מיר אפילו געוואונטשן, אַז איך זאָל באַפרייט ווערן. וואַסילי האָט מיך אַרומגענומען און זיך מיט מיר צעקושט אויף דעם עכט־רוסישן פאָלקס־שטייגער.

מען האָט מיך געפירט דורך לאַנגע, חושכדיקע און אומעטיקע קאָרידאָרן, ביז איך בין צום סוף שטיין געבליבן אין קאַבינעט פון טורמע־נאַטשאַלניק. אַ פאַרשוין אָנגעטאָן אין מלבושים פון אַ געריכטס־באַאַמטן, האָט מיר מיט אַ שמייכל באַוויזן אַ קליין, שמאָל שטיקל פאַפיר. פון אָנהייב האָב איך אפילו ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס דאַרף זיין. ווען איך האָב אָבער אָנגעהויבן לייענען דאָס פאַפירל, האָבן פייערדיקע רינגען זיך אָנגעהויבן דרייען פאַר מיינע אויגן. דאָס איז ניט געווען קיין רוף־קאַרטל פון געריכט, צו מעלדן זיך צו מיין פראָצעס, נאָר שוין — דער אַרויסגעטראָגענער אורטייל. אַ פאַרטיקער אורטייל אָן אַ געריכט!

פון פאַפירל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך בין פאַראורטיילט געוואָרן לויט צוויי פּונקטן פון פאַראַגראַף 58 — פונקט צען און פונקט עלף — אויף צ ע ן י אָ ר שקלאַפן אַרבעט. איך האָב זיך קוים באַהערשט און געפרעגט דעם אורטייל־ברענגער:

— וואו איז דאָס געריכט? און — ווער האָט מיך געמשפט?

— זייט נישט אַזוי צעטומלט און לייענט אויפמערקזאַמער — האָט ער געענטפערט.

איך בין באמת געווען צעטומלט. אויסער דעם ציפער 10 יאָר פון מיין אורטייל, האָב איך ניט געזען, אַז אין צעטעלע איז אָנגעגעבן, אַז איך בין פאַראורטיילט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן מיליטערישן געריכט ביי דער מ.ג.ב. אין מאָסקווע.

— נעמט אייך ניט צום האַרצן, האָט מיך דער באַאַמטער מיטן יעזויטישן שמייכעלע געטרייסט — דער אורטייל איז געגונג מילד. ווען מען וואָלט אייך געמשפט אויפן אָרט און איר וואָלט געהאַט אַ פאַרטיידיקער, וואָלט איר באַקומען אַ העכערע שטראָף. איר מעגט זיין גליקלעך, וואָס מ'האָט אייך געמשפט אונטער די אויגן; אין אַזאַ פאַל גיט מען שטענדיק אַ מילדערע שטראָף.

— אָבער ווער האָט עס געבעטן מיך משפטן אונטער די אויגן — האָב איך נאָך אַלץ געצאָרנט און ניט געקענט פאַרשטיין.

נאָר יענער איילט מיך צו. ער האָט ניט קיין צייט; ער דאַרף נאָך איבער־געבן די אורטיילן די איבעריקע אָנגעקלאָגטע לויט דעם זעלבן ענין.

אין טורמע־קאַמער האָבן מיך די אַרעסטאַנטן מקנא געווען מיטן אורטייל. „דו ווייסט כאָטש וואָס מיט דיר איז, — האָבן זיי צו מיר געזאָגט — אונדזער גורל איז נאָך אַלץ פאַרנעפּלט”. באַזונדערס האָבן מיך באַרואיקט די אוקראַ־אינער. פאַר „סאַמאָסטינאַ אוקראַינאַ” (אוקראַינישער אומאָפּהענגיקייט) גיט מען אַצינד 25 יאָר. וואָלטן זיי געמשפט געוואָרן דורך אַ „טראָיקע”, וואָלט זיי נאָך אויך געקענט האָפן אויף אַ „מילדן” אורטייל פון בלויז 10 יאָר פאַרשיקונג.

מיר איז אָבער דערוויל טרויעריק, פינצטער און ביטער, אויפן האַרצן.

אין קלייניקייט — צ ע ן יאָר! איך נעם רעכענען, אַז יעדעס יאָר מיינט 365 טעג און נעכט, און צען יאָר מיינט דריי טויזנט זעקס הונדערט מיט פופציק מעת־לעת פון לאַגער־לעבן און שקלאַפן־אַרבעט. צי וועל איך דאָס אַלץ אויס־האַלטן? וועל איך נאָך אַמאָל זיין אויף דער פריי? וועל איך נאָך אַמאָל זען מיינע נאָענטע? דאָס האַרץ האָט געגאָגט און געקלעמט און פון מיינע מידע, ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן געשטראָמט די טרערן אָן אויפהער, אָן אויפהער.

פון אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען שוין געווען אין די אַרבעטס־לאַגערן האָב איך געוואוסט וועגן די שווערע באַדינגונגען פון דער קאַטאָרזשנער פּראַצע, וועגן די באַנדיטישע בריגאַדירן, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון די אַרעסטאַנטן, ספּעציעל פון די פּאָליטישע. איינער אַ גוטער אַלטיטשקער — ניקאָלאַי אי־וואַנאָוויטש — וואָס האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט 10 יאָר לאַגער, איז איצט מיט מיר געזעסן אין דער טורמע פונדאָסניי. ער איז געווען אָנגעקלאָגט אין דיווערסיע, ווייל „די פערד וועלכע זיינען אים, ווי אַ וועטערינאַר־דאָקטאָר, אָנפאַרטרויט געוואָרן, האָבן זיך ניט געהאַלטן און אויסגעפּגרט”. אָט דער גוטער אַלטיטשקער, האָט מיר איינמאָל שטאַרק באַדויערט:

— אייך וועט זיין באַזונדערס שווער אין לאַגער — האָט ער טרויעריק געזאָגט — חוץ דעם, וואָס איר זייט אַ שוואַכער מענטש, זייט איר אַן אינטע־ליגענט, נישט צוגעוואוינט צו שווערער אַרבעט. דערצו נאָך זייט איר אַ ייד, און צו אייערע באַציט מען זיך שלעכט אין די לאַגערן.

איצט דאַרף איך שוין מער ניט איינחזרן אויף אויסנווייניק די רעדעס, וואָס איך האָב גרייט צו האַלטן פאַרן געריכטס־טריבונאַל. איצט דאַרף איך מוט און אויסדויער אַריבערצוקומען דאָס שלעכטס, וואָס גייט מיר אַנטקעגן. עס דערוואַרט מיר נאָך אַזוי פיל! אַזוי פיל! און אָנהויבן, הויבט זיך איצט דער לאַנגער וועג אָן אין אַ פאַרשלאָסענעם וואַגאָן וואו איך וועל „פאַרברענגען” אָט די הייסע זומער־טעג, וואָכן און חדשים. עס דערוואַרטן מיר נאָך איבער־שיקונגס־טורמעס ביז איך וועל דערגרייכן דעם ענדגילטיקן פאַרשיקונגס־אָרט. און ווער ווייס, וואו עס וועט דאָס זיין דאָס ענדגילטיקע אָרט? דאָ וויל מען וועגן דעם גאָרניט זאָגן. מען הייסט דיר וואַרטן אויפן „נאַריאַד” (באַשטעלונג) וואָס דאַרף אָנקומען פון די לאַגערן פאַר פרישע אַרבעטס־הענט.

## אויפן וועג צום שקלאַפן־לאַגער

ס'איז געווען אַ הייסער יולי־טאָג און אין טורמע־קאַמער איז מען אַרומ־געגאַנגען אין די בלויזע אונטערוועש. דער מאַכאָרקע־רויך האָט נאָך מער פאַרפעסטעט די הייסע, אָנגעברענטע לופט. דאָס קליינע טירעלע אין אונדזער פענצטער האָט אונדז קנאַפּ וואָס אָפּגעפרישט. עס האָבן זיך ניט געקלעפּט קיין שמועסן. אפילו די שאַרפע פעפערדיקע וויצן פון די יונגע אוקראַינער האָבן נישט געהאַט קיין אָפּנעמער. מען האָט זיך צוזעצט אויף די נאַרעס, און פון היץ און מידקייט געדרעמלט.

דער טורמע־וועכטער האָט גלייך גענומען קלאַפּן אין טיר, אויפגעוועקט די דרימלענדיקע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן עובר געווען אויפן טורמע־פאַרבאָט צו שלאָפן נישט אין דער דערצו באַשטימטער צייט לויטן רעגולאַמין. איוואַן, איינער פון די אַרעסטאַנטן, האָט מיט אַ שוואַכער שטים געחלומט אויף דער וואָר, וועגן זיין דאָרף ביי דער וואָלגע, וואו ער פלעגט זיך יעדן זומער־טאָג באָדן, שווימען גאַנצע מייַלן. אַך, דער טייך! דער טייך! קיין זאַך איז אים איצט ניט אַזאַ שאָד, ווי דער טייך! אפילו ניט די מיידלעך, וועלכע ער פלעגט מיט זיין האַרמאָשקע פאַרוויגן אין טאַנץ. און איינע פון זיי איז דאָך געווען אַזאַ שיינע, קאַטיאַ, מיט די בלויע אויגן ווי די קאָרן־בלימלעך אין פעלד. ער האָט פאַר אונדז אין קאַמער געמאָלן דעם טייך בייטאָג, ווען ער איז געווען איין שטיק צעגאָסן זילבער, און פאַרנאַכט ביים זון־אונטערגאַנג, ווען פונעם זילבער ווערט גאָלד. ער וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַרן לאָזן אים זיך אויס־באָדן אין פרישן שטראָמיקן טייך־וואַסער. און דאָ, ביי אונדז אין דער טורמע־קאַמער איז די לופט אַזוי געדיכט, פשוט צו שניידן מיט אַ מעסער. די 15 מינוט שפּאַציר אויפן הויף זיינען אַזוי ווייניק! עס צערייצט בלויז דעם אַפּעטיט. פונדעסטוועגן טראַכט יעדער ביי זיך: ווי גוט עס וואָלט געווען, מען זאָל אין אַזעלכע הייסע טעג ניט שיקן אין ערגעץ. אין די עשאַלאָנען איז נאָך ערגער. דאָ, קען מען כאָטש טרינקען, ווען מען וויל און וויפל מען וויל, קאַלטן וואַסער און מען קען אַרומגיין האַלב נאַקעט און חלומען פון אַ טייך מיט פרישן שטראָמיקן וואַסער...

אין אַט אַזאַ היץ האָט זיך פלוצלונג צעעפנט אונדזער אייזערנע טורמע־טיר. אין קאַמער איז אַריינגעקומען אַ יונגער לייטענאַנט פון דער וואַך, געוואָרפן אויף מיר אַ שאַרפן בליק און מיך געהייסן מיטנעמען מיינע זאַכן און מיטגיין מיט אים. דאָס האָט געהייסן, אַז אין דער קאַמער וועל איך מער ניט צוריק־קומען. אָבער אין קיין צווייטן קאַמער האָט ער מיך נישט אַריבערגעפירט. ער האָט מיך געמאָלדן, אַז דער „נאַריאַד" (באַשטעל־צעטל) פון לאַגער איז שוין אָנגעקומען פאַר מיר.

אין דער קאַנצעלאַריע פון טורמע איז שוין געשטאַנען גרייט מיין הילצער־נער טשעמאָדאַן מיטן ביסל וועש און קליידער, וואָס האָבן זיך געפונען דעם גאַנצן יאָר פון מיין אַרעסט, אין טורמע־קעלער. אויף מיר האָט שוין געוואַרט אַ וועכטער פון אַרעסטאַנטן־צוג, ער האָט מיר „איבערגענומען" ביי דער טורמע־אַדמיניסטראַציע און באַקומען אין אַ פאַרזיגלטן גרויסן קאָנווערט דעם קיצור פון מיין „דיעלאָ". איך, ווידער, האָב באַקומען אויף 5 טעג פּראָדוקטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון ברויט, געזאַלצענע פיש און אַ ביסל צוקער. דער גייער וועכטער מיינער, האָט דורכגענישטערט מיין טשעמאָדאַן און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם זייגער. אַן אַרעסטאַנט טאָר ביי זיך ניט האַלטן קיין זייגער, ווייל ער טאָר קיינמאָל ניט וויסן ווי שפּעט עס איז. אַזעלכע ידיעות קאָנען נאָך פאַר־לייכטערן די פלענער צו אַנטלויפן. צום סוף האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „פאַידיאָם!" (געגאַנגען).

איך האָב מאַרשירט פאַראויס מיטן טשעמאָדאַן אין איין האַנט און דעם

זעקל פּראָדוקטן אין דער צווייטער, ביזן מיטן הויף פון דער גרויסער קרימינע־לער טורמע, וואָס שטייט אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער אויספאָרשונגס־טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָרט האָט שוין געוואַרט אַ טורמע־קעטשל אָנגעפּראָפּט מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן. אין דאָזיקן קעטשל זיינען ניט געווען קיין באַזונדערע ווענטלעך ווי אין דעם „טשאָרני וואָראָן״ (שוואַרצע קראָע), אין וועלכן מען פלעגט אונדז פירן צו דער אויספאָרשונג. דאָ זיינען אַלע געווען צונויפגעקוועטשט צוזאַמען, פרויען און מענער. די גאַנצע צייט איז דער קאָנוואָי געשטאַנען אין קליינעם קאָרידאָרל, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן פון אונדז, אַרעסטאַנטן.

מיין שכנטע איז געווען אַ יונג פּרעכטיק מיידל. זי איז געזעסן לעבן מיר און האָט אָן אויפהער געוויינט. איר האָט מען צו אונדז געבראַכט פון דער קרימינעלער טורמע. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיר דערציילט וועגן איר שווערן אורטייל פון 25 יאָר, וואָס זי האָט באַקומען פאַר עפּעס געלט־מאַכינאַציעס, אויף אַ גרויסער סומע, אין אַ רעגירונגס־געשעפט. זי האָט געהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן:

— גאָטעניו, כ׳האָב דאָך נאָך אַזוי ווייניק געלעבט אויף דיין וועלט!

ניט אַלע האָבן גענומען די אורטיילן אַזוי ערנסט. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן אַזוי הויך געזונגען, אַז דער קאָנוואָי האָט נאָכאַנאַנד געמוזט קלאַפּן אין טיר, זיי איינצושטילן. דאָס זיינען געווען קרימינעלע פאַרברעכער, ביי וועמען די „עטאַפּן״ — דאָס אַריבערפירן פון איין טורמע אין אַן אַנדערער, אָדער דאָס אַריבערפירן אין אַ לאַגער, — איז שוין געווען אַ געוואוינהייט. זיי האָבן געפלירטעוועט מיט די יונגע אַרעסטאַנטקעס, ניט זשאַלעווענדיק דערביי קיין גראָבע וויצן און מיט זייערע טאַטואירטע נאַקעטע אָרעמס געהאַלטן די מיידלעך אין איין גלעטן און קניפּן, און דאָס יונגוואַרג האָט דערביי פריילעך געקוויטשעט ווי די חזירמלעך, וועלכע מען פירט אין זעקלעך אויף אַ יאַריד.

אָט זיינען מיר שוין ביי דער באַן־סטאַנציע, וואו עס שטייען גרייט פיר „סטאָליפּין־וואַגאָנעס״ פאַר אונדז — וואַגאָנעס מיט גראַטעס אויף די פענצטער און באַזונדערע פאַרגראַטעוועטע אָפּטיילונגען פון אינעווייניק. דער קאָנוואָי האָט מיך צוגעפירט צו איינעם פון די וואַגאָנעס, וואָס איז שוין געווען איבער־געפילט. די וואַגאָנעס שלעפּן זיך שוין אַזוי פון ווייטן וולאַדיוואָסטאָק און זיי ווערן אויפן וועג נאָך פאַרפולט מיט אַרעסטאַנטן פון די פאַרבייפאָרנדיקע שטעט. אין מיין „קופּע״ זיינען שוין אַלע זיץ־פּלעצער פאַרנומען, אפילו די אויבערשטע צוויי שטאָקן אויך. איך כאַפּ אַ קוק אויף מיינע שכנים: טיפּישע געזיכטער פון פאַרברעכער. האַלב־נאַקעטע און אין מאַטראָסן־העמדלעך (אַ שוואַכקייט אַזאַ, ביי די קרימינעלע, צו געשטרייפטע מאַטראָסן־העמדלעך), האָבן זיי זיך געפּאָרעט אַרום איינעם אַ „גרינעם״, פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וואָס איז געווען גוט אָנגעטאָן און האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם טשעמאָדאַן. דער פּאָליטישער אַרעס־טאַנט האָט זיך געוועהרט, ער האָט געדראָט צו דערציילן די וואַך, אָבער די וועכטער האָט מען ניט געזען. זיי זיינען געווען ערגעץ ביי דער טיר און ניט געהערט, אָדער ניט געוואָלט הערן, די געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון

אונדזער „קופּע". דערווייל האָט מען מיין שכן באַרויבט פון דאָס ביסל אויבער־העמדער און קאָסטיומען. ווי אַ צולאָג האָט ער נאָך אַריינגעכאַפּט אַ ביסל קלעפּ אין די זייטן.

איך בין געזעסן אויף מיין טשעמאָדאַן און אפילו ניט געטראַכט וועגן מיין אָרעמקייט, די נעבעכדיקע קליידער, וואָס ליגן אין דעם. מ'האָט מיר צוגענומען דאָס לעבן, וועל איך זיך דאָ גיין שלאָגן צוליב עטלעכע העמדער? איך האָב שוין פון טורמע געוואוסט, אַז דאָרטן וואו די קרימינעלע זיינען אַ מערהייט, וועלן זיי שוין אויספירן דאָס זייעריקע און באַרויבן די מיטפאַרער. איך האָב געטראַכט, צי איך וועל בכלל אין אַזאַ „געזעלשאַפט" קענען דערפאָרן ביז דעם איבערשיקונגס־פּונקט. דערצו איז אין וואַגאָן געווען אַזוי הייס, אַז אַ שוועבעלע האָט זיך קוים אָנגעצונדן. ווען די צינגער האָבן זיך אויפגעבונדן ביי די אַרעס־טאַנטן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיט אונדז פאָרן די אמתע „העכט". דער הויפּט־שלעגער איז געווען ניט קיין געוויינלעכער פאַרברעכער, ער איז געווען אַ „מאָקרישקע", אַ גנב־מערדער. ער האָט זיך באַרימט, אַז כדי צו באַקומען דעם מאַנטל, וואָס ער טראָגט, האָט ער דערהרגעט אַ יונגן ייִנגל. פון אָנהייב האָט ער דעם ייִנגל געהייסן אָפּגעבן דעם מאַנטל מיט גוטן. ווען יענער האָט געשריען און גערופן נאָך הילף האָט ער אים דערמאָרדעט. „מאָקרישקע" רופט מען געוויינלעך אַזאַ רויבער, וואָס האָט ליב ביי זיין רויב־אַרבעט צו פאַר־גיסן בלוט, אפילו גנבים האַסן אַזאַ איינעם.

אַ צווייטער אַרעסטאַנט אין וואַגאָן, מיט אַ צעשניטן לייב און אַ בלינד אויג, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט רואיקייט און קאַלטבלוטיקייט. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר 60, אַן אַלטער באַנדיט, וואָס איז שוין אָפּגעזעסן לאַנגע לאַגער־טערמינען. אים האָט מען צו אונדז געבראַכט אַזש פון קאַמטשאַטקע, וואו ער האָט אויסגעפירט אַ רויב־אָנפאַל אויף אַן אַלט פאַר־פאַלק. מ'האָט אים פאַר־משפּט אויף 25 יאָר. (ס'איז געווען די צייט ווען טויט־שטראָף איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין רוסלאַנד און די טויט־אורטיילן זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר פאַרשיקונג). אין וואַגאָן האָט דער פאַרשוין געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן זיינע „אויפטוען" פון הרגענען מענטשן מיט אַזאַ רואיקייט, ווי ער וואָלט אַשטייגער גערעדט וועגן אַ געוויינלעכער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. אַרום אָט די צוויי האָבן זיך געריבן די איבעריקע קרימינעלע און אַ צענדליק יונגוואַרג, ייִנגלעך, וועלכע זיינען געמשפּט געוואָרן פאַרן אַנטלויפן פון „פ.ז.אָ." (אַן אַרבעט־שול פאַר יוגנטלעכע) און באַקומען אַ יאָר אָדער 6 חדשים יוגנט־לאַגער. אויף דער באַן האָבן זיי באַדינט די באַנדיטן ווי „שעסטיאָרקעס" (באַדינער).

# אין טיישעט

אין די ענגע און שמוציקע וואַגאָנעס אין וועלכע מען האָט מיך, צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן, געפירט אין די שקלאַפן־לאַגערן איז דאָס עסן וואָס מען האָט אונדז געגעבן באַשטאַנען פון אַ שטיקל ברויט און שטאַרק־געזאַלצענע פיש. מען האָט דעריבער פיל געטרונקען און ווען מען האָט גע־דאַרפט אַ קליינע באַדערפעניש, האָבן זיך די אַרעסטאַנטן געבעטן ביי די וועכטער, אַז מען זאָל זיי צופירן וואו מען דאַרף. אין דער ערשטער ריי זיינען געווען די קרבנות — די פּאָליטישע אַרעסטירטע. זיי, האָבן די וועכטער נישט געוואָלט נאָכגעבן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָבן די וועכטער געמאַכט שותפות מיט די רויבער. די צוגערויבטע זאַכן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען פאַרקויפט געוואָרן אויף די סטאַנציעס וואו די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און די וועכטער האָבן זיך געטיילט מיטן געלט מיט די קרימינעלע פאַרברעכער. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן געפונען אַן אויסוועג. מען האָט זיך באַמיט די קליינע באַדערפענישן צו טאָן אין קאַלאָשן, אָבער דערפאַר האָט מען מיט דעם לעצטן באַדאַרפט אָפּצאָלן די באַנדיטן, זיי זאָלן גאָרנישט האָבן דאַקעגן.

מיט מיינע זאַכן האָב איך זיך זייער גיך און אָן האַרצווייטאָג צעשיידט. ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל צוריקגעקומען פון טואַלעט־וואַגאָן, האָב איך געטראָפן אַ האַלבן טשעמאָדאַן. מען האָט מיר נאָר איבערגעלאָזט עטלעכע קלייניקייטן, אַ ביסל אַלטע ווערטלאָזע זאַכן. אָבער אַזוי ווי איך האָב אפילו קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט וועגן דעם, האָבן מיר די פאַרברעכער פאַר מיינע אַנצוגן געגעבן זייערע אָפּגענוצטע אַלטע מלבושים, ממש שמאַטעס, איך זאָל נישט אַרומגיין קיין נאַקעטער.

— אַז מען פירט זיך אויף צווישן אונדז אָרנטלעך — האָט דער מיט איין אויג צו מיר געזאָגט, — אַז מען מאַכט ניט קיין געוואַלדן, האָבן מיר, גנבים, אויך אַ האַרץ...

באַזונדערס איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף איינעם אַ זקן, אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט פון וולאַדיוואָסטאָק. דער אַלטער האָט געהאַט אַ לויזן מאָגן און כאָטש ער האָט די גאַנצע צייט, אויסער דעם ביסל „קיפּיאַטאָק" (הייס וואַסער), וואָס מען פלעגט אַריינגעבן בלויז איינמאָל אַ טאָג מיט אַ דאַרן סוכאַר, גאָרניט גענומען אין מויל, האָט ער נאָכאַנאַנד געהאַט ווייטאָגן אין בויך.

די סאַניטאַרע אָפּטיילונג אין צוג האָט אים נאָר געגעבן פּראָשקעס. אָבער אַזוי ווי ער האָט קיין היץ ניט געהאַט, האָבן זיי אים ניט אָנערקענט פאַר גענוג קראַנק, אַז מען זאָל אים אַריבערנעמען אין ספּעציעלן קראַנקן־קופּע. דער אַלטער, וועמען די וועכטער האָבן ניט געלאָזן אָפט גיין אין טואַלעט, האָט געטאָן די באַדערפענישן אונטער זיך עטלעכע טעג, ביז די באַנדיטן אַליין האָבן אויפגעהויבן אַ טומל, ערשט דאַן האָט מען דעם קראַנקן אַלטיטשקן אַריבערגע־פירט אין דער „סעפּאַראַטקע", אַ מין קאַרצער אין וואַגאָן.

דערווייל איז די באַן געלאָפן אַלץ ווייטער און טיפער, געשניטן די אומ־ענדלעכע שטחים, געשלעפט די טרויעריקע וואַגאָנעס מיט די אַרעסטאַנטן, און פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע. און דאָ, פון סאַמע דנאָ פון לעבן, פון עלנט און עקל, כאַפּסטו אַ מאָל אַ קוק אויף דער פריי, דורך די גראַטן־פענצטערלעך.

אַט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט, און קעגנאיבער וואַרט אַ צווייטער צוג, אַ פּאַסאַזשיר־צוג, מיט שלאָף־וואַגאָנעס. אויפן פּעראָן זעסטו אַרויסגיין פיין־אָפּגעראַזירטע, אויסגעוואַשענע, אויסגעשלאָפענע, זאַטע, קרעפּטיקע מענער אין שיינע קליידער. נעבן זיי — צעשמייכלטע, קאָקעטירנדיקע יונגע פרויען. מען „באַטראַכט" די סטאַנציע. מענער ווייזן אַרויס מבינות, ווייזן אָן מיט די פינגער דאָ און דאָרטן, דערקלערן די פרויען וואָר זיי געפינען זיך. און די פרויען טענצלען אַרום איבערן פּעראָן מיט זייערע דראָבנע טריטעלעך. צי זעט ניט קיינער פון זיי אונדזערע אַרעסטאַנטן־וואַגאָנעס ? צי פאַלט קיינעם פון זיי ניט איין, אַז מאָרגן איבערמאָרגן, קען ער זיך אויך געפינען אין די זעלביקע וואַגאָנעס ווי מיר ?

אויף דעם אַכטן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם איבערשיקונגס־פּונקט אין טיישעט. אַכט טעג אין קאַשמאַרן סטאָליפּינסקן וואַגאָן דערפון בלויז איין מעת־לעת אין דער איבערשיקונגס־טורמע אין אירקוטסק.

טיישעט, וואָס ליגט אויפן סאַמע מיטן וועג, צווישן מאָסקווע און וולאַדיוואָס־טאָק, איז אַ שרעקונגס־וואָרט פאַר יעדן אַרעסטאַנט. ס'איז מזרח־סיביר. עט־לעכע הונדערט קילאָמעטער ווייטער, הייבט זיך אָן דער אַמורער באַן־וועג. אָבער טיישעט מיינט ניט בלויז דעם פּונקט טיישעט, כאָטש בלויז אין אָט דער צוואָרפענער, סיבירער שטאָט מיט די הילצערנע הייזער און טראָטואַרן זיינען אויך פאַראַן אַ צענדליק שקלאַפן־לאַגערן. אין „טיישעט־לאַג", אַ סיסטעם פון צענדליקער לאַגערן וואָס ציען זיך אויף אַ שטח פון הונדערטער קילאָמעטער.

די ערשטע לאַגערן האָבן דאָ געבויט די אַרעסטאַנטן פון די פריערדיקע יאָרן 1937־1938, די אַרעסטירטע פון דער אַזוי גערופענער „יעזשאָווטשינע" (אויפן נאָמען פון „באַרימטן" סאַדיסט און הענקער יעזשאָוו, דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן). שפּעטער האָט מען קיין טיישעט פאַרשיקט די יאַפּאַנישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים פאַר־לענגערן די באַן־ליניע פון טיישעט צו דער לענאַ. פון זיי זיינען געבליבן — בית־עולמס. די יאַפּאַנער, צוגעוואוינט צו אַ מילדן קלימאַט, האָבן ניט אויסגעהאַלטן די סיבירער פרעסט און זיינען געפאַלן ווי די פליגן. שפּעטער איז דאָרט געוואָרן אַ פאַרמאַכטער לאַגער, דאָס הייסט, אַ לאַגער מיט אַ זייער שטרענגן רעזשים. צו יעדן נומער פון אַ פּונקט (לאַגער־אָפּטיילונג) ווערט צוגעגעבן אַ „0". למשל, 041, 023 און אַזוי ווייטער. אין אָט דעם רינגעלע ליגט די קללה... דאָס רינגעלע באַדייט : איזאָלירט און פאַרשלאָסן. דער רעזשים אין די לאַגערן איז ווי אויף קאַטאָרגע, מיטן אונטערשייד, וואָס מען טראָגט ניט קיין קייטן אויף די פיס. די אַרעסטאַנטן אַרבעטן דאָרט צען שעה טעגלעך, און פירן אויס די שווערסטע פיזישע אַרבעט. זיי באַקומען גאָרניט באַצאָלט

פאַר דער אַרבעט, דער אַרעסטאַנט אַרבעט בלויז פאַר דעם ביסל עסן. 10 אַזייגער ביינאַכט ווערט די גאַנצע געגנט אָפּגעשלאָסן ביז 6 אינדערפרי. די אַרעסטאַנטן טראָגן דאָרט נומערן אויף זייערע פּלייצעס און אויף די הויזן. פון דאָרטן איז דערלויבט צו שרייבן בריוו צו קרובים בלויז צוויי מאָל אין פאַרלויף פון אַ יאָר.

אויפן „איבערשיקונגס־לאַגער" אין טײַשעט, איז דער רעזשים, דאַקעגן, אַ ביסל לייכטער. צי ווייל עס איז נאָענט צו אַ באַן און נאַטשאַלסטוואָ האָט מורא, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן זיך ניט צעבונטעווען און אַנטלויפן, צי ווייל דאָ קומען נײַע מענטשן צווישן וועלכע ס'זיינען פאַראַן אַ סך קרימינעלע, וועלכע ווערן געוויינטלעך געשיקט אין אַ צווייטן לאַגער נענטער צו דער לענע, ווי ס'זאָל ניט זיין, איז עס אַנדערש ווי אין דעם פאַרמאַכטן לאַגער. דאַקעגן, זיינען די וועכטער אין דעם „איבערשיקונגס־לאַגער" אין טײַשעט געווען שלעכטע. איבערפירנדיק די אַרעסטאַנטן פון דער באַן־סטאַנציע צום לאַגער־פּונקט אין אָפענע לאַסט־אויטאָס, וואָס פאָרן אויף אַ זייער שלעכטן שאָסיי, פול מיט גריבער און בערגלעך, און עס טרייסלט אַרויס די קישקעס, קלאַפּן זיי מיט די פּריקלאַדן פון די ביקסן איבער די הענט, ווען מען פּרוּווט זיך אָנהאַלטן אָן די ווענטלעך פון אויטאָ. דער קאָנוואָי פאַרביטערט אַזוי דעם האַלב־שעהיקן וועג, אַז מען דערלעבט קוים אָנקומען צום פּונקט, וואו מען אָטעמט אָפּ אַ ביסל פרייער, כאָטש מען דאַרף וואַרטן לאַנגע שעהן אין אַ גרויסער היץ און אָן אַ טראָפּן וואַסער.

אַרום און אַרום דעם לאַגער איז אַ הויכער הילצערנער פּאַרקאַן, מיט עטלעכע רייען שטעכעדיקן דראָט פון אויבן אַלס צוגאָב. דערצו נאָך זיינען די ערשטע צוויי מעטער לעבן פּאַרקאַן דערקלערט פאַר אַ פאַרבאָטענע זאָנע, און די וועכטער אויף די לאַגער־טורעמלעך האָבן רעכט צו שיסן יעדן אַרעס־טאַנט, וואָס געפינט זיך אין דער פאַרבאָטענער צוויי מעטערדיקער זאָנע. אָבער דאָך איז איבער דיין קאָפּ אויסגעשפּרייט אַ גרויסער פרייער הימל און מען קאָן אָטעמען מיט פרישער לופט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין טײַשעט, איז די גאַנצע „פּערעסילקע" (איבערשיקונגס־פּונקט), ממש געווען באַלעגערט מיט אַרעסטאַנטן, פאַרשיקטע אַהער, און אַזוינע וועלכע מען האָט באַדאַרפט איבערשיקן ווייטער. די באַראַקן זיינען געווען איבערפולט און מען איז געשלאָפן אויפן דיל. די הילצערנע נאַרעס זיינען שוין פון לאַנג געווען פאַרנומען.

ווען איך בין געבראַכט געוואָרן אין דעם איבערשיקונגס־לאַגער אין טײַשעט, בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו אַ בריגאַדע. דער בריגאַדיר איז געווען אַן אַרמענער, אַ כיטרער, אַ דורכגעטריבענער, אָבער ניט קיין שלעכטער. ער האָט מיך באַקענט מיט די געזעצן פון לאַגער און מיט די רעכט, וואָס אַ בריגאַדיר האָט. דאָ זיינען מיר דערווייל, צייטווייליק, האָט ער געזאָגט. אָבער מיר דאַרפן אויך דאָ אויספירן פאַרשיידענע אַרבעטן. מיר וועלן דורכגיין אַ „קאָמיסאָוקע", און אַ דאָקטאָר וועט שפּעטער קוואַליפיצירן אונדזערע „קאַטע־גאָריעס": ווער עס וועט באַקומען ערשטע קאַטעגאָריע, ווער צווייטע, און

ווער עס וועט אַרויס ווי אַן אינוואַליד. אויב מען וועט אַנערקענט ווי אַן אינ־וואַליד, האָט מען אַ שאַנס אַריינצופאַלן אין אַ לייכטן לאַגער, וואו די אַרבעט איז ניט אַזוי קאַטאַרזשנע־שווער. דערווייל, אָבער, איידער וואָס און ווען, דאַרפן מיר גרייט זיין אויף יעדן רוף פון אונדזער בריגאַדיר. אַזוי ווי קיין אַרבעט איז אין די ערשטע עטלעכע טעג נישט געווען, האָב איך מיר אַרומ־געדרייט איבערן לאַגער. פון מיין איינגעבוירענער נייגעריקייט האָב איך באַ־טראַכט די מענטשן, געשמועסט מיט זיי, און זיך דערוואוסט נייס.

נאָך נייס בין איך דאָך אַזוי אויסגעהונגערט געווען, נאָכן אָפּזיצן אַ יאָר אין טורמע, וואו איך בין געווען אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט. דער עיקר: דאָ האָב איך באַגעגנט יידן. אין טורמע זיינען אַחוץ די בירא־בידזשאַ־נער, מסתמא אויך געזעסן נאָך יידן. אָבער מען האָט זיי קיינמאָל ניט אַריינגע־זעצט מיט אונדז צוזאַמען אין איין קאַמער. די טורמע־מאַכט האָט דאָס זיכער באַוואוסטזיניק אויסגעמיטן. פאַר דעם גאַנצן יאָר צייט בין איך בלויז אַ קורצע צייט געזעסן מיט אַ ייד פון דער שטאָט קאָמסאָמאָלסק. ער איז געווען אַן אַסימילירטער ייד, וואָס האָט ניט געקענט קיין וואָרט יידיש. און דאָך איז ער געווען אַרעסטירט פאַר יידישן נאַציאָנאַליזם, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין זיין זאַוואָד קעגן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. דעם דאָזיקן ייד האָט מען, אָבער גיך, צוגענומען פון מיין קאַמער. ווייזט אויס, אַז עס איז פון אָנהייב אָן דאָ געמאַכט געוואָרן אַ טעות מיט דעם, וואָס מען האָט אונדז, צוויי יידן, צוזאַמענ־געבראַכט אין איין קאַמער.

דאָ, אויף דער טייטשעטער „פּערעסילקע", זיינען אָבער געווען אַ סך יידן. מערסטנס זיינען די דאָזיקע יידן געקומען פון מאָסקווע. געווען דאָ דער באַ־קאַנטער רוסיש־יידישער שרייבער א. אי., וועמענס ווערק עס זיינען גרינטלעך קריטיקירט געוואָרן פאַר „קאָסמאָפּאָליטיזם". שפּעטער האָט מען ביי אים געפונען נאָך אַ זינד און אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר פאַרשיקונג.

די פרויען אויף דער „פּערעסילקע" זיינען געווען אָפּגעטיילט מיט אַ פּאַר־קאַן. אָבער זיי האָבן געגעסן אין איין „סטאָלאָווקע" (עס־צימער) מיט די מענער, און אויך צוזאַמען געאַרבעט. די מערסטע פרויען זיינען נאָר וואָס געבראַכט געוואָרן פון טורמע. די מערהייט פון זיי זיינען געווען אָנגעקלאָגט פאַר מיטהעלפן דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. אָבער עס זיינען אויך געווען אַ היפּשע צאָל רוסישע, דייטשע און עטלעכע יידישע פרויען און אפילו יאַפּאַנערינס.

אויף אַ „פּערעסילקע" ברענגט מען ניט נאָר בלויז נייע אַרעסטאַנטן. דאָ ווערן איך אָפּט אַרויסגערופן פון די צעוואָרפענע לאַגער־פּונקטן אַלטע אַרעס־טאַנטן. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זיינען שוין אָפּגעזעסן זייערע טער־מינען, און דאָ, אין דער פאַרוואַלטונג פון די לאַגערן, ווערן „אויסגעפּאַרמירט" זייערע דאָקומענטן, און זיי ווערן ערגעץ ווייטער פאַרשיקט אויף „וואָלנאַיע פּערעסילעניע" (פרייע פאַרשיקונג), דאָס הייסט, פאַרבלייבן אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז ניט אַרומגערינגלט מיט קיין פּלויט. דאָ ווערן אויך געבראַכט אַרעס־טאַנטן אויף נייע פאַרהערן. פון די יידישע אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע איך האָב

זיך באַגעגענט, האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלן פאַר־
נעם עס האָבן אָנגענומען איבער גאַנץ רוסלאַנד די אַרעסטן פון יידן אין די
לעצטע חדשים פון 1948. אויף דער דאָזיקער „פּערעסילקע" אַליין, אויף
וועלכער עס האָבן זיך געפונען איבער צוויי טויזנט אַרעסטאַנטן, (געציילט
בעת דעם „אַפּעל"), האָבן יידן אויסגעמאַכט אַ דריטל פון אַלע אַרעסטירטע.

אָבער נישט בלויז די אַרעסטירטע לויט דער „יידישער דיעלאָ" זיינען דאָ
געווען פאַרטראָטן. עס האָבן דאָ נישט אויסגעפעלט קיין קרבנות פון אַנדערע
משונהדיקע באַשולדיקונגען, ווי די „דיעלאָ" פון די „זשוקאָווצעס". דאָס זיינען
געווען הונדערטער — אין אפשר טויזנטער — הויכע מיליטער־לייט, וועמענס
זינד ס'איז באַשטאַנען אין זייער אָנערקענונג פאַרן באַרימטן סאָוועטישן מאַרשאַל
זשוקאָוו, ווי דעם העלד פון סאָוועטישן זיג איבער נאַצי־דייטשלאַנד, און נישט
סטאַלין.

אין אונדזער סאַניטאַרן אָפּטייל, צום ביישפּיל, האָט געאַרבעט אַ קראַנקן־
שוועסטער, וועלכע איז געווען די פרוי פון זשוקאָווס אַדיוטאַנט. מאַן און ווייב
זיינען ביידע פאַרמשפּט געוואָרן פאַרן אָנטייל נעמען אין אַ כלומרשטן בונט
קעגן „גרויסן פאָטער און לערער פון די פעלקער".

אין דעם איבערשיקונגס־פּונקט אין טיישעט האָב איך אויך באַגעגנט אַ
היפּשע צאָל פאַרשטייער פון פאַרשיידענע רעליגיעזע סעקטעס, איבערהויפּט
באַפּטיסטן, „עדות פון יעהאָוואַ" און אַנדערע. זיי זיינען אַלע געוואָרן באַשולדיקט
און פאַרמשפּט פאַר „מיטאַרבעט מיטן אויסלענדישן קאַפּיטאַליזם".

אין לאַגער איז געווען ענג, שמוציק, שווער און ביטער דאָס לעבן און
דאָך, אין אַ געוויסן זין, אינטערעסאַנט. מאָדנע, אָבער איך געדענק ווי ס'איז
מיר דאָרט אויפגעקומען אין קאָפּ דאָסטאָיעווסקיס אַן אויסטערלישע פאַר־
צייכענונג: „דאָס ערשטע געפיל, ביי דער נייס אַז עמיצער אַ נאָענטער
איז פּלוצלונג געשטאָרבן איז — פרייד". איך האָב זיך שטענדיק שאַרף קעגנ־
געשטעלט אָט דעם אויסטערלישן פּאַראַדאָקס. ווי איז דאָס גאָר מעגלעך?
מיר ווערן דאָך שרעקלעך צעבראָכן און דערשיטערט! גיי וויס, וואָס עס נעסטלט
אין אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין? אַז דאָס געפיל פון נייגעריקייט, וואָס איז
אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין אונדז, קאָן אַריבערגיין אין אַ מין פרייד פון שטוינונג.
איך רייד מיט מענטשן. לעבנס וויקלען זיך פאַר מיר פונאַנדער, נייע דער־
פאַרונגען, גרויזאַמע. אָבער זיי זיינען אַזוי אַנדערש פון דאָס אַלץ וואָס איך האָב
אין מיין ביז־איצטיקן לעבן דורכגעמאַכט. און דאָס איז, ווייזט זיך אַרויס,
אַ גענוגנדער מאָטיוו מען זאָל דערפילן אַ מין פרייד פון אַריבערשפּאַנען דעם
גבול פון אַן אַנדער, ביז אַהער אומבאַקאַנטער וועלט. פּונקט ווי מיר פלעגן
קליינערהייט, ליב האָבן צו שפּילן זיך דווקא אונטער די איבערגעקערטע טישן,
וועלכע די מאַמע האָט געהאַט אַרויסגעשטעלט אין הויף ביים רייניקן די שטוב.
און ווי גרויזאַם די נייע דערפאַרונגען זיינען!

אָט פירט מען אונדז דאָס ערשטע מאָל צו דער לאַגער־אַרבעט. מענער און
פרויען, צוזאַמענגעפּרעסט אויף אַ לאַסט־מאַשין. מען זאָל נישט אַרונטערפאַלן
פון יאַגנדיקן לאַסט־אויטאָ אויפן וועג, איז יעדער אַרעסטאַנט איינגעשטשעמעט

אין צווייטן מיט די הענט און מיט די פיס. די וועגן זיינען שלעכטע, פול מיט בערגלעך און גריבער, און אַלע קישקעס דרייען זיך איבער, ביז מיר דערגרייכן אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ.

אונדזער אַרבעט איז דערוויל באַשטאַנען אין פונאַנדערנעמען אַן אַלט הויז און אויסזאָרטירן די מאַטעריאַלן באַזונדער: קלעצער צו קלעצער, ברעטער צו ברעטער, ציגל צו ציגל, און אַזוי ווייטער. איך בין נאָך נישט געווען באַקאַנט מיט די דאָרטיקע קאַמאַרן, קליינטשינקע מאָסקיטן וועלכע ווימלען דאָרט אין די מיליאָנען. זיי צעבייסן דאָס לייב ביז עס ווערט רויט און געשוואָלן. איך האָב מיך גענומען צו דער אַרבעט מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און קיין אַכט נישט געלייגט אויף די קליינטשינקע פליגעלעך וועלכע האָבן מיר ממש באַלעגערט. עס וואָלט דאָך געווען אַ חרפּה אָפּצושטיין פון די פרויען, וועלכע האָבן געשלעפּט צו זיבן אָדער אַכט ציגל פאַר איין מאָל, אָדער אין צווייען שווערע קלעצער. צוריקקומענדיק אין לאַגער־באַראַק זיינען אָבער מיינע הענט געווען אַזוי געשוואָלן, אַז עטלעכע טעג האָב איך געמוזט אָנקומען צו דער מעדיצינישער הילף פון דער קראַנקן־שוועסטער, די פרוי פון זשוקאָווס אַדיוטאַנט, וואָס האָט מיר איינגעשמירט די הענט מיט אַ ספּעציעלן זאַלב און נאָכדעם זיי פאַרבאַנדאַזשירט.

ביים אָנקומען אין איבערשיקונגס־לאַגער גיבן די אַרעסטאַנטן אָן זייערע פּראָפעסיעס. מען זאָגט דאָ, אַז אַ פּראָפעסיאָנאַל האָט בעסערע שאַנסן לענגער צו פאַרבלייבן אויף דער „פּערעסילקע". די, וועלכע זיינען אַהער געבראַכט פון די ווייטע לאַגער־פּונקטן, דערציילן, אַז די לאַגע פון די אַרעסטירטע איז דאָרט אַ שוידערלעכע. די לופט איז דעם גאַנצן זומער פול מיט מאָסקיטן, נאָך אַ סך מער ווי אויפן איבערשיקונגס־פּונקט. די ברויט־פּאַיקע איז בלויז גענוג נישט אויסצוגיין פון הונגער, אָבער זאַט ווערן קאָן מען נישט פון דעם. אַנדערע דערציילן, אַז די לאַגער־נאַטשאַלניקעס זיינען סאַדיסטן און זיי יאָגן אויף די שווערסטע אַרבעטן. מען טראָגט נומערן און מען איז געגליכן צו אמתע קאַטאָרזשניקעס.

נאָך אַ גאַנצע ריי פון אָנקלאָגעס און בקשות האָט מען מיך עבדלעך גערופן צו אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. די יונגע דאָקטאָרשע האָט, אָבער נישט אָנערקענט קיין איינע פון מיינע אָנקלאָגעס, נאָר בלויז, אַז די אויגן זיינען ביי מיר נישט אין אָרדענונג. די בעלמע אויף מיין אויג, וואָס איך האָב באַקומען אין דער צייט פון דער מלחמה, איז אַצינד געוואָרן מיין איינציקער מלאך הגואל. די קאָמיסיע האָט באַשטימט מיך אָפּצושיקן צו אַן אויגן־ספּעציאַליסט, כדי פעסטצושטעלן צו וואָס פאַר אַ אַרבעטס־קאַטעגאָריע איך קאָן געהערן לויט מיין געזונט־צושטאַנד.

מיין גאַנצע אַרבעטס־בריגאַדע איז מיר געווען מקנא: „וועסט דערוויל זיין אַ שטיקל צייט אין שפּיטאָל און נישט דאַרפן גיין צו דער אַרבעט. אַזאַ גליק טרעפט נישט אין לאַגער צו אָפט..."

# מיט יידישע דאָקטוירים, שרייבער און אַ רב אין דעם לאַגער־שפּיטאָל

דער לאַגער־שפּיטאָל 0.25, וואוהין איך בין איבערגעשיקט געוואָרן צו דער אויגן־אונטערזוכונג, געפינט זיך סך־הכל אַ קילאָמעטער 50 פון דעם איבערשיקונגס־פונקט אין טיישעט. שוין אויפן וועג, אַהינצופאָרנדיק, האָב איך זיך דערוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסע יחסנים עס זיינען די אַלע, וועלכע ווערן אָנערקענט ווי קראַנקע אָדער זיי פאָרן אויסצוקלאָרן, אויב זיי קאָנען אַרונטערגענומען ווערן אונטער דער קראַנקע־קאַטעגאָריע. עס קומט שווער אָן אַריינצופאַלן צו אָט דער גליקלעכער קאַטעגאָריע אין לאַגער. אויסער אַ שווער חולאת דאַרף מען נאָך האָבן גליק. די מערהייט קראַנקע באַטראַכט נאַטשאַלסטוואָ ווי סימולאַנטן, וואָס ווילן זיך אַרויסדרייען פון אַרבעט, זיך בלויז מאַכנדיק קראַנק. אָבער קוים ווערט שוין אַן אַרעסטאַנט ענדלעך אָנערקענט פאַרן אַן אמתן קראַנקן, איז ער ממש גליקלעך. אַשטייגער, אָט פירט מען אונדז, תולאים, צו דער סטאַנציע אויף אַ לאַסט־אויטאָ און גיט ווי אַלע „עטאַפּניקעס״, צופוס. מען זעצט אונדז אַריין אין אַ סאַניטאַרן וואַגאָן, מיט אַ קליין פאַר־גראַטעוועטן פענצטערל, וואו עס איז שוין נישט אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט אַרעס־טאַנטן ווי אין אַ געוויינלעכן פאַרבלאָמבירטן עטאַפּ־וואַגאָן. די גאָר שווערע קראַנקע האָבן שוין דאָ אפילו ליג־פּלעצער. אמת, די שווער־קראַנקע זיינען שוין אַ מיגוט פאַרן טויט, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך נאָך אין זיי.

דער לאַגער־שפּיטאָל, וואו מיר זיינען געבראַכט געוואָרן, האָט זיך קודם־כל אויסגעטיילט מיט אַ לייכטערן רעזשים ווי אין די אַרבעטס־לאַגער־פונקטן. כאָטש אויך דאָ ציילט מען די אַרעסטאַנטן צוויי מאָל דורכן טאָג, שלעפּט מען זיי אָבער נישט אַרויס אויפן הויף, מען ציילט זיי אין די באַראַקן. און די באַראַקן זיינען דאָ אויך ריינער, ווי אין די לאַגערן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נאָר גילטיק פאַר די קראַנקע, וואָס געפינען זיך אויפן קראַנקן־ביולעטין. ווי נאָר אַ קראַנקער ווערט אויסגעשריבן, ווערט ער גלייך אַריבערגעפירט אין די אַלגעמיינע באַראַקן, אָדער אין די אַרבעטס־באַראַקן פאַר די בריגאַדעס, וואָס באַדינען דעם לאַגער.

דער שפּיטאָל 0.25 איז דער גרעסטער שפּיטאָל און דעם גרויסן קנופּ לאַגערן וואָס געהערן צום „טיישעטלאַג״ אָדער אָזערלאַג נומער 7. דער שפּיטאָל פאַר־מאָגט 12 אָפּטיילונגען, און אין יעדן באַראַק ווערן באַהאַנדלט באַזונדערע קראַנק־הייטן. די דאָקטוירים זיינען מערסטנטייל אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען גרויסע ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך־ספּעציאַליטעט. דער אויגן־דאָקטאָר, צו וועמען מען האָט מיר געבראַכט אויף באַהאַנדלונג, איז דעם באַרימטן פּראָפעסאָר פילאַטאָוס אַן אַסיסטענט. דער הויפּט־דאָקטאָר פון לאַגער־שפּיטאָל איז אָבער נישט קיין אַרעסטאַנט און ער האָט דעם קאָנטראָל איבער די אַרעסטירטע דאָקטוירים סיי ביים באַשטימען דעם ענדגילטיקן דיאַגנאָז און סיי ביי די

מעדיציניש קאָמיסיעס, וואו עס דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, ביים אויסשרייבן אַ קראַנקן, וועלכע געזונט־קאַטעגאָריע עס זאָל אים געגעבן ווערן.

דאָס ערשטע, מיט וואָס אַ יידישער אַרעסטאַנט אינטערעסירט זיך איז, צי עס זיינען דאָ פאַראַן יידן. און גראָד אויף דעם קען מען זיך נישט באַקלאָגן. אין יעדער אָפּטיילונג זיינען פאַרטראָטן אחינו בני ישראל. די מערהייט חולאים קומען פון די לאַגער־פונקטן, וואו זיי זיינען אויסגעמאַטערט און אויסגעפייניקט געוואָרן פון די באַנדיטישע בריגאַדירן, און זיי גרייכן אַהער מיט די געפּערלעכסטע קראַנקהייטן: אַ גרויסער טייל האָבן האַרץ־פעלערן (אַנגינאַ פּעקטאָריס); אַנדערע זיינען געבריכט, שווערע לונגען־קראַנקע און אויך מיט קראַנקע אויגן.

אין דעם שפּיטאָל האָב איך באַגעגנט דעם כאַרקאָווער רב הרב לעוו, וועלכער איז אַהער געבראַכט געוואָרן מיט אַ שווערער האַרץ־קראַנקהייט און ער איז שפּעטער נפטר געוואָרן אויף אַ לאַגער־פונקט. די דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט צו ליגן צום בעט און זיך ניט באַוועגן. אָבער דער רב האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז „בתוך עמי אנכי יושב" (איך זיץ צווישן מיין פאָלק). ער פלעגט אַרויפכאַפּן אויף זיך אַ כאַלאַט און אַרומגיין זוכן יידן, מיט זיי אַ שמועס צו טאָן. ווער רעדט אַז ער האָט נאָך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ איינעם, וואָס האָט נאָך געקענט די דראָבנע אותיות, האָט ער אים שוין ניט אָפּגעלאָזט. אַ געוועזענער מירער ישיבה־בחור, איז דער כאַרקאָווער רב געווען פול מיט תורה ווי אַ מילגרוים, און האָט גאַנצע שטיקער גמרא געזאָגט אויף אויסנווייניק. אים האָט מען אויך געמשפּט לויט דעם פּאַראַגראַף 58, ווייל ווער איז נאָך אַזאַ מחותן מיטן „ולירושלים עירך ברחמים תשוב" (צו דער שטאָט ירושלים זאָלסטו מיט רחמים זיך צוריקקערן) און מיטן לשנה הבא בירושלים, ווי ער? פאַר סטאַלינס זיכערהייטס־מאַכט איז ער געווען אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, ניט ווייניקער ווי די יונגע סטודענטן, לונגען־קראַנקע, וועלכע מ'האָט אַרעסטירט פאַר „אונטערערדישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט".

אין לאַגער־שפּיטאָל האָב איך באַגעגנט יידישע שרייבער.

בלויז איינעם וויל איך דאָ דערמאָנען, ווייל ער איז שוין אויף יענער וועלט און מיינע שורות וועלן אים שוין קיין שאָדן ניט קענען ברענגען. דאָס איז געווען דער סאָוועטיש־יידישער דיכטער פון ווייסרוסלאַנד ה ע ר ש ל ק אַ מ ע נ ע צ ק י, אַ טאַלאַנטפולער ליריקער און איבערזעצער. ער איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע סאָוועטיש־יידיש שרייבער פון ווייסרוסלאַנד. אים האָט „אָפּגעגליקט", וואָס עס האָט אים געמשפּט די „אָסאָבאָיע סאָוועשטשאַניע" *), און ער האָט באַקומען „בלויז" צען יאָר. צו דעם דאָזיקן גליק זיינען צוגעקומען נאָך צוויי גרויסע גליקן: ערשטנס, האָט ער יאָרןלאַנג געליטן פון אַן אָפענעם טובערקולאָז. און דער צווייטער גליק זיינער

*) אָסאָבאָיע סאָוועשטשאַניע — דער הינטעראויגיקער געריכט אין מאָסקווע, ביי דער מ.ג.ב. וועלכער האָט געמשפּט אַ גרויסע צאָל פון די אַרעסטירטע איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד.

איז געווען, וואָס דער נאַטשאַלניק פון לאַגער־שפּיטאָל איז געווען אַ ייִד. דער נאַטשאַלניק האָט געאָרניט געהאַט דאַקעגן, אַז דער טובערקולאָז־קראַנקער דיכטער, הערשל קאַמענעצקי, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט ווי אַ פאַריקמאַכער, זאָל זיך איינאָרדענען ביי זיין אַלטער ספּעציאַליטעט אין לאַגער, ביי די אָפענע טובערקולאָז־קראַנקע אין 12טן באַראַק.

מיך האָט אויך „אָפּגעגליקט". אין דער אויגן־אָפּטיילונג האָט מען מיך געהאַלטן גאַנצע 7 טעג. דער אויסגעצייכנטער דאָקטאָר ט. האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז: אַ קאַטאַראַקט אויפן רעכטן אויג פון אַ טראַוומע. ער האָט אָבער פאַר איין וואָגס אין אַכט גענומען מיין אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג און אויסגעצערטקייט, און מיך איבערגעגעבן אין דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן, וואו דער אָרדינאַטאָר איז געווען גאָר אַ גרויסער מאָסקווער ייִדישער דאָקטאָר.

איך וועל דעם גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן די האַרציקייט און איבערגעגעבנקייט, די ממש־ברידערלעכע זאָרג מיט וועלכער דער דאָזיקער ייִדישער פּראָפעסאָר האָט מיך אַרומגערינגלט. ער איז געווען אין שפּיטאָל דער הויפּט פון צוויי אָפּטיילונגען: פון דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן, און פון גרויסן, מאָדערן־אויסגעשטאַטן באַראַק, אין וועלכן עס האָבן זיך געהיילט שטאַטישע קראַנקע, ניט קיין אַרעסטאַנטן. אויסער זיינע טאָג־טעגלעכע באַזוכן, האָט ער מיר באַזאָרגט מיט די בעסטע מעדיקאַמענטן, אָפטמאָל פון זיין פּריוואַטן אַפּטייקל. ער האָט מיר יעדן אָוונט פאַרבעטן צו זיך, אין זיין קאַבינעט־צימערל, און געשמועסט שעהן לאַנג. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס וויסן אין דער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור.

די געשיכטע פון זיין אַרעסט איז אויך ביז גאָר טשיקאַווע:

פּוילישע ייִדן געדענקען זיכער פון פאַר דער מלחמה דעם נאָמען: דאָקטאָר מעסינג. ד"ר מעסינג פלעגט אָפט איינאָרדענען היפּנאָז־סעאַנסן. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן כיראָמאַנטיע (חכמת היד) און פיזיאָנאָמיע. מ'האָט אים פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע היפּנאָטיקער אין יענער צייט. אָט דער ד"ר מעסינג איז בעת דער מלחמה אַנטלאָפן פון די נאַציס קיין סאָוועט־רוסלאַנד. אויך דאָרט האָט ער באַוויזן וואונדער מיט זיינע היפּנאָז־סעאַנסן, היפּנאָטיזירנדיק איינצייטיק גאַנצע גרופּן. מיין פּראָפעסאָר האָט מיר דערציילט אַ פאַקט, ווי ד"ר מעסינג האָט איינמאָל געוואָלט איינאָרדענען אַ סעאַנס אין אַ גרענעץ־שטעטל אין רוסלאַנד, צו וואָס מען האָט געדאַרפט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. ד"ר מעסינג האָט די דערלויבעניש ניט באַקומען און ער איז אַוועק צום שעף פון דער גרענעץ־וואַך. ווען ער איז אַריין צום שעף, האָט זיך יענער געוואונדערט, ווי אַזוי מעסינג האָט באַוויזן צו אים אַריינצוגיין, ווען מען דאַרף פריער דורכגיין עטלעכע וועכטער. אויף דעם האָט ד"ר מעסינג אים געענטפערט: — כ'האָב דיינע אַלע וועכטער פאַרהיפּנאָטיזירט...

דאָס איז געווען אמת, און די דאָזיקע פעאיקייטן זיינע, האָט אויסגענוצט די מ.ג.ב., ביי וועמען ד"ר מעסינג האָט שפּעטער געדינט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך באַקענט מיט מעסינגען דורך אַ צופאַל. באַ־

וואונדערנדיק זיינע גרויסע היפּנאָטישע פעאיקייטן, איז ער אַלץ נענטער געוואָרן מיט אים באַפריינדעט און אים אָפטמאָל פּאָרטרויט זיינע איבער־לעבונגען, שטימונגען א.אַז. וו. ערשט אויפן פּראָצעס האָט מען דעם פּראָפעסאָר געוויזן אַ טאַשמע פון אַ מאַגנעטאָפאָן וואו עס איז געוואָרן אויפגענומען זיין געשפּרעך מיט ד״ר מעסינג. קיין באַזונדערע „קאָנטער־רעוואָלוציע״ איז דאָרט ניט געווען. עס איז אָבער פאַרצייכנט געווען אויף דער טאַשמע, דעם פּראָ־פעסאָרס באַוואונדערונג פאַר מדינת ישראל. און דאָס איז געווען גענוג, ער זאָל פאַראורטיילט ווערן אויף צען יאָר פאַר „נאַציאָנאַליזם״.

# ווי אַ באַדינער ביים לאַגער־פּאַריקמאַכער

אין דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן, אין לאַגער־שפּיטאָל, בין איך געווען אַ גאַנצן חודש און עטוואָס געקומען צו די כוחות. איך האָב געהערט צו דער קאַטעגאָריע „פּילעגראַזנע״, קראַנקע אויף אַוויטאַמינאָז, און די דאָזיקע קראַנקע זיינען גוט געפלעגט געוואָרן. אויסער דעם האָבן דעם דאָזיקן שפּיטאָל, וועלכער איז דער נאָענטסטער צו דער לאַגער־פאַרוואַלטונג, אָפט באַזוכט קאָמיסיעס פון מאָסקווע. די קיך איז דאָרט בכלל געווען בעסער ווי אין די אַנדערע לאַגערן. מ׳האָט דאָ אפשר אויך וויניקער געגנבעט, און דער קראַנקער האָט דעריבער באַקומען נאַרהאַפטע און געשמאַקע עסנס, וואָס זיינען קאָנטראָלירט געוואָרן פון אַ ספּעציעלן דאָקטאָר־קולינאַר.

איך האָב מיך כסדר געוואונדערט, וואָס אין אַרומיקן מבול פון גרויזאַמ־קייט, אומגעזעצלעכקייט און באַרבאַריזם, עקזיסטירט נאָך פונדעסטוועגן אַזאַ גוטער (פאַר די לאַגער־באַדינגונגען) היילונגס־אַנשטאַלט, וואו דער קראַנקער ווערט באַדינט און געהיילט. אמת, אויף איינעם פון די טראַנספּאַראַנטן, וואָס זיינען אויסגעהאַנגען אין לאַגער־שפּיטאָל, איז מיט גרויסע געדרוקטע אותיות אויפגעשריבן איינע פון די פאַרפּליכטונגען, וואָס די לאַגער־דאָקטוירים האָבן אויף זיך גענומען: ״זיך דערשלאָגן דערצו, אַ קראַנקער זאָל דאָ מער נישט ליגן ווי אַ חודש״.

אויך פאַר מיר, האָט פריער אָדער שפּעטער, געמוזט קומען די שעה. די הויפּט־דאָקטערשע פון שפּיטאָל, נעלגאַ, האָט שוין ניט איינמאָל אויפמערק־זאַם געמאַכט, אַז מען וואָלט מיר שוין געמעגט אויסשרייבן. צום נאָטשאַלניק זיינען אָנגעקומען מסירות פון די אוקראַינער, אַז דער פּראָפעסאָר האַלט די יידן לענגער ווי מען דאַרף עס לויט די פאַרשריפטן...

דער פּראָפעסאָר האָט אָבער געפּרוּווט מיך אויפהאַלטן ביי זיך. ער האָט מיך געגעבן די לייכטע אַרבעט פון אַ „דניעוואַלני״ (באַדינער) פון זיין אָרדי־נאַטאָר־קאַבינעט, און אַ נאַכט־דיזשורנער אין די גרויסע באַראַק־זאַלן אין דער אָפּטיילונג. אָבער אַלצאיינס בין איך געווען אַ דאָרן אין די אויגן פון די אַנטיסעמיטן.

אַ צווייטער יידישער דאָקטאָר, אַ ווינער נערוון־ספּעציאַליסט, וועלכער

האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר פּסיכישע און נערוון־קראַנקע, האָט געעצהט דעם פּראָפעסאָר, זיי זאָלן מיר בײדע רעקאָמענדירן אַלס באַדינער אין דער פאַבריקמאַכערײ. די אויסרעכענונג איז געווען, אַז דאָרט וועל איך קאָנען אָפּשטופּן נאָך עטלעכע חדשים און ניט פאַרוואַרפן ווערן אין אַ לאַגער־פונקט אויף שווערער אַרבעט. אַזוי ווי איך בין אויסגעשריבן געוואָרן ווי אַן אינוואַליד, בין איך געווען באַרעכטיקט צו אַזאַ מין אַרבעט.

דער נערוון־דאָקטאָר נ. איז געווען דער קליגסטער, שאַרפזיניקסטער און אינטעליגענטסטער צווישן די דאָקטוירים. עס איז פשוט געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו כאַפּן אַ שמועס. ער איז געווען וואונדערלעך באַהאַוונט אין דער דײטשישער ליטעראַטור. אַליין געווען אַן אַרײנגײער אין די ווינער ליטע־ראַרישע קאַפעען, און אפילו אַליין געשריבן אַמאָל פעליעטאָנען אין דער ווינער „נײע פרײע פּרעסע“. ער איז אויך געווען אַ פערזענלעכער פרײַנד פון באַרימטן, טאַלאַנטפולן סאַטיריקער, רעדאַקטאָר פון „פאַקעל“ קאַרל קראַוס. ד״ר נ. איז שוין צווײ דריטל פון זײַן שטראָף געהאַט אָפּגעקומען, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרעסטירט אין 1937. די 15 יאָר טורמע און פאַרשיקונג האָט ער באַקומען פאַר „שפּיאָנאַזש“ לטובת היטלער־דײטשלאַנד, כאָטש קײן רוסלאַנד איז ער געקומען פון ווין אין 1933, ווען היטלער איז ערשט געקומען צו דער מאַכט אין דײטשלאַנד.

אַ מיטלוואוקסיקער, אַ פולער, מיט שאַרפע דורכדרינגענדע אויגן און מיט אַ שטענדיקן שמײכעלע אין זײ, פלעגט ער אַרומגײן מיט דער ליולקע אין מויל און געזוכט עפּעס אַ „קיבעץ“; געזוכט עמיצן, וועמען ער זאָל קאָנען דערצײלן אַ קלוגן ווערטל, אַ שאַרפזיניקן וויץ. דאָס איז פאַר אים געווען אַ מין נײטיקער אָפּרו און אויסלאָדונג, פון דער שווערער און ערנסטער אַרבעט זײַנער בײ די פּסיכיש־קראַנקע, וואָס זײַנען געווען אין אַ זײער גרויסער צאָל. אויסער בײם שטעלן די דיאַגנאָזן בײ די פּסיכיש־קראַנקע האָט ד״ר נ. אויך קאָנסולטירט בײ מוח־כירורגיע. מען האָט פאַר אים אין לאַגער־שפּיטאָל געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן דרך־ארץ. אפילו די קרימינעלע, וועלכע פלעגן נישט אײנמאָל אונטערהאַקן די זײטן אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זײ בײם אויסשרײבן פאַר־שריבן אַ צו הויכע קאַטעגאָריע, אפילו זײ האָבן זיך באַצויגן צו ד״ר נ. מיט אַכטונג. אפשר האָט אים אין דעם אַרויסגעהאָלפן זײַן שאַרף פּסיכאָלאָגיש אויג, און זײַן באַזונדער צוגאַנג צו יעדן אײנעם. גרויס אָנזען האָט ד״ר נ. געהאַט בײ די שערער (פאַבריקמאַכער) אין לאַגער.

די שערער אין לאַגער — דאָס איז אַ ספּעציעלע לאַגער־קאַסטע מיט אירע באַזונדערע פּריווילעגיעס. צו זײ קומען זיך אונטערשערן די גאַנצע לאַגער־נאַטשאַלסטווע: דער „נאַריאַדטשיק“ *), דער „קאַפּטיאָרשטשיק“ **), דער שעף־קוכער, דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון לאַגער און אַלע וועכטער מיט זײערע

*) נאַריאַדטשיק — אויפזעער איבער דער אַרבעטס־פאַרטײלונג אין לאַגער

**) קאַפּטיאָרשטשיק — פאַרוואַלטער פון די שפּײַז־און מלבושים־סקלאַדן אין לאַגער.

קאַמאַנדירן. אַ שערער האָט אפילו אַ באַזונדערע אַרבעטס־סקאַלע פאַר די פאַרשיידענע מינים קונדן וועלכע אים קומט אויס צו באַדינען: ווען ער שערט דעם קאָפּ גיך־גיך, זייפט איינמאָל איין דאָס פנים און ראַזירט כאַפּ־לאַפּ; און וועמען ער באַדינט ווי אויף דער פריי, מיט אַ באַזונדער ליילעך, מיט באַזונדערע האַנטוכלעך; אַנדערע באַדינט מען מיט קרעם און פודער, מען באַשפּריצט נאָך דערצו מיט אַ־דע־קאָלאָן, וואָס בלויז יחידי־סגולה קאָנען זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס אין לאַגער.

דער פאַרוואַלטער פון דער שערעריי אין לאַגער איז געווען אַן אַדעסער טאַטער מיט אַ יידישן אויסזען. ער האָט נאָך דערצו גערעדט אַ גוטן יידיש, און ניט בלויז סתם גערעדט, נאָר אַריינגעבראַקט ווערטלעך מיט פסוקים, וואָס האָבן זיך טאַקע געקלעבט ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. דורגעטריבן און כיטרע האָט ער געריסן פון טויטע און פון לעבעדיקע, אויסגעפּועלט ביים נאַטשאַלניק, ווען ער האָט אים געהאַלטן אין ראַזירן, אַלץ אין דער וועלט, אפילו אַ „פּראָפּוסק" (דערלויבעניש) צו גיין אויסער דער זאָנע, כלומרשט איינצוקויפן אַ־דע־קאָלאָן.

ער האָט געהאַט צוויי געהילפן. אַן עסטלענדער, אַ געוועזענער רייכער פאַרמער, וועלכער האָט באַקומען 10 יאָר פאַרן אָפּזאָגן זיך אַריינצוגיין אין קאָלווירט, און דערצו נאָך געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די פויערים, זיי זאָלן נאָכטאָן זיין ביישפּיל. ער איז געווען זייער אַ געלאַסענער מענטש, וואָס האָט זיין אַרבעט געטאָן שוויגנדיק פון 8 פרי ביז 9 ביינאַכט. דער צווייטער שערער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער רוס, פון דער אונטערוועלט. ער האָט זיך דאָ געהאַלטן און איז ניט צוריקגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער־פּונקט, צוליב אַן אומהיילבאַרער וואונד אויף אַ פוס. די דאָזיקע וואונד האָט ער זיך אַליין געמאַכט, אַריינשפּריצנדיק זיך נאַפט אין פוס.

אָט דער דריילינג האָט באַדינט דעם גאַנצן לאַגער אַרעסטאַנטן. מען פלעגט זיי אָמאָל אויך רופן צום באַראַק פון די נישט־אַרעסטאַנטן, שטאַטישע חולאים, צו ראַזירן די ערטער, וועלכע דאַרפן אָפּערירט ווערן. ניט איינמאָל פלעגן די שערער זיך קריגן, ווער עס זאָל גיין. דאָס פלעגט טרעפן גרעסטנטייל דאַן, ווען מען האָט באַדאַרפט ראַזירן אַ פרוי. אַלע האָבן דאַן געוואָלט גיין, און זיי האָבן צווישן זיך געוואָרפן גורל... דעם גליקלעכן זוכה בגורל, האָבן די אַנדערע צוויי באַגלייט מיט ציניש אָנצוהערענישן, ער זאָל זיי פון דאָרט ברענגען „טראָפייען" צום אָנדענקונג...

דער ד"ר נ. און מיין פּראָפעסאָר האָבן מיך רעקאָמענדירט צו די שערער ווי אַ „דניעוואַלני", אַ באַדינער הייסט עס, ביי זיי. מיינע פליכטן זיינען געווען אויסצוקערן די האָר פון דיל, יעדעס מאָל נאָכן אָפּשערן אַ פּאַציענט, אויסטרייסלען די ליילעכער, אויסוואַשן די זייף־שיסעלעך און אַכטונג געבן עס זאָל כסדר זיין הייס וואַסער. אַזוי ווי אין יענעם יאָר איז שוין אין סעפּטעמבער אויסגעפאַלן אַ שניי, האָב איך באַדאַרפט הייצן דאָס אייזערנע אויוועלע. האָלץ האָב איך דערצו געהאַט גענוג, ווייל איך פלעג צונויפקלייבן דעם אָפּפאַל אין דער לאַגער־סטאָליאַרקע, וואו עס האָט געאַרבעט אַ יידישער בחור פון פוילן. דער־מיט איז אָבער מיין מיסיע נאָך נישט געווען געענדיקט. איך בין געווען פאַר־

אַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער וועש און געדאַרפט געבן די וועש צום וואַשן אין דער דערבייאיקער וועשעריי און עס אָפּנעמען. נאָך דער אַרבעט האָב איך געדאַרפט וואַשן דעם דיל, אויספּוצן אַלע שפּיגלען, אַכטונג געבן עס זאָל ניט זיין קיין שטויב אויף די ראַנדן, וואַרטן ביז דער קאָנוואָי קומט ביינאַכט אָפּנעמען די גאָל־מעסערס און אַנדערע זאַכן. מיט איין וואָרט — האָט מיר מיין שעף געזאָגט — אַלץ מוז שפּיגלען, קיין שטויבעלע טאָר נישט זיין!

צו דעם אַלעם, האָב איך נאָך באַדאַרפט ברענגען עסן פאַר די דאָזיקע דריי לייט פון דער קיך. די שערער האָבן באַקומען פון אַ באַזונדער קעסל, גלייך ווי די געפּערלעכסטע קראַנקע, וואָס באַקומען אַן אויסקלייב דיעטע, וואָס זיי וואָלטן וועלן לויט אַ באַשטעלונג. אַזאַ דיעטע גיט מען נאָר צו אַזעלכע, וואָס האַלטן שוין פאַרן טויט און קאָנען דאָס וואָס זיי באַשטעלן אויך נישט עסן, בלייבט דאָס איבער. און אַזוי ווי דער קוכער איז „בלאַט" *) מיט די שערער, פאַרבלייבט שוין דער עסן פאַר זיי. איך דאַרף ברענגען דאָס עסן, שפּעטער אויסוואַשן די כלים, זיי אויסטריקענען און אַריינשטעלן אין אַ באַזונדער שאַפּקעלע. אַמלענגסטן פאַרברענג איך אין דער וועשעריי, וואָס געפינט זיך לעבן באַראַק פון דער „כאָז־אָבסלוגאַ" **) .

דער פאַרוואַלטער פון דער לאַגער־וועשעריי איז געווען נישט אַבי־ווער. נאָר אַ געוועזענער העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט געדאַרפט אָפּזיצן אַ שטראָף פון 15 יאָר. באַקומען די 15 יאָר האָט ער דערפאַר, וויל זייענדיק אַ פליער אין דער צייט פון דער מלחמה, האָבן די דייטשן אַראָפּגעשאָסן זיין עראָפּלאַן, מיט וועלכן ער האָט ניט איין נאַצישן „מעסערשמידט" אַראָפּגעשאָסן, און זיך דערדינט צו דער העכסטער אויסצייכענונג און העלדן־טיטל. פאַרן איבערגעבן זיך אַ לעבעדיקער צו די דייטשן און שפּעטער, געצוואונגען דורך זיי, אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע קעגן דער סאָוועטישער רעגירונג — האָט ער באַקומען 15 יאָר פאַרשיקונג.

אין לאַגער איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ פאַרוואַלטער פון דער וועשעריי און ער האָט זיך אין דער אַרבעט אויסגעצייכנט. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערס וואַרימע באַציאונג צו אינטעליגענטע מענטשן. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ שרייבער, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרלייכטערן מיין שווערע לאַגע ביי מיין ביטערן טאַטערישן „באָס" פון שערעריי. ער האָט זיך אויך באַמיט, אין דער ערשטער ריי אויסצוואַשן דאָס אַלץ וואָס איך פלעג אַריינ־ברענגען אין דער וועשעריי און ניט וואַרטנדיק איך זאָל קומען דאָס אָפּנעמען — אַליין עס אָפּטראָגן. ער האָט שטענדיק געהאַט אויף מיין אַדרעס אַ פּאָר גוטע וואַרימע ווערטער.

*) בלאַט — אין לאַגער־לשון — יד־אחת.

**) כאָז־אָבסלוגאַ — די ווירטשאַפטלעכע לאַגער־באַדינער.

# דער שרייבער בער סלוצקי

איך האָב מיין אַרבעט אין דער שערעריי פון לאַגער־שפּיטאָל געטאָן מיט איבערגעבנקייט און פלעג קומען צוריק אין באַראַק שטענדיק נאָכן „אָטבאָי" *). עס פלעגט אָבער אויך טרעפן, אַז כ'האָב אַמאָל ניט דערזען אַ שטיקל שפּינוועבס, אָדער אַ ביסל שטויב, ווייל מיין רעכט אויג איז געווען אָנגעגריפן פון אַ טראַוומע, אַ וואונד, וואָס איך האָב באַקומען אין סיבירער אַרבעטס־באַטאַליאָן, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די הויפּט־דאָקטאָרין פון לאַגער־שפּיטאָל, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע טאַטערין, פלעגט קומען אָפט אין דער שערעריי צוצופּוצן זיך די ברעמען. יעדעס מאָל, פלעגט זי אויף צולהכעיס אַ שאַר טאָן מיט אירע אײדעלע פינגער איבערן שפּיגל, אָדער געפונען אויפן פענצטער אַ ברעקעלע שטויב. איך האָב אָבער געהאַט גוטע פריינד אין די יידישע דאָקטוירים, וועלכע פלעגן מיר שטענדיק פאַר־טיידיקן, געבעטן מיר מיטפילן, און אַז מען זאָל מיר כאָטש איבערלאָזן דאָרט איבער די גרויסע פרעסט. מיין שעף האָט מיך אָבער געוואָרנט:

— שטויב, דאָס איז דיין שונא, איבער אַ ביסעלע שטויב, וועסטו פון דאַנען מוזן גיין!

אין זיינע כיטרע אייגעלעך האָב איך פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. אים איז געגאַנגען אין מיין איינציקן גוטן אַנצוג וועלכן די רויבער אויף דער באַן האָבן מיר איבערגעלאָזן, פאַר מאַכן אַ שוויג, ווען זיי האָבן מיר באַרויבט אַלע איבעריקע זאַכן פון מיין טשעמאָדאַן. אַט דעם העלן אַנצוג פון אויסלענדישן שטאָף האָט מיר דער שעף פון דער שערעריי שוין לאַנג אָנגעבאָטן מיטן באַקאַנטן לאַגער־אויסדרוק: — „מאַכניאָם!" ס'הייסט: לאָמיר מאַכן אַ בייט. און בייטן האָט ער זיך געוואָלט אויף זיינעם אַ ביליקן אַנצוג פון שוואַרצן לייוונט, וועלכן מען באַקומט אין לאַגער. מיין אַנצוג איז מיר אָבער געווען זייער טייער, דאָס איז געווען די איינציקע און לעצטע דערמאָנונג פון דער פרייהייט. צווייטנס, האָט זיך מיר סתם ניט געגלוסט נאָכצוגעבן די טריפהנע גירקייט פון דעם כיטרען טאַטער, וואָס אַלץ איז אים געווען צו ווייניק און ער האָט געוואָלט איינשלינגען, וואָס זיינע אויגן האָבן נאָר דערזען ביי אַנדערע.

ער האָט זיך אָבער אין מיר נוקם געווען. נאָכן אָפּזיין אַ קאַרגן חודש אין זיין שערעריי האָט מען מיך פלוצלונג גערופן אויפן „עטאַפּ". מיין נייער לאַגער־פּונקט וועט אָבער ניט זיין ווייטער; דאָס האָבן די יידישע דאָקטוירים אויסגעפּועלט ביים „נאַריאַדטשיק". דער לאַגער־פּונקט איז פאַר אינוואַלידן, און ווערט באַצייכנט מיטן נומער 021. ער ליגט סך־הכל 5 קילאָמעטער פון דעם לאַגער־שפּיטאָל וואו איך בין, אָבער מען פירט די אַרעסטאַנטן אַהין צופוס.

---

*) אָטבאָי — דער סיגנאַל נאָך וועלכן די לאַגערער גייען שלאָפן.

***

איך רייס איבער מײַנע פּאַרצײַכענונגען װעגן דעם סטאַליניש־ן פֿייניקונגס־אַפּאַראַט אָנגעפֿירט דורכן „פֿאָלקס־קאָמיסאַר" פֿון דער מ.ג.ב. בעריאַ מיט זײַן אַרמײ מיטהעלפֿער — מערדער און סאַדיסטן.

איך גײ איבער צו באַגעגעניש־ן מיט פֿאַרשיידענע אַרעסטאַנטן יידישע און נישט־יידן. צווישן זיי זייער אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן. פֿון זיי, בין איך אָפּטמאָל געוואויר־געוואָרן וויכטיקע איינצלהייטן וועגן די לעצטע חדשים לעבן פֿון די אומגעבראַכטע סאָוועטישע יידישע שרייבער, מיט וועמען די דאָזיקע אַרעסטאַנטן איז אויסגעקומען צו זיצן צוזאַמען אין די מאָסקווער טורמעס „בוטירקי" און „לוביאַנקי"

צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים קען איך אפֿילו ניט אָנגעבן די נעמען פֿון יענע יידישע שרייבער און טוער, וואָס זיינען געזעסן מיט מיר צוזאַמען אונטער איין באַשולדיקונג. די מענטשן לעבן.

איך וויל דאָ אָבער דערמאָנען אַ יידישן שרייבער, וועלכער האָט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן געלעבט אין ביראָ־בידזשאַן, און דאָרט אַרעסטירט געוואָרן און שפּעטער געשטאָרבן אין טורמע, ניט דערוואַרטנדיק זיך, ווי אַ טייל אַנדערע יידישע שרייבער, דעם טאָג פֿון דער באַפֿרייאונג. ער איז געווען מיינער אַן „אָדנאָדיעלעץ" — אַרעסטירט און געמשפּט לויט דעם זעלבן ענין מיט מיר.

בער סלוצקי איז פֿאַר דער מלחמה מער באַקאַנט געווען מיט זיינע לעקסיקאָגראַפֿישע אַרבעטן און מיט זיינע איבערזעצונגען פֿון דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט געמאַכט די איבערזעצונג פֿון ל. נ. טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרעניגאַ" (דערשינען אין קיעווער פֿאַרלאַג פֿון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, אין סוף פֿון די 30עד יאָרן), און אַ גאַנצע ריי אַנדערע ווערק. ער האָט אויך געדרוקט דערציילונגען. די לעצטע יאָרן פֿאַר זיין אַרעסט, האָט ב. סלוצקי געאַרבעט איבער אַ גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן פֿון די צייטן פֿון בר־כוכבא. אייניקע טיילן פֿון דאָזיקן ראָמאַן זיינען שוין געווען פֿאַרטיק, און ער האָט זיי געהאַט פֿאָרגעלייענט פֿאַר די ביראָבידזשאַנער יידישע שרייבער.

אַ מענטש איבער די זיבעציק, האָט סלוצקי אויסגעזען נאָך פֿיל עלטער. אין דער עוואַקואַציע איז אים געשטאָרבן זיין פֿרוי, וועלכע האָט אים איבער־געלאָזט אַ קליין מיידעלע פֿון איר ערשטן מאַן. אין ביראָ־בידזשאַן איז סלוצקין איבערגעגעבן געוואָרן די יידישע אָפּטיילונג ביים ראַיאָניקן מוזיי פֿאַר לאַנד־קענטעניש. אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָט סלוצקי אַריינגעלייגט אַ סך וויסן, מי און אָפּפֿערוויליקייט. אַן עלטערער, שוואַכער מענטש, מיט פֿאַרשיי־דענע קראַנקהייטן, האָט ער ניט גערוט. ער האָט צונויפֿגעקליבן אַ גרויסן אוצר פֿון מערקווירדיקייטן, זאַמלונגען, קאָלעקציעס, וואָס וואַרפֿן אַ שיין אויפֿן געשיכטלעכן גאַנג פֿון יידישן פֿאָלק. ער האָט דערביי ניט אויסגעמיטן קיין אָביעקטן פֿון רעליגיעזן שטייגער, ספּעציעל פֿאַר דער יוגנט, וואָס האָט שוין קיין אַנונג און קיין פֿאַרשטעלונג וועגן דעם אַלעם ניט געהאַט.

אָט צוליב דעם טאַקע, איז דער גריין־גרויער זקן צוגעצויגן געוואָרן צו

געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין די „זאַלכעכע באַוויזן", וועלכע זיינען צוגעלייגט געוואָרן אין אַ באַזונדערן באַנד (אונדזער עבין האָט פאַרמאָגט זיבן בענד מיט מאַטעריאַלן), וועלכע מ'האָט אונדז באַוויזן צום סוף פון דער אויספאָרשונג, האָבן מיר געזען אויסשניטן פון „פאַרווערטס" פון די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. ב. סלוצקי איז אין יענער צייט געווען דער קיעווער קאָרעס־פּאָנדענט פון „פאָרווערטס" און זיך אונטערגעשריבן „קיעווסקי". דאָרט זיינען געווען קאָרעספּאָנדענצן וועגן אַריבערפירן די געוועזענע יידישע קליינהענדלער אין רוסלאַנד אויף אַרבעט. אין דער אָנקלאַגע האָט עס געהייסן „קלעוועטאַ", ד. ה. אַז סלוצקי האָט מיט זיינע קאָרעספּאָנדענצן געטריבן רכילות און באַ־שמוצט דעם נאָמען פון ראַטנפאַרבאַנד אין אויסלאַנד. מיט איין וואָרט: דער זקן איז ניט נאָר באַצייכנט געוואָרן ווי אַ „נאַציאָנאַליסט", נאָר אויך ווי אַ רכילות־טרייבער.

איינער אַן אומגעקומענער יידישער שרייבער (וועמען מען האָט, ווייזט אויס, מערדערלעך געפּייניקט), איז געווען אַן „עדות" קעגן סלוצקין. ער האָט דער־קלערט, אַז סלוצקי האָט געשיקט צום „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" קיין מאָסקווע מאַטעריאַלן, וועגן יידישע וואָקואירטע אין קאַזאַכסטאַן. דערביי האָט ער ספּעציעל באַשריבן מיט אַן אויסרעכענונג די „מיליטערישע אָביעקטן" וואו די יידישע עוואַקואירטע האָבן געאַרבעט, וויסנדיק אַז די באַשריבענע מאַטער־יאַלן ווערן געשיקט קיין אויסלאַנד.

— טאָ פאַרוואָס, פרעגט זיך, האָט ער זיי דאָך אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד, דער דאָזיקער עדות־זאָגער?

דערויף האָט דער געפּייניקטער שרייבער געענטפערט, אַז ער איז שוין זינט יאָרן געווען ווערבירט דורך דעם אויסלענדישן שפּיאָנאַזש־דינסט. אגב, עס איז נישט געווען קיין איין יידישער שרייבער, וועגן וועלכן מען זאָל ביי דעם דאָזיקן „עדות" נישט אָנפרעגן.

דער זעלבער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין „פענאָמענאַלן" זכרון. ער האָט, צום ביישפּיל, אויך עדות געזאָגט, אַז ער האָט זיך מיט מיר באַקאַנט, אַ דאַנק דעם פאַרשטאָרבענעם באַוואוסטן שרייבער לעאָ פינקעלשטיין ז"ל, וועלכער האָט מיר, אין אין 1940, פאַרגעשטעלט פאַר אים, אין ביאַליסטאָק. ער האָט אויך דערקלערט, אַז אַלע מיינע קאָרעספּאָנדענצן האָב איך געשריבן אין „נאַציאָנאַליסטישן גייסט", און אַז איך בין געווען גאָר נאָענט מיטן „אבי־אבות פון די נאַציאָנאַליסטן" שלמה מיכאָעלס. גאָט האָט אים זיכער מוחל געווען, דעם אומגליקלעכן. איך שטעל מיר פאָר, ווי מען האָט אים געפּייניקט.

מיר האָט שפּעטער, אגב, איבערגעגעבן אַ מענטש, וואָס איז אָפּגעקומען זיין שטראָף צוזאַמען מיטן מאַן פון דער באַקאַנטער רוסישער זינגערין רוסלאַנאָוואַ, אַ גענעראַל (מאַן און ווייב זיינען געווען אַרעסטירט און שפּעטער באַפרייט), אַז ער איז געזעסן צוזאַמען מיטן דערמאָנטן יידישן דיכטער אין אַ מאָסקווער טורמע. ער האָט דערציילט, אַז דער גענעראַל איז ביי דעם דיכטער געווען דער שבת־גוי. דער דיכטער איז אין דער טורמע געוואָרן זייער פרום, געדאַוונט, און זיך

ניט דערלויבט אפילו אַ שטיקל פּאַפּיר צו צערייסן אום שבת. דאָס האָט פאַר אים געטאָן דער רוסישער גענעראַל, רוסלאַנאָוואָס מאַן.

סלוצקי איז פאַרמשפּט געוואָרן האַרבער ווי מיר אַלע. ער האָט באַקומען 10 יאָר טורמע, און ניט קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווי מיר. דאָס רעכנט זיך שווערער, כאָטש אין טורמע איז מען ניט געצוואונגען צו אַרבעטן ווי אַ שקלאַף, ווי אין אַ לאַגער. דערפאַר איז מען אָבער אין אַ לאַגער מערסטנס אויף דער לופט און צווישן מענטשן. סלוצקין האָט מען פאַרשיקט אין דער באַרימטער „אַלעקסאַנדראָווקע" (אַלעקסאַנדראָווסקי צענטראַל), אַן אַלטע טורמע, 60 קילאָמעטער פון אירקוטסק. די טורמע ליגט צווישן הויכע פעלזן און דער אַרעסטאַנט, כאָטש ער אַרבעט ניט, איז אָבער באַגראָבן לעבעדיקערהייט, און אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט.

איך האָב דאָס לעצטע מאָל געזען סלוצקין, אין אַ סטאָליפּין־וואַגאָן *), אין וועלכן מען האָט אונדז אַריבערגעפירט פון טורמע נאָכן אורטייל צום אָרט פון אונדזער פאַרשיקונג. סלוצקי האָט געוואוסט וואו מען פירט אים, נאָר ער איז שוין געווען אַזוי מיד פון דער אויספאַרשונג, אַז ער איז צו אַלץ געווען גלייכגילטיק. ער האָט נאָר געוויינט און באַדויערט דאָס יונגע מיידל פון זיין פרוי, וואָס בלייבט אָן אַן אויפזעער. ער איז שוין דאַן געווען פולשטענדיק צעבראָכן און קוים וואָס ער האָט זיך געקאָנט באַוועגן.

דעם לעצטן גרוס האָבן מיר וועגן סלוצקין אָפּגענומען אין 1956 דורך זיין שטיף־טאָכטער. דער גרוס איז געווען אַ טרויעריקער — ער איז געשטאָרבן אין טורמע צוויי יאָר פאַר אונדזער באַפרייאונג, אין 1954, תנצב"ה. זאָל זיין נאָמען געהייליקט ווערן צווישן די נעמען פון די אומגעקומענע מאַרטירער פאַר יידישער קולטור אונטער דער הערשאַפט פון די סאָוועטישע מאַכטהאָבער.

## מיין ערשטער שקלאַפן־לאַגער

די 5 קילאָמעטער, וואָס מיר האָבן געהאַט צו גיין פון לאַגער־שפּיטאָל צום לאַגער־פּונקט פאַר אינוואַלידן, האָבן מיר זיך געשלעפּט גאַנצע 4 שעה. דער וועג האָט געפירט דורך הויכע בערגלעך און טיפע טאָלן באַדעקט מיט אַ הויך־אָנגעלייגטן שניי. ס'איז געווען אָנהייב אָקטאָבער. דער פראָסט — 15 גראַד אונטער נול. אָבער די זון שיינט איבערן שניי און פאַרבלענדט די אויגן. די בערגלעך אַרום זיינען באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואַלד. די ביימער זיינען אַזוי באַדעקט מיט שניי, אַז די צווייגן ציען זיי אַראָפּ צו דער ערד. און צווישן די ביימער — אַזאַ שטילקייט, אַזאַ פאַרדרימלטקייט! אפילו אונדזערע טריט, די טריט פון אַ 150 מענטשן, געטריבענע שקלאַפן, וועקן זיי ניט אויף. אַ ווײַלע

---

*) אַ סטאָליפּין־וואַגאָן — אַ פאַרגראַטעוועטער וואַגאָן צעטיילט אין שטייגן, אַריבערצופירן אַרעסטאַנטן, גערופן אויפן נאָמען פונעם צאַרישן מיניסטער סטאָליפּין.

פאַרגעס איך זיך, אַז איך שלעפּ זיך דאָ אַן אַרעסטירטער, אַרומגערינגלט מיט אַ צענדליק באַוואָפנטע וועכטער, באַגלייט מיט בייזע הינט.

איך בין אין געפּענגעניש, נאָר מיין בליק — ווי גליקלעך מיין בליק איז! גליקלעכער ווי אַלע מיינע חושים, ווייל מיין בליק פליט ווי אַ פייגעלע פריי איבער דעם גאַנצן האָריזאָנט, קוויקט זיך מיט גאָטס באַשאַף. פאַרגעסט זיך אויף אַ וויילע, אַז דו ביסט אין אַ שטייג, אָבער בלויז אויף אַ סעקונדע, אויף אַ מינוט. גלייך דערזעסטו, די גרויזאַמקייט פון קאָנוואָי, די ברוטאַלקייט צו די אומגליקלעכע קאַליקעס, וועלכע קלעטערן מיט די קוליעס אויף די בערגלעך, און גליטשן זיך אַראָפּ אויף צוריק. צווישן די קאַליקעס געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע מען האָט אין שפּיטאָל, סך־הכל מיט עטלעכע חדשים צוריק, אַמפּוטירט אַ פוס. די דאָזיקע אַמפּוטאַציעס פון פיס, זיינען גרעסטנטייל אַ רעזולטאַט פון אָפּגעפרוירענע גלידער אויפן פראָסט, ביי דער אַרבעט, אָדער ביים שטיין שעהן לאַנג אין די גרויסע פרעסט אויפן „אַפּעל". ווען מען ציילט די אַרעסטירטע און דער חשבון שטימט נישט בשום אופן. די אינוואַלידן פאַלן, ווי הילפלאָזע פּיצעלעך קינדער, וואָס לערנען זיך גיין, אָבער דער קאָנוואָי שלעפּט זיי גראָב ווייטער, צולייגנדיק אָפטמאָל קלעפּ פאַרן אָפּווייכן פון „סטראָי".

אָפטמאָל זינקט אַ פוס איין אין טיפן שניי און מען קען אים צוריק ניט אַרויסשלעפּן אַליין. מענטשן וואַרפן אַוועק זייערע פּעקלעך אויפן וועג, עס זאָל לייכטער זיין דאָס גיין. הערסט באַכאַנאַנד דאָס קרעכצן פון די אָן־פיסיקע, די בילעריי פון די הינט, און ביז מען דערשלעפּט זיך ענדלעך צום לאַגער, איז מען טויט־מיד און צעבראָכן.

אַ 50 מעטער פון לאַגער האָט שוין אויף אונדז געוואַרט נאַטשאַלסטווע. גלייך הייבט זיך אָן די געוויינלעכע צערעמאָניע פון אויסרופן די נעמען פון די אַרעסטאַנטן. דער אַרעסטאַנט דאַרף דערביי ענטפערן זיין געבוירן־יאָר, און דעם פּאַראַגראַף לויט וועלכן ער איז פאַרמשפּט געוואָרן. די דאָזיקע פּראָצעדור דויערט עטלעכע שעה, אָבער ווען דאָס איז שוין אַריבער, האָט ערשט דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, גרישקאָ, גענומען אַרומגיין און באַטראַכטן די אָנגעקומענע.

מיר זיינען געווען אויסגעזעצט אויף אַ גרויסן פעלד, מענטשן פון פאַר־שיידענע ראַסן און הויט־קאָלירן, אַן אמתער „אינטערנאַציאָנאַל": קירגיזן, טאָטערן, אוזבעקן, אוקראַינער, רוסן, מאָנגאָלן, באַשקירן, יידן און איך; — דער געוועזענער ישיבה־בחור אין מיטן. גרישקאָ און זיינע געהילפן האָבן גענומען באַטראַכטן די געבראַכטע „סחורה": מען האָט אונדז אַריינגעקוקט אין די מיילער באַטאַפּט די מוסקולן און פלייצעס און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אַזוי פלעגן פויערים באַטראַכטן פערד בעת אַ יאַריד־טאָג ביי אונדז אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. פּלוצלונג האָט גרישקאָ אַ זאָג געטאָן צו זיינע געהילפן:

— אַזאַ בראַק טויג ניט פאַר מיר! ניט געהאַט מער וואָס צו טאָן, נאָר אַריינשיקן ברוכוואַרג!

דער לאַגער 021, וואוהין מיר זיינען געבראַכט געוואָרן, איז טאַקע געווען אַן אינוואַלידן־לאַגער: קיין גאָר גרויסע פּלענער האָט ער ניט געהאַט, אָבער

דאָרט האָט זיך געפונען אַ צ.פּ.מ. (צענטראַלע שניידער־און שוסטער־וואַר־שטאַט). די אַרבעט איז אַ זיצנדיקע, מען קאָן דאָרט באַשעפטיקן מענטשן אָן פיס און בכלל עלטערע און שוואַכע, אָבער אונדזער עולם האָט אויסגעזען שוין גאָר עובר בטלדיק. בפרט, אַז קליידער האָט מען אונדז געגעבן ווי אינוואַלידן, פון צווייטן און דריטן סאָרט, אָפּגעקראָכענע, פאַרשמאַלצענע און פול מיט לאַטעס. די שיך, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, זיינען ניט געווען צו דער פּאָר. די אַנפּיסיקע (און אַזעלכע זיינען צווישן אונדז געווען אַ היפּש ביסל) זיינען געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן זייערע קוליעס, אָדער זיך פּשוט אויסגעצויגן אויפן שניי. יעדעס מאָל איז אָן אַנדערן ניט גוט געוואָרן, ער האָט געהלשט, און מען האָט געמוזט צו אַזאַ איינעם אַרויסרופן אַ דאָקטאָר. געווען זיינען דאָס האַרץ־קראַנקע, אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען געווען נאָך אַ שווערער געלזוכט־קראַנקהייט (אָן אָפּטע דערשיינונג אין די לאַגערן).

מיט איין וואָרט: דער נאַטשאַלניק האָט געהאַט אויף וואָס פאַראיבל צו האָבן אויף דער לאַגער־פאַרוואַלטונג, וואָס מען האָט אים צוגעשיקט אַזאַ עולם. האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלינגעריי אויפן טעלעפאָן. גרישקאַ האָט אונדז אַלע, געבראַכטע אַרעסטאַנטן, געוואָלט צוריקשיקן. אין דער לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט מען זיך אָבער איינגעשפּאַרט, ער זאָל אונדז דווקא צו־נעמען, ווייל ס'איז נישטאָ וואוהין אַהינצוטאָן אַזאַ „פּעקל". און מיר, זיינען דערווייל געשטאַנען אין דער נאַכטיקער קעלט פאַרן לאַגער־טויער, און געוואַרט ביז מען וועט זיך וועגן אונדז „דעררײדן" און פאַר אונדז אויפמאַכן דעם טויער.

דאָס אָרט, וואו איך האָב געדאַרפט אָפּקומען מיינע צען יאָר פאַרשיקונג, האָט אויסגעזען אַזוי: אַכט גרויסע וואוין־באַראַקן פאַר די אַרעסטאַנטן, אַ פּאָר אַדמיניסטראַטיווע באַראַקן: באָד, קיך, ביוראָ פאַר נאַטשאַלסטוואָ, וואָס קומט אויף אַ באַזוך, זיך צו באַקענען מיט דער אַרבעט אויפן לאַגער־פּונקט. דאָרט געפינט זיך אויך די ק.וו.טש. *) — וועמענס אייגנטלעכע אויפגאַבע איז נאָכצושפּיאָנירן די אַרעסטאַנטן מער, ווי פּרוּוון זיי „איבערצודערציען אין סאָוועטישן גייסט." דאָרט געפינט זיך אויך אַ קליין ביבליאָטעקל. אין דער אַרבעטס־זאָנע זיינען נאָך פאַראַן: — אַ גרויסער לאַנגער באַראַק פאַר די שניידער־און שוסטער־וואַרשטאַטן, אַ קליינע עלעקטראָ־סטאַנציע, אַ סטאָלעריי פאַרן אייגענעם געברויך, וואו דערנעבן ליגן אָנגעוואָרפן שטויסן קלעצער, וועלכע די אַרעסטאַנטן צעזעגן אויף ברעטער צו פאַרלאַטען די צעפוילטע באַראַקן, אָדער שטעלן צו האָלץ פאַר דער באַהייצונג פון לאַגער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען, האָט מען אין לאַגער פאַרענדיקט די גוט־באַקאַנטע נודנע אַרבעט פון „שפּאַרקאַ קלאָפּאָוו" *). די צוניפגעקלאַפּטע נאַרעס

---

*) ק.וו.טש. — קולטורנאָ וואָספּיטאַטעלנאַיאַ טשאַסט — קולטור־דער־ציערישע אָפּטיילונג.

*) שפּאַרקאַ קלאָפּאָוו — דאָס אויסבריען די וואַנצן פון די הילצערנע נאַרעס מיט הייס וואַסער.

פון די באַראַקן ווערן אַרויסגעטראָגן אויף אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן, און די אינוואַלידן, וואָס בלייבן צוליב זייער שוואַכקייט אָדער קראַנקהייט אין די באַראַקן, זײַנען באַשעפּטיקט ביי דער דאָזיקער גענוג שווערער און זייער אומאָנגענעמער אַרבעט. די דאָזיקע פּראָצעדור ווערט געוויינלעך איבער־געחזרט יעדע עטלעכע חדשים. עס ווערן אַוועקגעשטעלט אין דרויסן גרויסע קעסלען אין וועלכע מען קאָכט כסדר דאָס וואַסער, מיט וועלכע מען בריט אויס די ברעטער פון די נאַרעס, אויסצוהרגענען די מחנות וואַנצן, וועלכע דאַקוטשען דאָס לעבן פון די אַרעסטאַנטן. נאָך אַ לאַנגן און שווערן טאָג אַרבעט אין פראָסט און אין קעלט, ווען מען קומט דורכגעפרוירן און מיד אין באַראַק, לאָזן די וואַנצן שפּעטער נישט צומאַכן מיט קיין אויג. ווי נאָר מען כאַפּט דעם ערשטן דרימל לאָזן זיי זיך אַרויס מחנותוויז פון די שפּאַרונעס אויפן לייב פון די שלאָפנדיקע. די נאַרעס ווערן דעריבער אויסגעבריט און די שטרוי־זעק — אויסגעפרוירן און די באַראַקן איבערגעקאַלכט. ווייניקסטנס אויף אַ חודש איז מען פּטור פון דער ביטערער אַנשיקעניש.

די פּראָצעדור פון „שפּאַרקאַ קלאָפּאָוו", קאָסט אָבער אויך גענוג געזונט. ביז וואַנען די גאַנצע אַרבעט איז נישט געטאָן ווי געהעריק, וואַלגערן זיך דערווייל די אַרעסטאַנטן אין דרויסן, אויפן שניי, פראָסט און קעלט. פאַר אונדז, ניי־געקומענע, איז דאָס אָבער אַצינד געווען נאָך אַ צוגאָב צו די צרות. עס איז פּשוט ניט געווען וואוהין אַריינצוגיין און כאָטש אַנוואַרימען און אָפּרוען די אויסגעמאַטערטע גלידער פון לאַנגן מאַרשרוט. אַ גליק, וואָס מען האָט אונדז כאָטש אויף אַ ווײַל אַריינגעפירט אין דער לאַגער־סטאָלאָווע (עס־צימער), וואו עס איז געווען וואַרים און מען האָט כאָטש מיט עפּעס איבער־געכאַפּט דאָס פאַרחלשטע האַרץ.

שוין דאָ, אין דער סטאָלאָווע, האָבן מיר, די פאַרשיקטע יידן, דערפילט אַ היימישקייט און אַ וואַרעמקייט מצד די יידישע שניידער־און שוסטער־אַרעסטאַנטן וועלכע האָבן זיך שוין דאָרט געפונען אין לאַגער אַ לענגערע צייט, פון זינט דעם יאָר 1940. געווען זײַנען דאָס יידן פון פוילן, בעסאַראַביע און אוקראַינע, וועמען מען האָט פאַרשיקט אונטער די פאַרשיידנסטע באַשולדי־קונגען.

## אייזיק ווײַנער פון ראָוונע

די יידן אין לאַגער האָבן געאַרבעט אין די שניידער־און שוסטער־וואַר־שטאַטן, און זיי האָבן זיך מיט אונדז, די ניי־געקומענע, פאַרנומען ווי מיט ברידער. איך וויל דאָ באַזונדערס דערמאָנען דעם יידישן יונגנמאַן פון ראָוונע, אייזיק ווײַנער, וועלכער לעבט איצט אין מדינת ישראל.

געווען איז ווײַנער אַ טייערער, האַרציקער יידישער מענטש, מיט אַ גאָלדענער נשמה. אַ יונגער שיינער בחור, איז ער געווען אויסגעקאָכט מיט

אַלע „פּרידורקעס" *) אין לאַגער. דאָס מיינט: דעם פּאַרוואַלטער פון דער „כלעבאָ־רעזקע" **), פּאַרוואַלטער פון דער „קאַפּטיאָרקע" ***), „נאַריאַד־טשיק" און אַנדערע. ווײַנערס פּאַרבינדונגען מיט די דאָזיקע לײַט האָט גלײַך געהאָלפן די נײַ־געקומענע יידן זאָלן תיכף באַקומען גרעסערע פּאָרציעס ברויט, ווי די באַשטימטע פּאָרציע פאַר אינוואַלידן (וואָס האָט געוואויגן אַריבער אַ פונט).

ווײַנערס באַראַק, אין וועלכן עס האָבן געוואוינט די שניידער, איז געווען באַזונדערס פּריווילעגירט. אַ שניידער איז בכלל געווען אַ גרויסער יחסן אין דעם לאַגער. ביי אים האָבן זיך געניית קליידער די נאַטשאַלסטוואָ און אַ קאָפּיקע געלט. דערפאַר קוקט מען די שניידערס ניט אַזוי נאָך, און זיי לעבן אין אַ מילדערן רעזשים ווי די אַנדערע אַרעסטירטע. ביי זיי אין באַראַק הענגען אפילו בילדער אויף די ווענט און יעדער שניידער מאַכט זיך אין זיין ווינקעלע אַ ביסל היימישער־באַקוועמער. די שניידער האָבן נאָך דאַן אפילו געגאָסן פון דער פּריווילעגיע צו טראָגן טשופּרינעס, און נישט גיין מיט דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ ווי מיר אַלע. איניקע פון זיי האָבן זיך אפילו דערלויבט צו טראָגן זייערע אייגענע קליידער און אויסגעזען עלעגאַנט. דאָס האָט מען זיך אַזוי געפּוצט פאַר דער שוואַרץ־חנוודיקער יידישער פּרוי (אַ פּרוי פון אַ פאַרשטאָרבענעם יידישן קאַפּיטאַן), וועלכע האָט געהאַט דעם הויכן אַמט אַלס קאָנטראָלער איבער די אַרבעטס־וואַרשטאַטן אין לאַגער. זי איז דערצו בכלל געווען די איינציקע פּרוי וועלכע די אַרעסטאַנטן האָבן געקענט אָנקוקן. ווי נאָר זי פלעגט זיך באַווייזן, פלעגן הונדערטער פאָר אויגן איר דורכדרינגען ווי שפּיזן.

אייזיק ווײַנערס געשיכטע איז געווען אַן אויסטערלישע. ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין ראָוונע, איז ער נאָך געווען גאָר אַ יונגער בחור. די פאַרשיידענע וואָגלעניש וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען אַ „מעשה פון טויזנט און איין נאַכט". אָבער צוליב געוויסע סיבות, קען איך וועגן דעם ניט דערציילן. גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט אויף זיך געהאַט אַ טויט־אורטייל, וועלכן די סאָוועטן־מאַכט האָט אים, צוליב זיין יונגן עלטער (ער איז דאַן נאָך קיין 20 יאָר נישט אַלט געווען), פאַרביטן אים אויף 10 יאָר קאָנצענטראַציע־לאַגער. אין איינעם פון די לאַגערן, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט ביים לעשן קאַלך־שטיינער און מאַכן קאַלך, האָט אים אַ היטלעריסטישער אַרעסטאַנט ביטער באַליידיקט אַלס ייד. ווײַנער איז אַזוי אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך אים פון געדולד, אַז ער האָט געכאַפּט דעם נאַצי און אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־אויוון. כאָטש עס זיינען ניט געווען

*) פּרידורקעס — ווערן גערופן אין לאַגער די אַלע, וואָס האָבן באַוויזן די קונץ זיך איינצואָרדנען אויף אַ וועלכן ס'איז אַמט.

**) כלעבאָ־רעזקע — דאָס אָרט וואו דאָס ברויט ווערט געשניטן און אויסגעוואויגן אויף איינצלנע פּאָרציעס, לויט דער באַשטימטער וואָג.

***) דער סקלאַד פון די שפּייז און בגדים אין לאַגער.

קיין זאַכלעכע באַווייזן, ווייל פון נאַצי־באַנדיט איז אפילו קיין סימן נישט פאַרבליבן, האָט אָבער וויינער דאָן באַקומען אַ צוגאָב־שטראָף. אַ שטאָלצער, הייסער ייִד, האָט ער אויך שפּעטער, נישט איינמאָל דערלאַנגט אין לאַגער קלעפּ יעדן אַנטיסעמיט, וואָס האָט זיך צופיל פונאַנדערגעלאָזן מיט זיינע אַנטיסעמיטישע שטיק.

שפּעטער, ווען איך בין שוין אויך געוואָרן אַן אַרטיקער „איינוואוינער", פלעגן מיר צוזאַמען צונויפשטעלן רשימות פון אַלע ייִדן, וואָס געפינען זיך אין לאַגער. אייזיק וויינער האָט שוין פאַר זיי אויסגעפונען צוגאָבלעכע ברויט־פּייקעס. ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען אַ פרישער עטאַפּ אַרעסטירטע, פלעגט אייזיק וויינער מיך אַרויסשיקן געוואויר ווערן, צי עס זיינען צווישן די ניי־אָנגעקומענע אויך פאַראַן ייִדן. און ווען נאָר עס זיינען אַזעלכע געווען, האָט שוין וויינער געזאָרגט פאַר זיי אַרויסצובאַקומען אַ שטיקל ברויט. אויסער פון דער „כלעבאָ־רעזקע" פלעגט ער אַרויסקריגן ברויט פון זיינע שניידער, וועלכע פלעגן פאַר זייער אַרבעט, אָפט באַקומען אַ שוואַרצן ברויטל פון נאַ־טשאַלסטוואָ, און די אייגענע פּייקעס פלעגן ביי זיי בלייבן ליגן. אייזיק פלעגט זאָרגפעלטיק צונויפזאַמלען דאָס ברויט און דאָס פונאַנדערטיילן צווישן די אויסגעהונגערטע ייִדישע אינוואַלידן.

פאַר אַ מענטשן אויף דער פריי, ווער רעדט נאָך אין אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע, זעט געוויס אויס קאָמיש די פראַגע פון אַן איבעריקן שטיקל ברויט. וויפל ברויט עסן מיר דען איצט אויף פאַר אַ גאַנצן טאָג? אָבער אין יענער צייט, אין די פאַרשיקונגס־פלעצער וואו מיר האָבן זיך געפונען, האָט מען אויסער ברויט וויניק אַנדערע שפּייז באַקומען, וואָס זאָלן זעטיקן. פעטס, אַשטייגער, איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר אַן אַרעסטירטן 2 גראַם אַ טאָג; פלייש האָבן מיר בכלל נישט אָנגעזען; די פיש, וועלכע מיר האָבן באַקומען, זיינען געווען פאַרשטונקען אָדער איבערגעזאַלצן, אַז מען האָט זיי נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. אויסערן ביסל קאַשע, איז דאָס ברויט געווען די איינציקע שפּייז וואָס האָט גענערט און געזעטיקט. אייזיק וויינער האָט פיל פון אונדז אין יענער צייט, ממש געראַטעוועט פון הונגער און טויט.

ביסלעכווייז האָב איך זיך גענומען צוגעוואוינען צום נייעם אָרט, צום נייעם לעבן. איך האָב באַקומען אַ ווינקל ערגעץ אויף אַן איבערשטער נאַרע און אייזיק וויינער האָט מיר „אויסגעשדכנט" צו אַ גוטן בריגאַדיר. געווען איז ער אַן עלטערער מענטש פון אַריבער 60 יאָר, אָבער נאָך גאַנץ זשוואַווע. פּיאָטר קרוטשקין האָט ער געהייסן, און איז געווען נישט אַבי ווער. געווען איז ער אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, האָט מען אים אין 1937 אַרעסטירט פאַר „באַל־טאַווניאַ" (פלוידערן, וואָס מען באַדאַרף נישט) און ער האָט באַקומען 10 יאָר פאַרשיקונג. היות ער האָט נאָר געפלוידערט זייענדיק אונטערן גלעזל, האָט מען געמילדערט זיין שטראָף אויף בלויז 5 יאָר לאַגער. אין 1941 האָט מען אים באַפרייט און צוריקגעשיקט אין זיין פאַבריק, וועלכע האָט אין דער מלחמה־צייט פּראָדוצירט געווער. קרוטשקין איז געווען אַ פּייאיקער אַדמיניסטראַטאָר

און אַ גלענצנדער אָרגאַניזאַטאָר, האָט ער אָרגאַניזירט די אַרבעט אין פֿאַבריק אויף אַ מוסטערהאַפֿטן אופֿן.

אָבער זיין אַלטע געוואוינהייט, זיין תּשוקה צום גלעזל, האָט זיך דורך די לאַגער־יאָרן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט און ער האָט זיך אויף דער פֿריי געלאָזט וואוילגיין. איינמאָל האָט אים זיינער אַן אַלטער פֿריינט, אַ פּולקאָווניק, פֿאַרן אָפּפֿאָרן צום פֿראָנט, איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אויף אַ געבורטסטאָג־יום־טובֿ פֿון זיין פֿרוי. מ׳האָט געמאַכט אַ גוטן שנעפּסל און ווען מען איז שוין געווען פֿאַרשניאַשקעט, האָט מען זיך צערעדט וועגן הויך־פּאָליטיק. קרוטשקין זאָל זיך דאַן האָבן אויסגעדריקט, אַז ווען סטאַלין וואָלט ניט געשלאָסן זיין „פֿריינט־שאַפֿט״־אָפּמאַך מיט היטלערן, וואָלט צו דער מלחמה ניט געקומען.

דער פּולקאָווניק האָט אויף דעם שאַרף רעאַגירט, דערקלערנדיק דערביי: „דו ביסט אַ ׳וראַג נאַראָדאַ׳ (פֿיינט פֿון פֿאָלק) קרוטשקין, און ניש אומזיסט האָט מען דיר אין 1937 איינגעזעצט״.

צום אומגליק, האָט קרוטשקין ביי זיך געהאַט זיין רעוואָלווער, און ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַריינגעשאָסן זיין פֿריינט, דעם פּאָלקאָווניק, אַ קויל אין קאָפּ. פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן איבער אַ הויכן מיליטערמאַן, האָט אין דער מלחמה־צייט קרוטשקינען געדראָט טויט־שטראָף. אָבער דער מזל האָט אים אויך דאָס מאָל צוגעשפּילט און דאָס געריכט האָט גענומען אין אַכט דעם פֿאַקט, אַז דער פּאָלקאָווניק האָט אים טיף באַליידיקט און נאָכן פֿינפֿטן גלעזל איז אים נישט געווען לייכט צו באַהערשן זיין אויפֿרעגונג. ער איז אָפּגעקומען מיט פֿרישע צען יאָר פֿאַרשיקונג, לויטן פּאַראַגראַף 59, וואָס קוואַליפֿיצירט זיין פֿאַרברעכן ווי פּשוטן באַנדיטיזם אָן יעטווידער פּאָליטישער כּוונה.

## דער זיבעציק־יאָריקער פּראָפֿעסאָר ס.

מיין בריגאַדיר קרוטשקין פֿלעגט זיך שטאַרק אויפֿרעגן, ווען ער פֿלעגט מיט אונדז, דעם פּעקל אינוואַלידן, אַרויסגיין צו דער אַרבעט. ער פֿלעגט זיך זידלען, שרייען און שיטן מיט „אין דער מאַמען אַריין״. אָבער בטבע איז ער נישט געווען קיין שלעכטער מענטש. ער האָט גאַנץ אָפֿט אַוועקגעקוקט און זיך געמאַכט נישט־זען ווען די מענטשן פֿון זיין בריגאַדע האָבן נישט געאַרבעט „ווי ס׳באַדאַרף צו זיין״.

ווי אַן אינוואַלידן־בריגאַדע, האָט מען אונז געגעבן אַרבעט אין דער לאַגער־זאָנע. מען האָבן געדאַרפֿט יעדן טאָג אָנטראָגן עטלעכע הונדערט עמער וואַסער פֿאַר דער באָד, באַזאָרגן מיט וואַסער די „סטאָלאָווע״ און באַזאָרגן הייס וואַסער צום טרינקען אין אַלע וואוין־באַראַקן. מיר האָבן געדאַרפֿט אָפּרייניקן די לאַגער־טעריטאָריע פֿון שניי, אויסרייניקן דעם ברונעם פֿון אייז, באַזאָרגן די באַראַקן מיט האָלץ און העלפֿן די אויפֿזעער יעדן טאָג וואַשן די דילן. אונדזער אויפֿגאַבע איז אויך געווען צו שיילן קאַרטאָפֿל אין קיך, ווען נאָר די קיך האָט

באַקומען קאַרטאָפל צום קאָכן, אַריבערשלעפּן די פּראָדוקטן פון שפּייז־סקלאַד אין קיך און אַלע אַנדערע אַרבעטן אַרום דער באַדינונג פון לאַגער.

אונדזער בריגאַדיר קרוטשקין האָט געהאַט אַכטונג צו אַזעלכע מענטשן וועלכע זאָגן זיך נישט אָפּ פון קיין שום אַרבעט. טאַקע דערפאַר האָב איך ביי אים געהאַט „אַ גוט אויג״ און ער האָט מיר צוגעטיילט אויף מיין אויבערשטער נאַרע גאָר אַ גוטן שכן : דאָס איז געווען דער גרייז־גרויער פּראָפעסאָר ס. דער 70־יאָריקער זקן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער פיזישער קראַפט. ער פלעגט אויך אין לאַגער יעדן פרימאָרגן מאַכן גימנאַסטישע איבונגען, האַלב־נאַקעט אפילו אין די גרעסטע פרעסט. זיינע מוסקולן זיינען געווען שטייף, גאָרניט ווי ביי אַן אַלטן מאַן. פּראָפעסאָר ס. האָט באַלד פון אונדזער ערשטן געשפּרעך געוואונען מיין צוטרוי. ער איז געווען פון אַ געוואַלדיק גרויסער קולטור און נאָך דערצו באַזעסן זעלטענע גוטע מידות און כאַראַקטער־שטריכן.

פון נאַציאָנאַליטעט איז ער געווען אַ פינלענדער. געבוירן אין אַ דאָרף נעבן העלסינגפאָרס, האָט אים זיין פאַרמעגלעכער פאָטער געגעבן אַ גוטע דערציונג. ער האָט פאַרענדיקט דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט מיט אַן אויסצייכענונג און איז אַריבער אויף דער אַספּיראַנטור האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. זייער יונג האָט ער באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָסאָפיע און איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן פאָרזעצן זיין בילדונג אין דער פּאַריזער סאָרבאָן. שפּעטער האָט ער געוואוינט אין ליטע, וואו ער איז געווען פּראָפעסאָר אויפן קאָוונער אוניווערסיטעט, געפירט אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט און אַרויסגעגעבן לערן־ביכער פאַר די סטודענטן אויף ליטוויש. די ליטווישע סמעטאָנאַ־רעגירונג האָט געהאַט אַזאַ צוטרוי צום פינישן פּראָפעסאָר, אַז זי האָט אים אָנפאַרטרויט, בעת זיינע אָפטע רייזעס קיין פּאַריז, מיטצונעמען די ספּעציעלע דיפּלאָמאַטישע פּאָסט. און אויפן סמך פון דעם צוטרוי, איז שפּעטער דער פּראָפעסאָר, דורך דער מ.ג.ב. באַשולדיקט געוואָרן אין „אָפענעם שפּיאָנאַזש״ און פאַרמשפּט געוואָרן לויטן געפערלעכן פּאַראַגראַף 58, פּונקט 6.

לטובת וועמען האָט דער איידעלער, בכבודיקער פּראָפעסאָר „שפּיאָנירט?״

דער ענטפער איז געקומען ערשט נאָך סטאַלינס טויט : ווען די באַשולדיקונג קעגן אים איז בטול געוואָרן און דער פּראָפעסאָר איז באַפרייט געוואָרן. דעוויל איז אָבער דער איידעלער געלערנטער און הומאַניסט געוועזן פאַרשיקט אויף 15 יאָר לאַגער.

קרוטשקין פלעגט זיך מיט אים שטענדיק וויצלען וועגן זיין גרויסן לאַגער־טערמין :

— חבר פּראָפעסאָר, איר וועט נאָך מוזן אויסבאָרגן ביים פּראָקוראָר עטלעכע יאָר, איר זאָלט ביי אייער עלטער, קאָנען אָפּזיצן די גאַנצע 15 יאָר . . .

פּראָפעסאָר ס., וועלכער האָט פולקאָם באַהערשט זעקס אייראָפּעאישע שפּראַכן, און געווען אויסגעבונדן אין פילאָסאָפיע און לאָגיק, איז געווען מיין „נאַפּאַרניק״ (שותף) ביי דער לאַגער־אַרבעט. יאָרן האָבן מיר צוזאַמען געטאָן די אַלע שווערע און שמוציקע אַרבעטן. צוזאַמען אַריבערגעפירט געוואָרן פון לאַגער צו לאַגער, און צוזאַמען האָבן מיר געפילט אויף זיך די בייטש פון

פאַרשיידענע אויסוואורפן, נאַטשאַלניקעס און בריגאַדירן. דער אַלטער פּראָ־פעסאָר האָט קיינמאָל ניט געזוכט קיין לייכטערע אַרבעט און פלעגט זיך ממש באַליידיקן ווען איך פלעג אים נישט לאָזן אויפהויבן אַ שווערן קלאָץ. כאָטש ער איז פיזיש געווען פעסט געבויט, פלעגן אָבער ביי אים די פיס אָפט געשוואָלן ווערן. ער פלעגט אָפּליגן עטלעכע טעג אויף דער נאַרע און ווידער זיך נעמען צו די שווערסטע אַרבעטן, ווי ער וואָלט וועלן אָפּקומען פאַר עפּעס אַ זינד. עס איז געווען מיט אים אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן. ער האָט געדענקט דעם אינהאַלט פון אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף אויסווייניק, און פלעגט זיך גערן טיילן זיין וויסן מיט מיר, ווי מיט יעדן איינעם, מיט וועמען עס איז אים אויסגעקומען צוזאַמענאַרבעטן.

אין יאָרן אַרום, נאָך די בלוטיקע אויפשטאַנדן פון די אַרעסטירטע אין די לאַגערן פון וואָרקוטאַ, נאָרילסק, קאָלימאַ, פּעדגאַנאַ און טייּלוויַיז אויך אין אונדזער טייּשעט־לאַגער, ווען דער בעריאַ־טעראָר האָט גענומען נאָכלאָזן; ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט גערופן ספּעציעלע פּלענומס וועגן דער לאַגע פון די מיליאָנען אַרעסטירטע און אַראָפּ־געשיקט פאַרשיידענע קאָמיסיעס אין די לאַגערן זיך אויף אָן אָרט צו באַ־קענען מיט דער טרויעריקער לאַגע; דאַן איז פּראָפעסאָר ס. אָנפּאַרטרויט גע־וואָרן צו האַלטן עפנטלעכע לעקציעס פאַר די אַרעסטאַנטן וועגן וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען און ענטפערן אויף די פראַגן אויף די איינגעאָרדנטע קעסטל־אָוונטן אין לאַגער. איך קען נישט פאַרגעסן זיינע פלאַמיקע דיסקוסיעס מיט די אַנטי־סעמיטן וועגן דער יידן־פראַגע.

אין 1955, ווען מען האָט דערלויבט די אַרעסטאַנטן צו באַקומען ביכער פון דער היים, איז די ביבליאָטעק פון פּראָפעסאָר שגעל באַרייכערט געוואָרן מיט ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן. איינמאָל, האָט ער אַ צעשטראַלטער מיר געבראַכט די רוסישע אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון די „בריוו פון פּליניוס דעם יינגערן". פּליניוס, וועלכער איז געווען דער גובערנאַטאָר אין סיציליע, שרייבט צום אימפּעראַטאָר אַדריאַן וועגן די פאַרשיידענע קריסטלעכע סעקטעס, וואָס ווילן נישט דינען צו די רוימישע געטער. דערביי טיילט פּליניוס מיט דעם רוימישן קייסער, אַז די דאָזיקע לייט עסן אויף זייערע סעקטע־צוזאַמענקומען וועלכע זיי אָרדענען איין, בלויז זייער „ריין ברויט". אין דער באַמערקונג צום סוף פון בוך ווערט אויפגעקלערט די באַדייטונג פון באַגריף „ריין־ברויט", און עס ווערט דאָרט פאַרצייכנט דער חשד, אַז די קריסטן קנעטן אַריין אין זייער ברויט דאָס בלוט פון רוימישע קינדער.

— איר זעט — האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר געזאָגט מיט טריאומף — דער עלילת־דם האָט אַן אַלטע געשיכטע.

דער אוהב־ישראל האָט דאָס בוך אַרומגעטראָגן צווישן די אַנטיסעמיטן, כדי זיי צו באַווייזן, אַז די זעלבע אַנטיסעמיטישע באַשולדיקונג, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט אין זייערע מצות, איז נאָך פריער פאַרגעוואָרפן געוואָרן פון די רוימער צו די ערשטע קריסטן.

איך האָב גענויער דערציילט וועגן דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן מענטשן,

ווייל ער האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווי איינער פון די אמתע חסידי אומות העולם, וועלכע מען טרעפט אין די לאַגערן אַזוי זעלטן.

אין דער בריגאַדע פון קרוטשקינען האָב איך מיט דעם פּראָפעסאָר געזעגט און געהאַקט האָלץ און דאָס פונאַנדערגעטראָגן איבער די באַראַקן. מיר פלעגן אויך אין צווייען שעפּן וואַסער פון ברונעם און אויף אַ שטאַנג מיט עמער אָנגעטראָגן אַזויפיל וואַסער פאַרן קיך, עס זאָל סטייען פאַרן עסן און טרינקען פון די 800 אַרעסטאַנטן.

## נאַצישע „דאָקטוירים" און אַ יידישער קצב פון מאָסקווע

אונדזער בריגאַדע איז בכלל רייך געווען אין אינטעליגענץ. געווען ביי אונדז דער בילדונגס־מיניסטער פון דער סמעטאָנאַ־רעגירונג און שפּעטער הויפּט פון ליטווישן מלוכה־קאָנטראָל — קאָנסטאַנטינאַס שאַקאַניס. ער איז אויך געווען דער איבערזעצער פון אַדאַם מיצקיעוויטשעס קלאַסישער פּאָעמע „פּאַן טאַדעאוש" אויף ליטוויש. אַרעסטירט געוואָרן איז דער דאָזיקער שאַקאַניס דעם 14טן יולי, אַ חודש נאָך דעם ווי די רוסן האָבן פאַרנומען ליטע. אין די הויכע זיבעציקער, איז דער אַלטער מלוכה־מאַן געשטאָרבן אין לאַגער.

געווען ביי אונדז אַ עסטלענדישער אַדוואָקאַט, וואָס איז פון הויכן בלוט־דרוק, און אַ פּעקל אַנדערע קראַנקהייטן, געוואָרן אינגאַנצן צערודערט. זיין שוועסטער האָט באַוויזן אויסצוהיטן אירע ברילאַנטן, פלעגט זי זיי אויס־פּאַרקויפן און פאַרן געלט שיקן דעם ברודער שפּייז־פּעקלעך אין לאַגער. מיט די דאָזיקע פּעקלעך, וועלכע ער פלעגט באַקומען רעגולער צוויי מאָל אין חודש פלעגט ער זיך אויסקויפן ביים „נאַריאַדטשיק" פון יעדער אַרבעט. דער דאָזיקער אַדוואָקאַט איז געווען אַ שרעקלעכער אַנטיסעמיט און האָט זיך צונויפגעהברט אין לאַגער מיט דעם נאַצישן דאָקטאָר מאָזעבאַך — אַ פאַר־ביסענער היטלעריסט, וואָס האָט געהאַט ניט איין יידישן קרבן אויף זיין געוויסן. מיר האָבן נאָך דאַן וויניק געוווּסט פון זיין נאַצישן „יחוס", און וואָס פאַר אַ ראָל די דייטשע דאָקטוירים האָבן געשפּילט אין דער פאַר־ניכטונג פון יידנטום אין איראָפּע. טייל דייטשן אין לאַגער האָבן זיך באַמיט צו זיין העפלעך און קאָרעקט לגבי די יידישע אַרעסטאַנטן. אָבער ד"ר מאָזע־באַך האָט פּשוט נישט געקאָנט אָנקוקן אַ יידן גלייך אין פּנים אַריין. ווען ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַרבעט אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, האָט ער זיך אָפן איזדיעקעוועט איבער די יידישע חולאים. עס איז זיך דאַן לייכט געווען פאָרצושטעלן, וואָס אַזאַ עקלהאַפטער פאַרשוין האָט געטאָן מיט די יידן, ווען ער האָט געהאַט די מאַכט, אין דער נאַצישער „נאַכט פון לאַנגן מעסער".

מיר איז באַקאַנט אַ פאַקט מיט אַ יידישן דיכטער, וועמען דער נאַצישער דאָקטאָר האָט שיעור ניט דערפירט צום טויט. אָט מיט דעם דאָזיקן נאַצי־

דאָקטאָר האָט זיך דאָס צונויפגעחברט דער עסטלענדישער אַדוואָקאַט און הויך אויפֿן קול געפירט זייערע געשפרעכן וועגן יידן. קיין סך יידן זיינען אין אונדזער בריגאַדע נישט געווען, אויסער מיר — נאָך צוויי־דריי פּערזאָן. איין ייד, אַ שווער־קראַנקער מענטש, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אין 1937, ווייל מען האָט ביי אים געפונען אַן עקזעמפּלאַר פון בוכאַרינס באַרימטן ווערק „אלף־בית פון קאָמוניזם", וואָס איז בשעתו אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צענדליקער אויפלאַגעס דורכן סאָוועטישן מלוכה־פאַרלאַג. ניט געוועזן, דאַכט זיך, קיין גליד אין קערפער פון דאָזיקן מענטשן, וואָס זאָל ניט זיין אָנ־געגריפן און קראַנק. אין דער צייט פון ערשטן יאָר מלחמה מיט די דייטשן, האָט מען אַ סך אַרעסטאַנטן פון זיין לאַגער צעשאָסן, ווען דער לאַגער האָט זיך שנעל געמוזט עוואַקואירן און אַריבער אויף אַ צווייטן פּלאַץ. ער איז דאַן אַ גאַנצע נאַכט געהאַנגען צווישן לעבן און טויט, ביז ער איז ענדלעך אַריינ־געפאַלן צו די גליקלעכע לעבן־געלאָזענע. אין דער דאָזיקער נאַכט איז ער אינגאַנצן גראָ געוואָרן. אין זיין פערציק יאָריקן עלטער, האָט ער געהאַט דעם אויסזען פון אַ זקן ווייט אַריבער די זעכציקער. ער איז געווען זייער פרום, און זיינע בלויע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן כסדר עפּעס געשעפּטשעט אין דער שטיל. פון דעם לאַגער־עסן פלעגט ער נאָר טועם זיין דאָס שטיקל ברויט מיט 13 גראַם צוקער.

דער צווייטער ייד איז שוין געווען אַ ריז אַנטקעגן אים. ווען נישט די פעליקע פינף פינגער פון דער רעכטער האַנט — פאַרלאָרן אין אַן אומגליקס־פאַל ביי דער זעג־מאַשין אין לאַגער — וואָלט ער קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן מיט זיין פעסטן קערפּער צו אַן אינוואַלידן־בריגאַדע. ער פלעגט אָבער מיט זיין פאַרבליבענער לינקער האַנט אויפטאָן וואונדער. אַרבעטנדיק ווי אַ טרעגער אין מעל־סקלאַד, האָט דער ייד מיט איין האַנט אויסגעלאָדן גרויסע פראַכט־אויטאָס מיט מעל און נאָך דערצו די זעקלעך שפּעטער „אַרויפגעשאָסן" אין אַן אויבערשטן סקלאַד. ער איז געווען אַ מאָסקווער קצב, און געזעסן איז ער אין לאַגער צוליב „גאָלדען". געווען איז ער איינער פון די — ווער ווייסט וויפל הונדערטער — יידן, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן, פאַרן אַרויס־ווייזן עפנטלעך זייערע סימפּאַטיעס צום ערשטן אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל אין סאָוועט־רוסלאַנד — גאָלדע מאיר(סאָן). דאָס איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזן שפּייען אין דער קאַשע, און אויפן לאַגערישן שטייגער. פאַרפאָרן מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט אין דער מאָרדע יעדן כוליגאַן.

— כ'וועל דיר, קאַנאַליע, די אויגן אויסדראַפּען — פלעגט ער וואָרענען בייז און מיט זעלבסטזיכערקייט אין קול.

אויב איך מיטן פּראָפעסאָר ס., פלעגן זיך אַרומרייסן מיטן אַדוואָקאַט מיט דעם היטלעריסט ד"ר מאָזעבאַך, ווען זיי פלעגן זיך רייצן מיט דעם שווער־קראַנקן יידן און אים רופן נישט אַנדערש ווי „סימולאַנט" — האָט דער מאָס־קווער ייד מיך געבעטן, וואָרענען די צוויי כוליגאַנעס אויף זייער דייטשישן לשון, אַז ער וועט זיי ביינאַכט ביידן דערשטיקן אויב זיי וועלן ניט פאַרמאַכן זייערע נאַצישע פּיסקעס. ווען איך האָב זיין וואָרענונג געפּרואווט זיי איבער־

געבן נישט אַזוי דראַסטיש, און בלויז געוואָרנט זיי, אַז אויב זיי וועלן ניט אָפּשטעלן זייערע אַנטיסעמיטישע שטיק, איז „דיזער מאַן בערייט זיי אַן די גורגעלן פאַרען", האָט מיר דער ייד איבערגעריסן מיט פּאַראיבל:

— וואָסער פאַרן־שמאַרן, זאָג זיי פּראָסט און פּשוט, איך וועל די ביידע אויסוואורפן דערשטיקן און אַראָפּ פון מאַרק!

איך האָב דעם ייד צוליב געטאָן און איבערגעגעבן זיינע רייד, און — עס האָט טאַקע געהאָלפן. ביידע אַנטיסעמיטן זיינען אויף אַ שטיק צייט פאַר־שטומט געוואָרן. ווען זיי האָבן מיט אַ צייט שפּעטער זיך ווידער גענומען צו זייער אַנטיסעמיטישע מלאכה, האָט דער מאָסקווער קצב אויסגעפונען נאָך אַ ווירקזאַמערן מיטל: ער האָט דערקלערט אַ „שטרייק" ביים אויסלאָדן די זעקלעך מעל, ביז וואַנען די ביידע „יידן־ פריינט" וועלן נישט אַרויס צו דער אַרבעט גלייך מיט אַלע. אויב זיי קאָנען זיך אויסקויפן מיט זייערע פּעקלעך פון יעדער מין אַרבעט, זאָלן זיי נישט רופן אַ צווייטן „סימולאַנט". אדרבה, האָט דער ייד געטענהט, זאָל מען אַראָפּברענגען אַ דאָקטאָר, און זאָל ער פעסט־שטעלן, אויב זיי ביידע, מיט די אָפּגעפרעסענע מאָרדעס, זיינען נישט צען מאָל געזינטער פון דעם פאַרעלטערטן קראַנקן יידן, וועלכער ווערט פון דער אַרבעט נישט באַפרייט. אויף דעם מאָסקווער קצב האָט געוואַרט די אַרבעט אין סקלאַד. און כאַטש קרוטשקין, אונדזער בריגאַדיר, פלעגט אויך אָפּט געניסן פון דעם עסטלענדערס פּעקלעך, האָט ער אָבער בטבע פיינט געהאַט די אויסגעכאַליעטע לייט, און צופיל נישט געוואָלט (און נישט געקענט) פאַר־טיידיקן די ליידיקגייער, קעגן די אַרבעטער פון זיין בריגאַדע. האָט ער, באין ברירה, ביידן געשיקט אויסהאַקן דאָס אייז אַרום ברונעם. דער מיטל האָט געהאָלפן נאָך שטאַרקער, ווי דאָס דראָען זיי צו דערשטיקן ביינאַכט. פון דער אַרבעט זיינען זיי ביידע געקומען סאָפּענדיק און קרעכצנדיק און פאַר־געסן זייערע באַליבטע שמועסן וועגן יידן.

אין אונדזער בריגאַדע איז אויך געווען איינער פון די צוויי „ברידער סטאַמאַ", אַ באַקאַנטע דערפינדער־פּאָרל אין סאָוועט־רוסלאַנד. „סאַמאָראַד־קעס" (מיט געבוירענע פייאיקייטן), אָן העכערער בילדונג, האָבן זיי באַוויזן צו מאַכן אַ ריי וויכטיקע דערפינדונגען.

ווי סטאָמאַ האָט אַליין דערציילט, איז איינע פון זיינע דערפינדונגען געווען אַן אַפּאַראַט, וואָס שטעלט אָפּ אויטאָמאַטיש דעם לאָקאָמאָטיוו, בעת אַ געפאַר, און די דערפינדונג איז אויסגענוצט געוואָרן אין דער מאָסקווער אונטערערדישער באַן, דער „מעטראָ".

אָט דער סטאָמאַ, אַן עלטערער רוס מיט אַ ווייסער באָרד, האָט געהאַלטן אין איין שרייבן מעלדונגען און אַנקלאַגעס וועגן געלט, וואָס קומט אים אַרויס פאַר זיינע דערפינדונגען.

— וואָס וועסטו טאָן מיטן געלט אין לאַגער? — האָט אונדזער בריגאַדיר זיך שטענדיק געוועדלט מיט אים — מען וועט דאָך דאָס ביי דיר סיי־ווי צונעמען, לאָז עס בעסער איבער דער שוועסטער (סטאָמאַ איז געווען אַן אַלטער בחור).

פונקט ווי סטאַמאַ האָט געקעמפט פאַר זיין געלט, האָט אַ צווייטער אַרעס־טאַנט אין אונדזער בריגאַדע, דער אינזשיניער קוזנעצאָוו, געקעמפט קעגן זיין אורטייל: פאַרוואָס האָט מען אים צוגעשריבן דיווערסיע און פאַרמשפט אויף 15 יאָר פאַרשיקונג? אַלס אינזשיניער האָט ער צוגעגרייט אַ פּלאַן פון אַ קעסל. דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן און מען האָט אינוועסטירט עטלעכע מיליאָן רובל פאַר דער רעאַליזירונג פון זיין פּראָיעקטירטן קעסל. אין דער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין מאָדעל האָט עפּעס אַ פעלער און מען האָט אים דערפאַר צוגעשריבן פיינטלעכע דיווערסיע.

— און אפילו אַז מען מאַכט אַ מאָל אַ טעות — האָט ער כסדר געטענהט — איז וואָס, בין איך שוין דערפאַר אַ פיינט? איך האָב דאָך געזוכט אַ טובה פאַר דער מלוכה.

קוזנעצאָוו איז באמת געווען אַ מענטש מיט גרויסע פעיִקייטן. ער האָט גוט געמאָלט, געמאַכט פיינע סקולפּטור־אַרבעטן און געהאַט „גאָלדענע הענט" צו יעדער מין אַרבעט. ער מיט סטאָמאַן האָבן געפּרוּווט איינרעדן דעם לאַגער־נאַטשאַלניק, ער זאָל זיי דערלויבן צו עפענען ביים לאַגער אַ פּראָיעקטן־ביוראָ. זיי האָבן געשיקט זייערע פּלענער צו דער לאַגער־פאַרוואַלטונג, וועגן עפענען אַ פאַבריקל פון קראָכמאַל פון דעם קאַרטאָפל־אָפּפאַל; אָוועקצושטעלן אַ ריי מאַשינען אויף צו מאַכן וואַטע פון שמאַטעס און ענלעכס.

אַזוי האָבן זיי אין יעדן לאַגער־פּונקט, וואו איך בין צונויפגעקומען מיט זיי מגולגל געוואָרן געפּרוּווט זיך אַרויסדרייען פון שווערער אַרבעט. חדשים פלעגן זיי זיך פאַרנעמען אין אַ קאַבינעט מיט זייערע „פּראָיעקטן". ביז עס פלעגט פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג אָנקומען אַ מעלדונג צום נאַטשאַלניק, אַז די מעשה איז אַ בלאָף, אָדער אַ שוין לאַנג רעאַליזירטער ענין אָן זייערע פּלענער און פּראָיעקטן. און די דערפינדער פלעגן ווידער מוזן פאַרלאָזן דעם קאַבינעט, און זיך צוריקקערן אויף אַלגעמיינער לאַגער־אַרבעט.

## איך ווער אַן „איגענער"

איינמאָל האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אַלע אַרעסטירטע דאַרפן גיין נעמען נומערן, וואָס דאַרפן צוגענייט ווערן צו יעדן מלבוש. היות ווי אונדזער ענין האָט אַ נומער, ווערט דער דאָזיקער נומער, פון היינט און ווייטער, אַראָפּשיינען פון אונדזערע קורטקעס און וואַטענע בושלאַטן, ווי אַ לאַטע. די אַרעסטירטע האָבן זיך גענומען בונטעווען: — אַזאַ חרפה! — ווען היטלער האָט דאָס געטאָן צו די יידן, איז דאָך דאָס, אין אַ געוויסער מאָס, געווען פאַרשטענדלעך פון זיין מערדערלעכער אַנטי־יידישער פּראָגראַם. ער איז געווען אַ מערדער, ער האָט נישט געריידט וועגן קיין הימל־זאַכן און נישט געפּרעדיקט וועגן קיין „יושרדיקער וועלט". ער האָט פאַרויסגעזאָגט די אונטערדריקונג פון לענדער און פאַרניכטונג פון די „מינדערווערטיקע פעלקער". ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, האָבן די סאָוועטן אַרויסגעלאָזן אַ פילם מיטן נאָמען „דער מענטש"

נומער 217״, וועגן די היטלעריסטישע דערנידעריקונגען פון מענטש, וועלכער האָט אפילו ביי זיי נישט מער קיין נאָמען, נאָר בלויז אַ נומער.

— ווי פּאַסט זיך דאָס? — האָט מען געפרעגט.

— די דאָזיקע נומערן — מעלדעט דער לאַגער־נאַטשאַלניק — דאַרפן אין פאַרלויף פון דעם היינטיקן, אַרבעטס־פרייען, זונטאָג־טאָג אָפּגענומען ווערן און דאַרפן געהאַלטן ווערן ריין און גאַנץ! פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל, דערוואַרט אַ קאַרצער־שטראָף!

— לאָמיר נעמען די נומערן — האָבן אַנדערע אַרעסטאַנטן געפּסקנט — און אויב שעמען, זאָלן זיי זיך שעמען אין זייער ווייטן האַלדז אַריין, וואָס זיי הענגען דאָס אונדז אָן.

איך האָב באַקומען דעם נומער 265 יאָ.

איצט, נאָך לאַנגע יאָרן, ווען איך זע די געשעענישן אין דער ווייטער פּערספּעקטיוו, זיץ איך און טראַכט: פון וואַנען האָט זיך דאָן צו מיר גענומען די דאָזיקע געוואַגטקייט? אפשר בין איך אַזוי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין די שטרייטן מיט מיינע אויספאָרשער, וואָס האָבן געזוכט יעדן מין פאָרטל, אַבי צוצושרייבן מיר די סאַמע אויסטערלישע פאַרברעכנס? דער עקל, דער ווידערווילן און דער האַס צו די אַלע טשינאָווניקעס, וואָס האָבן גוט געוואוסט די פאַלשקייט פון זייערע אַלע באַשולדיקונגען און מיך פיזיש און מאָראַליש געפּייניקט, האָט געשטאַרקט מיין ווילן, מיין מוט און מיין אויסדויער, און דערמעגלעכט איך זאָל אפילו טאָן אַזעלכעס, וואָס איך בין לויט מיין כאַראַקטער נישט פּיאַיק.

דאָס איז געווען איינע פון די געוויינטלעכע אַרבעטן אין לאַגער 051. מיר האָבן געגראָבן אַ קאַנאַל פון דריי קילאָמעטער די לענג. אָנגעהויבן די דאָזיקע אַרבעט אַרום קאַנאַל האָבן נאָך אַרעסטאַנטן פאַר אונדז, אָבער צייטווייליק איז דאָן די אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דעם אויסגעגראָבענעם קאַנאַל האָבן שפּעטער גערדאַרפט אויסגעלייגט ווערן דיקע רערן, דורך וועלכע דאָס וואַסער פון דער „וואָדאָ־קאַטשקע״ (וואַסער־פּאָמפּע) זאָל דערפליסן צו דער קליינער באַן־סטאַנציע, אויף „אַנצוטרינקען״ די לאָקאָמאָטיוון.

אַזעלכע אַרבעטן ווערן געפירט געוויינלעך בעת די גרויסע פרעסט. דער קאַנאַל איז גענוג טיף און איז אָנגעפּילט מיט וואַסער. ווינטער ווערט דאָס וואַסער תיכף פאַרפרוירן, דאַרפן מיר צעהאַקן דעם אייז און אַרויסוואַרפן אין דרויסן אַרבעטן מיר געוויינלעך ביז 50 גראַד צעלזיוס. נידעריקער פון 50 גראַד ווערט אַ נעפל און דער קאָנוואָי קען דאָן ניט זען די אַרעסטאַנטן און די אַרבעט ווערט אָפּגעשטעלט. אויפן לאַגער־לשון הייסט עס „אַקטירט״. די געצוואונגענע רו־שעהן דאַרפן מיר אָפּאַרבעטן זונטאָג.

מיד און געפרוירן פלעגן מיר ווערן, שוין פון אונדזערע „שפּאַצירן״ צו און פון דער אַרבעט. די פיר קילאָמעטער פון לאַגער צום אַרבעטס־פּלאַץ, האָבן ניט געפירט דורך קיין גלייכן פעלד. דערצו האָט נאָך דער קאָנוואָי אויסגעמיטן אַרומיקע הייזער, כדי די אַרעסטירטע זאָלן ניט אָנבינדן קיין קאָנטאַקט מיט דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. די וועכטער האָבן אונדז

געפירט דורך דעם אָפענעם פעלד, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט שניי ביז אַ מעטער די הויך. דערנאָך האָבן מיר זיך געפּלאָנטערט דורך די וועלדער און שפּעטער געדראַפּעט אויפן הויכן באַן־וועג. אויפן וועג צו דער אַרבעט האָבן מיר אויך געדאַרפט אַריבערגיין אַ טייכל, איבער וועלכן עס זיינען געווען אויסגעלייגט עטלעכע ברעטער, וועלכע האָבן זיך געוויגט ווי הוידעלקעס, בעת מיר האָבן זיך איבער זיי, איינער נאָכן אַנדערן אַדורכגעגליטשט.

די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. די פאַרפרוירענע ערד איז געווען האַרטער פון שטיין. מען האָט געהאַקט דעם באָדן מיט שווערע קירקעס און לאָמען. דער „אַרבעטס־אינסטרומענט" אַליין האָט געוואויגן איבער 15 קילאָ־גראַם. די נאָרמע פאַר 10 שעה אַרבעט איז געווען 1 קוביק־מעטער ערד. די 750 גראַם ברויט מיטן ביסל האָבער־קאַשע זיינען ווייט ניט געווען גענוג אויף צו דערהאַלטן די כוחות. אויף דער פרישער פראָסטיקער לופט, צווישן פעלד און וואַלד, איז דער אַפּעטיט געוואַקסן. די פּאָרציע ברויט פאַרן לאַנגן אַרבעטס־טאָג, ווערט ממש אַראָפּגעשלונגען פאַר איין מאָל און ווען מען קומט אַהיים האָט מען ניט קיין ברעקל מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער.

און די נאָרמע ? האַקסט און האַקסט דעם שטיין און ס'ברעקלען זיך קוים אָפּ פיצלעך און ברעקלעך. איך האָב זיך לאַנג צוגעקוקט צו די יונגע און געזונטע אוקראַינער: אויך ביי זיי גייט עס זייער שווער, אָבער סוף טאָג האָבן זיי די נאָרמע אויסגעפירט. איך פּרואוו דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי צו קלאַפּן מיט דער קירקע. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט חכמה קאָן מען דאָ ווייניק־וואָס אויפטאָן. קלוגשאַפט, קען איך נאָך אפשר אויסלייען די אַנדערע אַרעסטאַנטן, אָבער וואו נעמט מען זייערע כוחות ? און דאָ שפּילט מען זיך ניט: נישט געמאַכט די נאָרמע, באַקומט מען אַ „שטראַפּנאָי פּאַיאָק" (אַ שטראָף־שפּייז), בלויז 400 גראַם ברויט מיט אַ זופּ אַ טאָג, און די אַרבעט מוז אויסגעפירט ווערן לויט דער זעלבער נאָרמע ווייטער! איך האָב שוין געגראָבן ווייכן ערד־גרונט, זיך אויסגעלערנט אויסגראָבן 4 קוביק־מעטער אין אַן אַרבעטס־טאָג. אָבער פאַרוואָס קען איך ניט באַהערשן דעם האַרטן געפרוירענעם באָדן ?

אונדזער בריגאַדיר איז דאָ אַ קרימינעלער באַנדיט, אַ הויכער, פעסט־געבויטער אוקראַינער. זיינע קלאָלעגן און פריינט, פאַרשרייבט ער אָנגע־שרויפטע פּראָצענטן, וואָס זיי פילן קיינמאָל ניט אויס. זייער אויפגאַבע איז נישט אַזוי אַליין אַרבעטן, ווי צוצוקוקן און אונטעריאָגן די אַרבעט פון די אַנדערע. נאָך עטלעכע טעג נישט אויספילן די אַרבעטס־נאָרמע, האָט דער בריגאַדיר מיך אַוועקגעשטעלט אַרויסצוואַרפן דאָס אייז פון קאַנאַל. ביי דער אַרבעט האָב איך שוין געהאַט מער שאַנסן אויסצופילן די נאָרמע. אָבער ביי אַזאַ אַרבעט מוז מען כאָטש יעדע האַלב שעה זיך אָנוואַרימען ביים פייער. מען שטייט די גאַנצע צייט אין געפרוירענעם וואַסער, אין גומענע שטיוול, און ניט איינמאָל פרירן די פיס צו צו די שטיוול און דאָס בלוט אין זיי, פאַרגליווערט.

דער בריגאַדיר האָט מיך אָבער ניט געלאָזט זיך וואַרימען און כסדר גע־האַלטן אין אייז. די פיס האָבן מיר געפרוירן און פון קערפּער האָט געזעצט

אַ פּאַרע. איך האָב פון זיך אויסגעטאָן דעם וואַטענעם בושלאַט און געבליבן אין דער בלוזע. לויט אַלע געזעצן, האָב איך ביי מיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, באַדאַרפט באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג, אָדער כאָטש אַ פאַרקילונג מיט היץ. איך האָב אויף דעם געוואַרט און זיך נישט דערוואַרט. ווען איך האָב זיך דערשלעפּט אין באַראַק, בין איך דאָס ערשטע געגאַנגען אין דער סאַני־טאַרער אָפּטיילונג אויף אַן אונטערזוכונג. איך האָב געוואַרט, אַז דער טער־מאָמעטער וועט אָט־אָט באַווייזן די גליקלעכע 37 מיט 6 צענטל היץ און איך וועל דערווייל האָבן כאָטש אַ חיה שעה. איך וואָלט כאָטש אַ טאָג צוויי נישט געגאַנגען צו דעם קאַנאַל מיטן געפרוירן וואַסער. אָבער צו וואָס דער מענטש געוואוינט זיך עס אַלץ צו! אפילו קראַנקע מיט טובערקולאָז זיינען דאָ, אין לאַגער, „געזונט געוואָרן״. אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרן זייער „געזונט״, אָבער די וואונדן האָבן זיך פאַרשטאָפּט, קיין בלוט פון האַלדז איז נישט געגאַנגען און — מען האָט זיי ווייטער געטריבן צו דער שווערער שקלאַפן־אַרבעט.

אין לאַגער טאָר מען זיך נישט קלאָגן. אויב דו קלאָגסט זיך אויף עפּעס, האַקט מען דיר אונטער די זייטן. דער בריגאַדיר איז דער באַלעבאָס איבער דיר! ער נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז דו וועסט נישט אַנט־לויפן פון דער אַרבעט און דערפאַר געניסט ער פון דער פּריווילעגיע, צו זיין דער אָפּשאַצער פון דעם ווערט פון די אים אונטערליגנדע אַרעסטאַנטן. אויף דער „דיעלאָ״ (ענין), וואָס גייט מיט מיטן אַרעסטאַנט פון טורמע אין לאַגער, ווערט פאַרצייכנט די „אויפפירונג״. דער מאַטעריאַל ווערט צוגעשטעלט דורכן בריגאַדיר. גענוג ער זאָל וואַרפן אַן אומחן אויף אַן אַרעסטאַנט, און יענער וועט שוין באַקומען אַזעלכע „כאַראַקטעריסטיקעס״, אַז ער וועט שוין אפילו נאָכן ענדיקן דעם אורטייל נישט דערזען די ליכטיקע שיין, נישט קאָנען געניסן פון אַ זעלטענער אַמנעסטיע.

וויפל איך האָב זיך נישט געבעטן ביי דעם בריגאַדיר, כאָטש אויף עטלעכע מינוט מיר דערלויבן צוצוגיין צום פייער, האָט ער מיר אָפּגעזאָגט. ביז עס אין מיר רייף געוואָרן אַ מאָדנער, ווילדער געדאַנק: איך האָב מיר פאַר־מאָסטן אויף מיין בריגאַדיר, און אים דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ.

איך און מיין בריגאַדיר — דוד און גלית. ווי האָב איך עס גאָר געוואַגט? ווען ער דערלאַנגט מיר מיט אַזאַ גראָבן צווייג, וואָלט איך אַוודאי געבליבן אויפן אָרט אַ טויטער. מיין בריגאַדיר איז אָבער בלויז אומגעפאַלן און זיך באַגאָסן מיט בלוט.

בין איך געווען אַ העלד?

ס׳איז גיכער געווען אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג ווי אַ באַוואוסטזי־ניקער פּראָטעסט. ס׳איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אָנגעזאַמלטן ווייטאָג פאַר די לעצטע יאָרן. און אפשר אויך — אַ זעלבסטמאָרד־פּרוּוו, וואָס כ׳האָב אויף אַן אַנדער אופן נישט געהאַט דעם מוט צו באַגיין. אין דער מינוט, ווען איך האָב אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ, האָב איך דאָך גע־וואוסט אַז מיין לעבן איז פאַרענדיקט. אָבער איך האָב געוואָגט.

דער קאָנוואָי איז אָנגעלאָפן, מען האָט מיר געשלאָסן די הענט אין קייטלעך און אָפּגעפירט אין קאַרצער, וואו איך בין אָפּגעזעסן צען טעג.

אָבער מיין בריגאַדיר האָט דער טייוול ניט גענומען. די וואונד האָט זיך אים אין צען טעג פאַרהיילט, כאָטש ער איז נאָך געגאַנגען פאַרבאַנדאַזשירט. מיך האָט מען צוריקגעשיקט אין זיין בריגאַדע. כ׳האָב מיך געזעגנט מיט מיינע באַקאַנטע, ווי כ׳וואָלט געדאַרפט גיין צום עשאַפאָט. אַצינד — בין איך געווען זיכער — וועט מען מיך צוריקברענגען אַ טויטן. כ׳האָב שוין אפילו אָנגעגעבן אַדרעסן פון מענטשן אויף דער פריי, וואָס קענען מיך, וועמען מען זאָל צואוויסן געבן וועגן מיין טויט.

ווען איך בין צוריק אָנגעקומען אויף מיין אַרבעטס־אָרט, בין איך גע־שטאַנען און געוואָרט אויף דעם אורטייל איבער מיר. דאָס האָט ניט געדאַרפט טאָן בלויז דער בריגאַדיר. ער האָט שוין געהאַט זיינע געהילפן, וואָס האָבן די אַרבעט געקאָנט גאַנץ פיין אָפּטאָן פאַר אים. אָבער צו מיין איבערראַשונג איז דער פאַרשוין צו מיר צו און דערלאַנגט די האַנט אַ צעשמייכלטער:

— טי טשעוואָ ניע סקאַזאַל ? . . . (דו, פאַרוואָס האָסטו גאָרניט געזאָגט?)

ס׳הייסט, אַז דו דערלאַנגסט אַן מורא איבערן קאָפּ — ביסטו דאָך אַן אייגענער, פאַרוואָס האָסטו געשוויגן ?

— „סקאַזשי, טי קאַוואָ ניבוד אוביל ? ״ (זאָג, דו האָסט עמיצן אוועק־געלייגט אַ טויטן ? )

— „קאָנעטשנאָ — זאָג איך צו אים, אימעיו פיאַט טשעלאָוויעק נאַ שטשעטו״ (אוודאי, איך האָב פינף מענטשן אויף מיין חשבון).— אָפּגעזאָגט — און אפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיטן אויג.

אַזוי בין איך אַריין אין דער ראָל פון אַן „אייגענעם״, וואָס קען דער־לאַנגען אַ קלאַפּ, אַז מען דאַרף, און האָב ניט קיין מורא. מיין בריגאַדיר האָט זיך מיט מיר גענומען רעכענען, מיך געהאַלטן אין איין שיקן וואַרימען זיך ביים שייטער. וואָס מיר דאַרט אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ געפיל־מענטש ? זיי דאַרפן דערפילן דיין כוח, ווערן זיי דעמאָלט מיט דיר אַ „פּאַן־בראַט״. איך בין פון דעמאָלט אַן אָנגעגאַנגען אין דער בריגאַדע פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכער. כ׳האָב געמאַכט די געהעריקע מינע און זיך געהאַלטן אָנגעבלאָזן.

מיינע יידישע חברים אין דער בריגאַדע האָבן מיך ניט פאַרראָטן. זיי האָבן נאָך, פאַרקערט, געזוכט צו פאַרגרעסערן מיין „אויטאָריטעט״ ביים בריגאַדיר און זיך געפלייסט אים צו דערציילן געשיכטעס פון מיין העלדיש־קייט און מיינע פאַרברעכנס . . . זיי האָבן דערפון אויך געהאַט גרויסע טובות.

# מיט משה בראָדערזאָן

כ׳בין שוין לאַנגע חדשים געווען אין לאַגער, געוואָרן אַ תושב, זיך צו־געוואוינט צו פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ געפֿאַרן עס לויערן אויפֿן אַרעסטאַנט, און ווי אַזוי זיך פֿון זיי אויסצוהיטן. שוין געגעני געוואוסט צו וואָספֿאַראַ אַרבעטן איך קאָן מיר אַמבעסטן צופּאַסן. זיך אויסגעלערנט מאַכן געמישן פֿון ליים, וואַפּנע און צעמענט. געלערנט זיך גראָבן גריבער, טינקעווען (שטו־קאַטורן) ווענט, טראָגן ציגל אויף אַ לייטער און קריכן מיט זיי אויף בוידעמער און דעכער. איך האָב שוין אין לאַגער אויך געהאַט געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿטן צווישן די אַרעסטאַנטן, יידן און נישט־יידן. בייטאָג האָט מען שווער גע־אַרבעט און אין די אָוונטן פֿלעגט מען זיך טרעפֿן און דערמאָנען פֿאַרגאַנגענע טעג אויף דער פֿריי, דאָס לעבן וואָס איז שוין מער נישטאָ.

אַזו האָט זיך געצויגן דאָס לאַגער־לעבן: שווער און מאָנאָטאָן. ביז אין איינעם אַ טאָג איז אָנגעקומען אַ נייער עשאַלאָן אַרעסטאַנטן. ווען דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען, זיינען מיר אַלע, נאָך דער שקלאַפֿן־אַרבעט, געלאָפֿן צו די באַראַקן פֿון די „ניי־געקומענע״. יעדער פֿון אונדז האָט געוואָלט זען, צי צווישן זיי געפֿינען זיך נישט קיין פֿריינט אָדער באַקאַנטע.

צווישן די געבראַכטע אַרעסטאַנטן האָב איך דערזען דעם דיכטער מ ש ה ב ר אָ ד ע ר ז אָ ן. ער איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט דעם יידישן דיכטער פֿון בעסאַראַביע ס. בראָדערזאָן איז נאָך אַלץ געגאַנגען אין זיין ברוינעם הוט. אַ הוט, דאָס איז אין לאַגער געווען אַ זעלטנהייט, און די אַמאַטאָרן־גרופּע האָט טאַקע שפּעטער אויסגענוצט בראָדערזאָנס הוט אויף זייערע אָוונטן און קאָנצערטן. בראָדערזאָן האָט געטראָגן אַ וואַטענעם ווינטער־מאַנטל מיטן אַ ברייטן קאָלנער. אויף זיין געבויגענער פּלייצע האָט ער געטראָגן אַן אַלטן, אויסגעריבענעם רוקזאַק. זיין פּנים איז געווען איינגעפֿאַלן, בלייך און צע־קנייטשט. פֿונעם אַמאָליקן עלעגאַנטן דיכטער זיינען נאָר געבליבן די פּאָר וואונדערלעכע אויגן, וועלכע זיינען אַצינד געווען איבערגעצויגן מיט אַ בעלמע פֿון שרעק. זיינע אויגן זיינען עפּעס געוואָרן גרעסער און געקוקט מיט פֿאַרוואונדערונג.

בראָדערזאָן איז געקומען אין אונדזער לאַגער פֿון דער בראַטסקער קאָלאָניע 045, וואו ער האָט נאָך אַ סך מי, באַקומען די (אין די לאַגער־באַ־דינגונגען) גוטע שטעלע פֿון אַ וואַסער־צושטעלער אין דער „אומיוואַלניע״ (וואַש־צימער) אַזוי ווי מיט וואַסער איז דאָרט געווען שווער, (מען האָט דאָס געדאַרפֿט ברענגען פֿון אַ טייך), איז זיין אויפֿגאַבע געווען רעגולירן די אַריינקומענדע וואַסער אין די פּעסלעך, עס זאָל קלעקן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת. אָבער די באַנדע אונטערוועלטניקעס האָבן אים שאַנטאַזשירט, אָפּט באַגנבעט דאָס, וואָס ער פֿלעגט באַקומען צוגעשיקט פֿון זיין פֿרוי שיינע־מרים און אים סתם פֿאַרביטערן די יאָרן. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער אויף מיר אַרויפֿגעפֿאַלן און זיך צעוויינט. בראָדערזאָן האָט ניט געקענט

אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער האָט מיך אָנגעקוקט, געשוויגן און ווידער געוויינט. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך באַרואיקט און גענומען קומען צו זיך. דאַן איז געשען דאָס, וואָס עס געשעט געוויינלעך, ווען מען האָט זיך אַ סך צו דערציילן און מען ווייסט נישט פון וואָס און פון וואַנען אָנצוהויבן: מען שטאַמלט.

בראָדערזאָנען האָט מען אַרעסטירט אַ סך שפּעטער פון מיר, ערשט אין 1950. ביז אים זיינען שוין פיל מאָסקווער יידישע שרייבער געווען אַרעס־טירט. אָבער ביז זיין אַרעסט האָט ער יעדן טאָג איבערגעלעבט די שרעק אַרעסטירט צו ווערן. אָט דער ברויזנדיקער בראָדערזאָן, וועלכן כ׳האָב גע־קענט פון פּוילן, איז איצט געשטאַנען פאַר מיר אַזוי איינגעהויקערט געבויגן, אַז אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אָפּט געהאַלטן ביים האַרץ און צו מיר געזאָגט:

— אָט צו וואָס מיר האָבן דערלעבט!

אין דעם איז געלעגן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. כ׳האָב באַלד גע־רופן איזיק וויינערן, דעם ראָוונער יידישן יונגגמאַן, דעם פאַרזאָרגער פון אַלע ניי־געקומענע יידן אין לאַגער. איזיק האָט דאָס ערשטע געדאַפּט באַזאָרגן, אַז די באַנדיטן מיט זייערע „שעסטיאָרקעס" (אַרויסהעלפער און באַדינער), וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט בראָדערזאָנען און געהאַט אויף אים אַן אויג, אַז זיי זאָלן זיך אָפּטשעפּען פון אים. די אויסוואורפן האָבן טאַקע גיך דערשמעקט מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. איזיק האָט זיי שנעל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלן דאָ מיאוס אָפּשניידן, אויב זיי וועלן פּרואוון אָנגיין מיט די זעלבע מעשים וואָס אין לאַגער 045.

משה בראָדערזאָן האָט זיך פּאַמעלעך אומגעקערט צו זיין גלייכגעוויכט. עס האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט אונדזער גוטער דאָקטאָר ס., וועלכער האָט פאַראָרדנט בראָדערזאָנס בריגאַדיר, ער זאָל אים נישט שיקן אויף קיין שווערער אַרבעט. בראָדערזאָן האָט דאַן באַקומען די לייכטע אַרבעט פון אַ נאַכט־שומר. מיט אַ קליינעם איבעררייס (ווען מען האָט אים אויף אַ „קאָמי־סאָוויקע" דערקלערט פאַר אַן אַרבעטס־אינוואַליד און געצוואונגען אַריבער־צוגיין אויף שווערער אַרבעט), איז ער דערנאָך אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען אין לאַגער — געווען דער נאַכט־„דניעוואַלני" (שומר). ער האָט באַדאַרפט „בלויז" פינף שעה אויפזיין דורך דער נאַכט און אַכטונג געבן, עס זאָל ניט זיין קיין שרפה. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ מעגלעכער גנבה. פרימאָרגן האָט ער געמוזט שטיין אין דרויסן און וואַרטן אויפן קלונג פון וואַך־טורעם אויפצושטיין, און אין אָוונט — דעם סיגנאַל זיך צו לייגן שלאָפן. ער האָט אויך געדאַרפט זען די לאַגערער זאָלן זיך שטעלן צום נאַכט־אַפּעל. פאַרוואָס ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך.

בראָדערזאָן האָט געדאַרפט היטן קיינער זאָל ניט רויכערן אין באַראַק. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אין דער אַמט־צייט ניט געטאָרט אַנטשלאָפן ווערן. אָבער מיט זיין איינגעבוירענע גוטסקייט און שטענדיקן הומאָר, איז ער

נישט געווען שטרענג צו זיך, און אַוודאי נישט צו אַנדערע, פּאַרוואָס ער האָט נישט איינמאָל באַצאָלט מיט קאַרצער.

דער וועכטער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין באַראַק און טרעפנדיק אים דרעמלענדיק איבער אַ בוך, פלעגט ער אים אַריינגיסן קאַלט וואַסער אין קאַלנער. בראַדערזאָן האָט דערפון זייער געליטן. און נאָך מער האָט ער געליטן דערפון, וואָס ער האָט געמוזט יעדן אינדערפרי אין צווייען אַרויס־טראָגן די פּאַראַשע מיט די אומריינקייטן פון דער נאַכט.

ביי אַלעם, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פויגל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין לאַגער דורך אַ צופאַל. דער נומער אויף זיין פלייצע און אויף די הויזן האָבן זיך עפּעס צו אים נים געקלעפּט. עס איז בלויז דורך אַ חודש און בראַ־דערזאָן האָט שוין גענומען חוזקן פון דער גאַנצער שפּיל.

עס זיינען אָנגעקומען די טעג פון דער מלחמה אין קאָרעאַ. בלוט האָט זיך דאָרטן געגאָסן, עס האָט געשמעקט מיט אַ וועלט־פייער. אָבער אין דער מאָסקווער צייטונג „פּראַוודאַ" האָבן זיך אַלע טאָג געדרוקט באַגריסונגען פאַר סטאַלינען צו זיין 70 יאָריקן יובילי. אין דער צייטונג זיינען געווען צוויי קאָלומס מיטן קעפּל: „פּאַטאָק פּריוויעטסטוויע" (דער שטראָם פון באַ־גריסונגען), ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען. אַ גאַנץ יאָר האָבן זיך געצויגן די באַגריסונגען, נאָר איינמאָל, אין סאַמע היץ פון דער מלחמה, איז די „פּראַוודאַ" אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקל וועגן דעם, אַז מען דאַרף פאַרשטאַרקן די אַסטראָ־נאָמישע וויסנשאַפט...

— דו ווייסט — האָט דאַן בראַדערזאָן צו מיר געזאָגט — צו וואָס דאָס איז געגליכן? און ער ווייזט מיר דערביי אַן אין דער זייט אויף דעם פּריי־מאָרגן־אַפּעל, ווען די אַרעסטירטע צעשטעלן זיך אין פינפטלעך איבערן גאַנצן לענג פון לאַגער־פּלאַץ. אויך דאָ גייט אָפּט אַן אַזאַ שפּיל, איינער אַ גוי גיט אַ פּאַדערשטן פאַר אים, אַ זעץ אין פלייצע, און מאַכט זיך קוקנדיק אין הימל, כדי אָפּצואווישן פון זיך די שפּורן... זיי דאָרט, אין מאָסקווע, מאַכן זיך אַצינד אויך קוקן אויפן הימל..

מיר איז מיט בראַדערזאָנען ניט באַשערט געווען לאַנג צו זיין אין דעם לאַגער די קלאַנגען וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט מיט חדשים פריער וועגן דעם, אַז דער לאַגער ווערט אַריבערגעפירט 200 קילאָמעטער ווייטער, האָבן זיך באַשטעטיקט. אונדזער בריגאַדע איז באַשטימט געוואָרן אַריבערצוטראָגן אַלע מאַשינען צו די פּראַכט־וואַגאָנעס. געאַרבעט האָט מען דערביי גאַנצע מעת־לעתן. מען האָט אויך איבערגעטראָגן די סקלאַדן מיט די סחורות. די אַרעס־טאַנטן זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי פּאַרטיעס, צו 500 אין יעדער, אַריבערגעשיקט צו ווערן אויפן נייעם אָרט.

עס איז גראָד געווען אַ הייסער יוני־טאָג, ווען מ׳האָט אונדז אויסגערופן אויפן עטאַפּ. איך מיט בראַדערזאָנען זיינען אַריינגעפאַלן אין דער ערשטער פּאַרטיע. די רייזע האָט זיך געצויגן דריי מעת־לעת. מיר זיינען געווען פאַר־שפּאַרט אין שטיקנדיקע וואַגאָנעס אין אַ שרעקלעכער היץ. ווער ס׳איז געווען שטאַרקער, האָט פאַרכאַפּט די אונטערשטע ערטער, וואו עס איז געווען אַ

ביסל קילער. בראַדערזאָן מיט מיר זיינען פאַרשטופּט געוואָרן אויפן אויבערשטן שטאָק אין וואַגאָן. ער האָט די 3 טעג וואָס מיר זיינען געפאָרן (געוויינלעך פאָרט מען אַזאַ שטרעקע אַ 3־4 שעה), גאָרניט גענומען אין מויל אַריין. ער האָט אָפט געחלשט און ערשט אַ פּאָר שעה פאַרן אָנקומען אויף אָן אָרט, איז געלונגען זיך צו דערבעטן ביים קאָנוואָי, זיי זאָלן אים אַריבערפירן אין סאַניטאַרן וואַגאָן. מען האָט אים אָבער דאָרטן ניט געוואָלט האַלטן. די מאָטיוון זיינען געווען די געוויינלעכע: ער האָט ניט געהאַט קיין היץ, און אין סאַניטאַרן וואַגאָן נעמט מען בלויז אָן היץ־קראַנקע... חלשות, שוואַכקייט, רעכענען זיך ניט פאַר קיין קראַנקהייטן אין סאָוועטישן לאַגער.

# טיישעט־לאַג

אונדזער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער־פונקט 051, קאַפּיטאַן יערמילאָוו, האָט זיך גוט „ספּראַוועט" מיט דער אים אָנפאַרטרויטער לאַגער־אָנפירונג. אַראָפּגעבראַכט האָט מען אונדז, אַרום 1.200 אַרעסטאַנטן, אין אַ לאַגער־פונקט, וואָס איז געווען שוידערלעך אָפּגעלאָזן. נאָכן באַפרייען די יאַפּאַנישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן דעם לאַגער געבויט — האָבן דאָרט געוואוינט „ספּעץ־פּערעסילענצעס" *), און אויסער זייער „ירושה" — הונדערטער פלעשער פון בראָנפן אין די קעלערס — האָבן זיי די באַראַקן שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט.

די פרייע באַפעלקערונג פונעם דערביַיאיקן קליינעם ישוב, האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר אַרויסגענומען פון די באַראַקן ברעטער, שויבן, ציגל און ענלעכע זאַכן, אויף וועלכער עס איז אין יענער געגנט אַ שאַרפער דעפיציט. מיר זיינען געקומען צו אָפּגעלאָזענע חורבות. אויף די קליינע סטעזשקעלעך פון באַראַק צו באַראַק האָבן זיך געוואַלגערט הויפנס מיט ציגל־ברוך, אָפּפאַל און קויט. אין דער אַרבעטס־זאָנע זיינען געלעגן אָנגעוואַלגערט קלעצער און ברעטער. עס זיינען ניט געווען קיין ברונעמס, קיין בעקעריי. די „אינסטרומענטאַלקע" — דער סקלאַד וואו עס דאַרפן זיך געפינען די אַרבעטס־אינסטרומענטן — איז געלעגן איינגעפאַלן. די „סטאָלאָווע" מיט דער קיך — אויסגעליידיקט פון יעדן מעבל־שטיק. יערמילאָווס קאָמאַנדע איז געווען: אין משך פון צוויי חדשים זאָל דער לאַגער ווערן דער אַמבעסטן איינגעאָרדנטער אין דער סיסטעם פון טיישעטער לאַגער־סיסטעם.

טיישעט־לאַג — איז אַ פאַרוואַלטונג פון לאַגער־פונקטן, וואָס ציען זיך אויף אַ שטח פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער פון טיישעט ביז דעם טייך לענאַ, אויף סיביר.

איין קליניקייט: ביי אונדז אין לאַגער האָט באַדאַרפט אַרבעטן אַ

*) ספּעץ־פּערעסעלענצעס — פאַרשיקטע, וואָס קענען זיך באַוועגן נאָר אין אַ באַשטימטן ראַיאָן.

„צ.פ.מ." *) און אַ מעבל־פאַבריק. אויף אונדזער חשבון האָט אונדזער לאַגער־נאַטשאַלניק געשלאָסן אָפּמאַכן מיט דער אייזנבאַן צו פאַרלייגן אונטערערדישע וואַסער־רערן 3 קילאָמעטער די לענג. מיר האָבן באַדאַרפט האַקן אַרומיקע וועלדער, זעגן ברעטער, וואָס ברענגען אויך אַריין אַ גרויסן איינקונפט. מיר האָבן באַדאַרפט אויספילן פאַרשיידענע קאָנטראַקט־אַרבעטן, וואָס אונדזער לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט ניט געזשאַלעוועט אָנצונעמען (מענטשן ווי מיסט!). מיר האָבן באַדאַרפט מיט די אייגענע כוחות, באַדינען דעם לאַגער.

ביי צוויי חדשים זיינען מיר טאַקע געלעגן אין די באַראַקן אויף הוילע דילן. מען האָט זיך געשפּייזט אויף דער פּאָדלאָגע אין דער סטאָלאָווע. אָבער וואָס פאַר אַ וואונדער מיר האָבן אויפגעטאָן! מיר זיינען אָנגעקומען סוף יוני, אין אויגוסט האָט שוין אונדזער לאַגער „געשמעקט". דער גאַנצער שטח איז געווען אָפּגעראַמט די באַראַקן — גרינטלעך רעמאָנטירט, אַלץ איבערגעבויט און פונאַנדערגעבוים.

קיין מענטשן וואָס אַרבעטן ניט, קיין „טויטן בילאַנס", האָט יערמילאָוו ניט אָנערקענט. אַזעלכע „געזונטע" ווי איך, האָבן געטראָגן קלעצער, גע־שלעפּט ברעטער, געזעגט בוימער, געווען „פּאָדסאָבניקעס" (געהילפן ביי די מייסטערס). נאָך שוואַכערע האָבן געטראָגן אויף „נאָסילקעס" (טראָג־ברעט־לעך) ציגל־ברוך, קויט; גערייניקט, געמישט און דערלאַנגט ליים, קאַלך. מענטשן אָן פיס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין בריגאַדעס אויף צו פּראָדוצירן פון דיקן דראָט — טשוועקעס. איינער אַ יידישער שרייבער האָט זיך „ספּעציאַ־ליזירט" אויף זעגן קלעצער (די ריינסטע און „לייכטסטע" מלאכה אין לאַגער). משה בראָדערזאָן האָט אין יענע מאָנאַטן אויך געמוזט זיך „איינשליסן אין דער אַלגעמיינער בוי־אַרבעט". ער האָט געשאָטן קאַלך אין פעסער, דאָס ווי געהעריק אויסגעמישט און דערלאַנגט די מאַלער־אַרבעטער אויף די לייטערס. קיין קראַנקע האָבן פאַר יערמילאָוון ניט עקסיסטירט. די סאַני־טאַרע אָפּטיילונג האָט ניט געאַרבעט. אונדזער דאָקטאָר, אַן אוקראַינישער אַרעסטאַנט, אַ גרויסער הומאַניסט, וואָס האָט שפּעטער געטאָן מער ווי עס איז געווען אין זיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן, צו פאַרלייכטערן און אַמאָל פּשוט ראַטעווען פון אויסשעפּונג, דורך באַפרייען אויף אַ טאָג־צוויי פון דער קאָטאָרגע־אַרבעט, דער דאָקטאָר האָט אין די חדשים געמוזט אַליין טאָן די שווערסטע פיזישע אַרבעטן. קאַפּיטאַן יערמילאָוו האָט דערקלערט:

— איר וועט זיך אויסרוען שפּעטער. איצט מוזן אַלע אַרבעטן אויף אַקאָרד. אַזוי לאַנג ווי דער לאַגער וועט ניט זיין אויפגעבויט, אָנערקען איך ניט קיין שום קראַנקהייט. לאָזט אָפּ מיט אייער רעוומאַטיזם, בוך־וויטאָג, שוואַכקייטן פון האַרץ — דאָס זיינען „טריקס" פון סימולאַנטן, זיך אַרויסצו־דרייען פון דער אַרבעט.

*) צ. פּ. מ. — צענטראַלנאַיאַ פּאָשיוואָטשנאַיאַ מאַסטערסקאַיאַ — אַ צענטראַלער שניידעריי־וואַרשטאַט צו באַדינען אַלע לאַגער־פּונקטן אין טיישעט־לאַג.

מיר האָבן זיך לאַנגזאַם צוגעוואוינט צו יערמילאָווס אכזריות און משוגעתן. די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונדזער לאַגער, האָבן זיך פאַמעלעך אויסגעשיילט מיט זייערע מעלות און חסרונות. אומ־באַקאַנטע פּנימער זיינען געוואָרן באַקאַנט. צוזאַמען געאַרבעט, צוזאַמען גע־פירט געוואָרן אויסער דער זאָנע אין שניי און אין רעגן, און צוזאַמען אויסגע־הערט די טויט־דראָונגען פון קאָנוואָי.

מיר זיינען געגאַנגען אין רייען צו פיר אָדער צו פינף און זיך געהאַלטן איינער דעם צווייטן אונטערן אָרעם. איינער האָט געהיט דעם צווייטן, ער זאָל נישט אומפאַלן, ניט אָפּשטיין נישט אַריינפאַלן אין אַ געפאַר דערשאָסן צו ווערן.

צוזאַמען האָבן מיר זיך אין גרויסע פרעסט געטוליעט אָרום שייטער; זיך מכבד געווען מיט צוויי־דריי ציִ פון איין מאַכאָרקע־ציגאַרעטל; געמיינזאַם בעוואָרטשעט אין זיך, אויף די באַליידיקונגען און גראָבע רייד פון אַ כאַמסקן בריגאַדיר אָדער אַ לאַבוסעוואָטן קאָנוואָי.

אין זומערדיקע טעג (אָזאַ פרייד פאַר דער גאַנצער וועלט!), ווען אונדז האָבן געפייניקט די מיליאָנען מאָסקיטן, וואָס זיינען נישט אָפּגעטראָטן אפילו ווען מיר האָבן שוין געטראָגן די „נאַקאָמאַרניקעס" (טיולענע נעצן אויפן פּנים), האָבן מיר זיך ווידער געקאָנט אָנטרעפן און באַגעגענען מיט אויסדריקן פון טיפער מענטשלעכקייט, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער דער גראָבער אָרעס־טאַנטישער הויט. ניט זעלטן פלעגט עמיץ אויסטאָן זיין גוטע מאָסקיטן־נעצל און אָוועקגעבן אַ צווייטן, וועמענס נעצל איז געוואָרן שטאַרק צעלעכערט. און אַליין האָט ער זיך אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט דזשעגעכץ, פון וועלכן די מאָסקיטן קאָנען נישט פאַרליידן דעם ריח און אַנטלויפן.

דאָס לעבן האָט זיך פאַמעלעך אַנגעהויבן איינרעגולירן.

מ'האָט אָנגעהויבן צו דערקענען איינער דעם צווייטן. געוואוסט צו וועמען מען קאָן האָבן צוטרוי און רעדן ווי פאַר אַן אייגענעם, און פאַר וועמען מען דאַרף זיך היטן ווי פאַר פייער. אין די אָוונטן האָט מען זיך אַריינגעכאַפּט (טראָץ דעם פאַרבאָט פון נאַטשאַלניק) אין אַ „פרעמדן" באַראַק און יידן האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט צווישן אַנאַנדער. עס זיינען דאָ געזעסן יידן פון מאָסקווע, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן „צוליב גאָלדען". דאָס זיינען יענע יידן וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן פאַרן באַגעגענען מיט ענטוזיאַזם, אין 1948, דעם ערשטן דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער פון מדינת ישראל אין ראַטנ־פאַרבאַנד — גאָלדע מאיר(סאָן). עס זיינען דאָ געזעסן יידן, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוליבן „ענין בירא־בידזשאַן"; יידישע שרייבער, וואָס זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר „נאַציאָנאַליזם"; יידן אַסימילירטע; אַלטע יידישע פּאַרטיי־טוער, וועמען מען האָט אַמאָל באַשולדיקט אין טראָצקיזם, איינגעזעצט אין טורמעס, זיי שפּעטער באַפרייט און אַצינד ווידער אַרעסטירט פאַרן אַלטן חטא.

אויסער משה בראָדערזאָנען, זיינען מיט מיר אין דעם לאַגער געווען נאָך עטלעכע יידישע שרייבער און איניקע יידיש־רוסישע זשורנאַליסטן. צווישן זיי אַ קינאָ־סצענאַריסט. די נשמה פון אונדזער גרופּע איז אָבער געווען משה

בראַדערזאָן. ביי זיין גאַנצער דערשלאָגנקייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו שפּרודלען מיט הומאָר. מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ בוך פון בראַדער־זאָנס איינפאַלן אין יענע פינצטערע טעג, וועלכע האָבן אונדז אויפגעהייטערט. אין זיין סאַרקאַזם האָט געפונען אַן אויסדרוק אונדזער אַלעמענס ווייטאָג און צער, אונדזער פּאַרדראָס און פּראָטעסט, וואָס מיר האָבן אַראָפּגעשלונגען צוזאַמען מיטן קלעפּיקן ברויט.

אין די שווערסטע צייטן אין שקלאַפן־לאַגער, ווען עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן; ווען איינער אַ יידישער שרייבער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד, ווען איך האָב אים פון זכרון פאַרשריבן ח. נ. ביאַליקס אַ ליד, און ער האָט דאָס ביי זיך באַהאַלטן ווי אַ קמיע — דעמאָלט האָט משה בראַדערזאָן דערציילט וועגן טלאָמאַצקע 13 און וועגן זיינע באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער. ער האָט דער ערשטער דערשנאַפּט יעדע ידיעה, וואָס האָט אַהער וועג־וויס ווי אַזוי דערגרייכט, וועגן מדינת ישראל. די יידישע מדינה איז געוואָרן בראַדערזאָנס האָפענונג און טרייסט. ער האָט דעם געדאַנק וועגן מדינת ישראל אַרומגעטראָגן ביי זיך אין האַרצן, ווי מען טראָגט אַרום אַ הייליקע ספר־תורה.

## ווען פינקע האָט געשפּילט כל־נדרי

איז פאַראַן עפּעס אַ שענערע זאַך אויף דער וועלט ווי מוזיק?

שוין פון קינדווייז־אָן בין איך געווען פאַרבענקט, פאַרכישופט, פון דעם צויבער פון מוזיק.

עס האָבן געמעגט זיין די אָפּגעריסענע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן דורך אַ פענצטער פון אַ רייכן הויז אין מיין שטעטל.

...דאָרט זיצט די בת־מלכה און צויבערט אויס קלאַנגען...

און די טרויעריקע חסידישע ניגונים צום „בני היכלא דכסופין למחזי זיו דזעיר אנפין", דעמאָלט ווען דער שבת שטאַרבט אַזוי פאַמעלעך אָפּ צוזאַמען מיטן דעמער, און דאָס נשמהלע פונעם צען־יאָריקן חסידישן יינגל בענקט אַזוי און ווייסט ניט נאָך וואָס.

און שפּעטער, ווען איך בין שוין עלטער געוואָרן און געלערנט אין אַ וואַרשעווער ישיבה, האָט ישראל, דעם פעטער משה־דודס, ביי וועמען כ'האָב געלעבט, געבראַכט פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע זיסע קלאַנגען, נאָך קיינמאָל נישט געהערטע. כ'האָב זיך שוין דעמאָלט באַקענט מיט בעטהאָווען און מאָצאַרט, מיט טשאַיקאָווסקין און באַך, מיט ווערדי און מאָשקאָווסקי; זיי האָבן געזונגען אין מיר און אַרויסגעזונגען פון מיר. די טעג אַליין האָב איך געזען אין קלאַנגען און מיר איז אַזוי גוט געווען מיט זיי...

און שפּעטער... און שפּעטער? — וואָס בין איך ניט גרייט געווען אַוועקצוגעבן פאַר הערן גוטע מוזיק? מען שפּילט — און די וועלט, דאָס גאַנצע לעבן, ווערט אַזוי גוט. די וועלט וואַרט אויף מיר. זי וועט ניט מאַכן

נאָכט ביז זי וועט מיינע וויעס ניט צושליסן אין אויסגעבענקטער רו, ווי אַ מאַמע גייט ניט שלאָפן פריער איידער זי וויגט איין איר קינד.

*
**

אָבער פאַרוואָס זיינען אַזוי פאַרשאָלטן די פידעלעך, דאָ, אין טרויעריקן שקלאָפן־לאַגער? דאָ שפּילן די פידעלעך גאָר אויס אַזעלכע מאָדנע מאַרשן, בעת מען פירט אונדז צו דער שקלאָפן־אַרבעט.

דאַכט זיך וואָס? ניגונים. ניגונים פון נאָטן אַרויס, זיי זיינען פאַרפּאַסט געוואָרן דורך גאָט־געבענטשטע קאָמפּאָזיטאָרן, נאָר זיי רופן ערשט זיך איבער, די דאָזיקע ניגונים, מיט דער שרעק, וואָס איך האָב איינגעזויגן אין זיך אין מיין פריסטער קינדהייט.

עס איז געווען אין טשעכאָצינעק, אינעם פּוילישן קוראָרט פאַר רעוומאַ־טיקער, וואוהין די באָבע האָט מיך מיטגענומען מיט זיך, ווען איך בין סך־הכל געווען 6 יאָר אַלט. דאָרט האָט אַ משוגענער אַרויסגעשלעפּט ספר־תורות פון בית־המדרש און זיי געשענדט.

איך בין געווען אויף דער לוויה פון די געשענדעטע ספר־תורות, געהערט די הספדים פון גרויסע רבנים און מיטגעוויינט מיט די טויזנטער יידן, וועלכע זיינען צו דער לוויה געקומען. און דאָ — געשענדעטע ניגונים!

קאַפּיטאַן יערמילאָוו, דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער־פּונקט 051, איז טויב פאַר מוזיק ווי די וואַנט. אָבער די קאַפּעלע מוזיקאַנטן האַלט ער. ער האָט אַזאַ באַפעל פון דער הויך: — מוזיק גיט צו מוט, פאַרשטאַרקט די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט.

דער קאַפּעלמייסטער איז דער אוקראַינער קוזמענקאָ, וועלכער איז מסתמא געווען אַ קלעזמער אויף גויאישע חתונות. דאָ שפּילט ער מאָצאַרטס „טערקישן מאַרש" און די אָרעסטאַנטן מאַרשירן אונטער די קלאַנגען צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט.

עס טראָגן זיך נאָך אין דער לופט די געשרייען פון קאָנוואָי, וואָס באַגלייט די אַרעסטאַנטן באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער און אַ צענדליק שפּיר־הינט צו־הילף. די וועכטער שטעלן אונדז אויס צו פינף אין אַ ריי און מעלדן אונדז פאַרן אַרויסמאַרש דעם באַפעל, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעשניטן אין אונדזער זכרון:

— „שאַג וּפּיעראָד, שאַג וולעוואָ — שטשיטאַיעטסאַ פּאָביעג, קאָנוואָי פּרימעניאַיעט אָרוזשיע בעז פּרעדופּרעזשדעניאַ!" (אַ טריט פאַרויס, אַ טריט לינקס — ווערט באַטראַכט ווי אַ פּרוואו צו אַנטלויפן. דער קאָנוואָי באַנוצט דעם געווער אָן אַ וואָרענונג!).

טאָ צו וואָס דאַרף אונדזער נאַטשאַלניק פידלען?

צום טויער, כדי אַרויסצובאַגלייטן די אַרעסטירטע צו דער אַרבעט, וויל ער ניט גיין. ער האָט אַזאַ פּרינציפּ: ער גייט ניט! עס פּאַסט ניט פאַר אים, ער וויל ניט שענדן זיין פידעלע...

וואָס־זשׁ איז מיט אים דער יחוס ? — פאַרשטייט ניט יערמילאָוו, דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. פינקע איז געווען די צווייטע פידל און קאָנצערט־מייסטער פון דער מאָסקווער אָפּערע. ווען מען האָט אים פאַרשיקט אין לאַגער, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט זיין „סטראַדיוואַריוס", 18 טויזנט רובל די ווערט פון פידל. די בוכהאַלטאָרן פון דער לאַגער־קאַנטאָר האָבן קוים געקענט איינרעדן אונדזער נאַטשאַלניק, אַז פינקע וועט ברענגען נוצן. עס לוינט זיך אַפילו אים ניט צו שיקן אין וואַלד, אויף אונטערהאַקן ביימער; ער וועט שפּילן סאָלאָ אויף די קאָנצערטן, וואָס דער לאַגער אָרדנט איין מאָל אין חודש. האָט אָבער פינקע איין גרויסן חסרון — ער איז אַ ייד.

די שטראָף וואָס פינקע האָט באַקומען — 8 יאָר אַרבעטס־לאַגער, — ווערט טאַקע באַצייכנט אין לאַגער ווי אַ „קינדערשע שטראָף", אָבער דער חטא פאַרוואָס ער איז באַשטראָפט געוואָרן איז אַ פאַסקודנער: „יידישער נאַציאָנאַליזם", אַ חטא פאַר וועלכן עס זיינען אַזויפיל יידן אַרעסטירט געוואָרן.

עפּעס האָט אים זיין ברודער פון אויסלאַנד, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַר־בענקט נאָך אים, אָנגעפרעגט אין אַ בריוול, צי ס'איז נישט אַ פּלאַן, ער זאָל צו אים אַריבערקומען קיין רוסלאַנד? האָט אים פינקע געענטפערט: "סידי אי ניע ריפּאַיסיאַ!" — זיץ אויף אַן אָרט, און רייס זיך נישט אין ערגעץ!...

און עפּעס נאָך אַ קלייניקייט האָט ער געוואָלט זאָגן. ס'איז געווען דאַן, ווען מדינת ישראל האָט געשיקט איר ערשטן דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער קיין רוסלאַנד, און פינקע האָט פשוט נישט געקאָנט פאַרבאַהאַלטן זיין באַגייסטערונג. צוליב דעם טאַקע טראָגט אונדזער „נאַריאַדטשיק", דער שונא־ישראל ניעסטע־רענקאָ, אַ באַזונדערן כעס אויף אים, דעם אומפאַרשעמטן יידישן נאַציאָנאַליסט!

דער קאַפּעלמייסטער קוזמענקאָ, ווידער, איז מקנא פינקען צוליב זיין סטראַ־דיוואַריוס־פידל. האָבן זיי זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, פינקע זאָל „חלילה ניט אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס, נאָר אויסקויפן זיין שווערע זינד מיט אַרבעט פאַרן סאָוועטישן הײמלאַנד... מען וועט אים טאַקע נישט שיקן אויף דער אַרבעט אויסער דער זאָנע. ער וועט אַרבעטן פאַר די באַראַקן און באַזאָרגן אונדזער לאַגער מיט הייץ־מאַטעריאַל: ער וועט זעגן קלעצער און האַקן האָלץ — די „ריינסטע מלאכה, וואָס קאָן נאָר זיין!"

אונדזער גוטער אוקראַינישער דאָקטאָר ס. איז אָבער געווען קעגן דעם. פינקע האָט געהאַט אַ בלוט־דרוק פון 210 און ביי דער מינדסטער אָנשטרענגונג האָט אים געדראָט אַ קאַטאַסטראָפע. נאַטשאַלניק יערמילאָוו אָנערקענט אָבער בלויז איין סימן פון קראַנקהייט — אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. באַפרייען פון דער אַרבעט קען מען זיך נאָר, ווען דער טערמאָמעטער באַווייזט כאָטש 37 מיט 6 צענטל. פינקע האָט אָבער קיין היץ ניט געהאַט. האָט ער געמוזט כאָטש פינף שעה אין טאָג, זעגן און האַקן האָלץ. אין אָוונט, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט, איז ער געווען טויט־מיד. אָבער קוים אָפּגערוט זיך אַ שעה, פלעגט ער זיך נעמען צו זיין פידעל און אַרויסכשופן פון איר די וואונדערלעכע קלאַנגען. איך האָב שטאַרק ליב מוזיק און פונקט אַזוי איז משה בראָדערזאָן, ממש אויס־געגאַנגען נאָך פינקעס פידעלע.

— ער איז ניט דער ערשטער — פלעגט בראָדערזאָן זאָגן — נישט קיין גאון, דער פּינקע, אָבער דאָך אַ גרויסער מייסטער מיט אַ געוואַלדיקן געפיל פאַר טעכניק. אָט שפּילט ער פּאַגאַניניס „קאַפּריטשיאָ", און מען פאַרגעסט בכלל אַז מען געפינט זיך אין לאַגער; וויל ער, נעמט ער ממש אַרויס די נשמה מיט טשאַיקאָווסקיס „באַרקאַראָלאַ", צי מיט גלינקעס „צעשיידונג".

ער שפּילט — און מיר שטייען אַרום, קוקן זיך איבער און דערקענען זיך ניט: אונדזערע וואַטאָווע אויבער־רעק מיט די נומערן אויף די פּלייצעס, אונדזערע אָפּגעשוירענע קעפּ, זיינען געוויס עפּעס אַ פאַרבלענדעניש. עפּעס אַ גרויסער טעות — אַ פּרינץ האָט זיך פאַרטוישט מיט אַ בעטלער...

אָן אַרבעט פון סמאל הרשע, רחמנא לצלן. און אויפן האַרצן איז אַזוי גוט, און עס נעמט גלויבן, אַז אַלע מענטשן זיינען גוט. אַי, די רשעים? ווי זאָגט דערויף דער פּסוק: יתמו חטאים מן הארץ והרשעים עוד אינם (די רשעים וועלן אונטערגיין).

פּינקע!

לעגענדעס זיינען וועגן אים אַרומגעגאַנגען איבער אַלע פונקטן פון אונדזער טיישעטער לאַגער־סיסטעם.

— איר האָט געהערט פּינקען? — האָט איין לאַגערניק אויסגעפרעגט דעם אַנדערן.

ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ קליין געוויקסיקער מיט רויטע וויעס, אַ שטילער אַזאַ, אַ גוטער.

איינמאָל האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך בין גרייט אַ גאַנצע נאַכט פאַר איך צו אַרבעטן, איר זאָלט פאַר מיר בלויז איין מאָל שפּילן מאָשקאָווסקיס „שפּאַנישן טאַנץ נומער 7".

— פאַר מיר וועט קיינער ניט אַרבעטן, איך לייד דאָס ניט — האָט פּינקע געענטפערט.

געוועזן איז ער גראָד אָפּגעפרעמדט. קיין יידיש וואָרט ניט געקענט, גע־אַרבעט צווישן רוסן דאָס גאַנצע יונגע לעבן זיינס. ער איז געווען אַ הויז־פריינד פון די גרויסע רוסישע זינגער לעמעשעוו און קאָזלאָווסקי. אָבער אַ יידישע נשמה קען מען ניט אָפּשאַצן. איינמאָל האָט ער פאַרטראַכט אַזאַ פּלאַן: ער וועט אין איינעם, אַ נאָענטן קאָנצערט זיינעם, איינשליסן אין פּראָגראַם ברוכס „כל נדרי". און פּינקע איז געווען אַ יידישער עקשן. אָט האָט ער זיך איינגע־שפּאַרט ניט צו שפּילן אין דער קאַפּעליע ביים אַרויסבאַגלייטן די אַרעסטירטע צו דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז קוזמענקאָ, דער קלעזמער, איז געווען קעגן דעם מאָדנעם מוזיק־נומער.

— „שאָ טאַקע קאָל נידרע?" — האָט ער אַ בייזער געפרעגט.

— אַז מיר שפּילן אפילו דייטשע מוזיק, מעג מען דאָך אַמאָל שפּילן אַ יידישן ניגון אויך — האָט פּינקע מיט איפער פאַרטיידיקט זיין פאָרשלאָג. פּינקעס יידישער פּראָגראַם־נומער איז אַזוי לאַנג „באַהאַנדלט געוואָרן", ביז עס איז דערגאַנגען אין דער „אָטדיעליענע" — דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון לאַגער — וואו עס זיצט, זאָגט מען, אַ יידישער קאַפּיטאַן. די פאַרוואַלטונג

האָט ענדלעך באַשטעטיקט די גאַנצע פּראָגראַם און — פּינקע האָט געשפּילט „כל נדרי״.

אָונט נאָך אָונט, ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך פּינקע געגרייט צו דעם קאָנצערט. ווי ער וואָלט געאַנט, אַז דאָס וועט זיין זיין „שוואַנען ליד״, זיין געזעגענונגס־קאָנצערט, דער לעצטער קאָנצערט אין זיין לעבן. עס איז געווען אַ „כל נדרי״ ניט אין דער האַרבסט־צייט, אין בלעטער־פאַל, ווען די ווינטן וויען אין דער נשמה אַריין מיט אומעט און באַדויער, און דער זומער שטייט שוין ביי דער טיר. עס איז געווען אַ „כל נדרי״ אין אַ שנייאיקן, פּראָסטיקן סיבירער ווינטער, 600 קילאָמעטער פון אירקוטסק, אין אַ וויטן שקלאַפן־לאַגער אין דער טייגע.

— כ ל נ ד ר י ...

געווען זיינען מיר דאָרט, אַרום 50 יידן. פאַרשיידן לויטן אָפּשטאַם און לויט דער דערציאונג, פאַרשיידן לויט די אָנשויאונגען און כאַראַקטערן. געווען צווישן אונדז יידן צדיקים פון אוזבעקישן סאַמאַרקאַנד ; לובאַוויטשער חסידים, וואָס האָבן אין די שווערסטע באַדינגונגען עוסק געווען אין תורה, אין חסידות, און געלעבט אין לאַגער אויף ברויט מיט הערינג און זיך ניט צוגערירט צום געקעכץ.

פון וואַנען האָט זיך ביי די דאָזיקע יידן גענומען כוח צו די פיזיש־שווערסטע אַרבעטן ? געקומען פון דער עבודת־פּרך און — זיי גייען שוין אַרום צווישן יידן און דערמוטיקן זיי מיט אַ גמרא־וואָרט, מיט אַן אגדה, מיט אַ וואונדער־מעשה פון צדיקים. און אַז מען האָט זיך מיט עפּעס געוואָלט טיילן מיט זיי, האָבן זיי באַין אופן נישט געוואָלט נעמען.

און פאַראַן צווישן אונדז יידן־קאָמוניסטן, אַלטע פאַרטיי־טוער, וואָס האָבן נאָך מיטגעאַרבעט מיט לענינען. אָפּגעזעסן שוין צו צען יאָר תּפיסה פאַר „טראָצקיזם״, האָט מען זיי שפּעטער ווידער אַרעסטירט און פאַרשיקט. געווען באַקאַנטע אינזשינירן, וואָס האָבן געבויט די גרעסטע בריקן אין ראַטנפאַרבאַנד. און געווען פשוטע פאָלקס־מענטשן, „עמך שער און אייזן״, וואָס האָבן ניט געקאָנט באַהאַלטן זייערע פרייד־געפילן, ווען זיי האָבן געהערט פון דעם גרעסטן נס אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק — דעם אויפקום פון מדינת ישראל, און זיינען פאַר דער נשמה־פרייד באַשטראָפט געוואָרן מיט לאַנגע יאָרן טורמע, לאַגער און פאַרשיקונג. אויך יידישע שרייבער זיינען דאָ געווען, וואָס האָבן דורכגעטראָגן אַלע פּיינען פון דער אויספאָרשונג, און זיי זיינען ווייטער גרייט געווען צו טראָגן די קולטור־אוצרות צווישן יידן, אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער זייערע מאַמעס האָבן זיי געגעבן מילך צו זויגן.

די אַלע יידן צעקריגן זיך אַמאָל צווישן זיך, בעטן זיך איבער און — מען קריגט זיך ווידער. אָבער היינט, אויף פּינקעס קאָנצערט זיינען אַלע צוניפגעדריקט צוזאַמען און טרערן גיסן זיך פון די אויגן :

— כ ל נ ד ר י — ווי די שכינה וואָלט גערעדט און געטרייסט...

— זייט זיך ניט מייאש, טייערע יידן, איר זענט גרעסערע פּרואוון דורכ־געגאַנגען און — נצח ישראל לא ישקר.

און פּינקע אַליין, כאָטש ער האָט קיין יידיש וואָרט ניט געקענט, האָט אָבער דערפאַר זיין פידל גערעדט יידיש. דורות גאַנצע, האָבן גערעדט פון זיין פידל, אונדז געטרייסט, געמוטיקט און זיך מיט אונדז מתיחד געווען. אַלץ וואָס האָט אונדז פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך, איז צעפאַלן און אָפּגעווישט געוואָרן, און מיר זיינען פאַרבליבן קינדער פון איין שווער־געפּייניקט פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך אין יסורים און האָפט און גלויבט אין מאָרגנדיקן טאָג.

דאָס איז געווען פּינקעס לעצטער קאָנצערט.

פּינקע האָט ניט געטאָרט הויבן קיין שווערע משאות, דער בלוט־דרוק זאָל ביי אים נישט שטייגן צו הויך. דער לאַגער־דאָקטאָר האָט אָבער גאָרניט געקאָנט פועלן פאַר אים ביים נאַטשאַלניק. ס׳איז געווען אין דער סאַמע שווערסטער צייט פון סטאַלינישן טעראָר און יעדער אויסוואורף האָט געהאַט דאָס רעכט און די מעגלעכקייט איבער אונדז זיך צו איזדיעקעווען. דער „נאַריאַדטשיק״ ניעסטערענקאָ האָט פּינקען ניט באַפרייט פון דער אַרבעט.

איינמאָל, צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט, איז פּינקען ניט גוט געוואָרן. מיר האָבן אים אַריינגעטראָגן אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, ער האָט אָבער גלייך פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין און אין צוויי טעג אַרום געשטאָרבן. מ׳האָט ביי אים פעסטגעשטעלט אַ בלוט־אויסגוס אין מוח. געוויינלעך, פלעגט מען דאַן אַ געשטאָרבענעם אַרעסטאַנט, אַרויפלייגן אויף אַ פור, און ווי אַ זעקל פאַרפוילטע קאַרטאָפל אַרויספירן אין פעלד און באַגראָבן. דאָס מאָל, האָבן מיר, יידן אין לאַגער, זיך איינגעשטעלט און באַגלייט די פור מיטן בר־מינן ביז צום טויער.

פאַרן עובר־זיין דעם לאַגער־רעזשים, האָבן מיר זאַלבעדריט — דער דיכטער משה בראָדערזאָן, אַ יידישער דיכטער פון בעסאַראַביע (ער לעבט, און איך קאָן דעריבער נישט דערמאָנען זיין נאָמען), און דער שרייבער פון די שורות — באַקומען צו דריי טעג קאַרצער יעדער. קוזמענקאָ, דער גרימפלער, האָט באַלד געוואָלט ירשענען פּינקעס פידל. אָבער מיר האָבן דורך פאַר־שיידענע וועגן אַרויסגעשמוגלט אַ בריוול צו פּינקעס פרוי אין מאָסקווע, און איר צו וויסן געגעבן וועגן טויט פון איר מאַן. (די לאַגער־פאַרוואַלטונג איז נישט מודיע די פאַמיליעס פון די פאַרשטאָרבענע, וועגן טויט פון זייערע נאָענטע). ערשט נאָך סטאַלינס טויט, האָט פּינקעס פרוי אָפּגענומען דעם טייערן סטראַדיוואַריוס, פּינקעס פידעלע.

# די „קאַמיסאָווקע"

— היינט וועט זיין אַ קאַמיסאָווקע! — דאָס איז אַ שרעק־אַנזאָג אין אַ לאַגער. יעדער לאַגער ווערט באַזוכט אַלע דריי חדשים דורך אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, פון פרייע (נישט אַרעסטירטע) דאָקטוירים. צענדליקער אַזעלכע קאָמיסיעס האָב איך דורכגעמאַכט אין די לאַגערן. געווען אַן אינוואַליד און געוואָרן אויס אינוואַליד; מ'האָט מיר אפילו אַ שטיקל צייט „איבערקוואַליפיצירט" אַזש צו דער צווייטער אַרבעטס־קאַטעגאָריע; שפּעטער צוריק־געפירט צו דער דריטער און צו דער פערטער קאַטעגאָריע. און יעדן מאָל איז עס געווענדט אַן אַ צופאַל, אין דער שטימונג פון דעם דאָקטאָר, גרעסטנ־טייל, אַ יונג מיידל, נישט לאַנג פון דער אוניווערסיטעט־באַנק.

שטענדיק האָט אָבער אַ סך צו זאָגן דער אָרטיקער דאָקטאָר־אַרעסטאַנט, וועלכער איז אַ בייזיצער אויף די קאָמיסיעס; פון זיין איינשטעלן זיך איז אָפּט אָפּהענגיק דער גורל פון אַרעסטאַנט. דאָס מאָל האָבן מיר אויף אונדזער דאָקטאָר זיך ניט געהאַט וואָס צו קלאָגן: דאָס איז געווען דער אוקראַינישער דאָקטאָר ס., דער גרויסער מומחה און נאָך גרעסערער מענטשן־פריינד. ער האָט ממש מלחמה געהאַלטן מיט די מיליטערישע דאָקטוירים פאַר יעדן לאַגערניק, איבערהויפּט מיט דער דאָקטאָרשע, דעם כירורג פון צענטראַלן לאַגער־שפּיטאָל, קאַפּיטאַן נעלגאַ.

וויסט איר דער רוח, פון וואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען אַזוי פיל בייזקייט. אפשר דערפאַר, וואָס זי, די שיינע שוואַרץ־חנוודיקע טאַטערקע, איז אַריינגעפאַלן צו אַ מאַן אַ „סטאַרשינאַ" (הויפּט) פון דער לאַגער־וואַך, נאָכן טויט פון איר ערשטן מאַן, דעם אינזשעניער. זי האָט, אַלנפאַלס, נאָר געזוכט איבערצוקוואַליפיצירן פון אינוואַלידן אויף צווייטע קאַטעגאָריע, וואָס דאָס באַדייט גיין אויסער דער לאַגער־זאָנע אויף דער שווערסטער אַרבעט.

מערסטנס ווערן אַזעלכע „קאָמיסאָווקעס" דורכגעפירט אין דער לאַגער־באָד. מען רופט אַריין די אַרעסטירטע לויט זייערע וואוין־באַראַקן. מען טוט זיך אויס אין ערשטן פאַר־צימער און מען וואַרט אין דער ריי. חברה ווייסט שוין, אַז מען דאַרף אויסמיידן נעלגאַן, בעסער גיין צו אַ צווייטן דאָקטאָר. אָבער געוויינלעך, איז דערביי דאָ דער נאַריאַדטשיק, וואָס פרעגט ניט און דערלאַנגט אַ צעטעלע דווקא צו נעלגאַן.

די „קאָמיסאָווקע" מיט ד"ר נעלגאַן אין דער שפּיץ, האָבן דאָס מאָל געמאַכט אַ רייכן שניט. פון אַרבעטס־אינוואַלידן זיינען פּלוצלונג געוואָרן אַרבעטס־פייאיקע פון דער צווייטער קאַטעגאָריע; פון ניט אַרבעטנדיקע אינוואַלידן, אינוואַלידן וואָס דאַרפן אַרבעטן. די אַזוי גערופענע דריטע קאַטעגאָריע, וועלכע דאַרפן אויסגענוצט ווערן נאָר צו לייכטער אַרבעט — ווערט פון פאַרשיידענע נאַטשאַלניקעס אין די לאַגערן שטאַרק עקספּלואַטירט. ניט זעלטן נוצט אויס אַ נאַטשאַלניק אָט די האַלבע קאַליקעס, דאָס רוב מענטשן אין די זעכציקער, צו די שווערסטע אַרבעטן, גלייך מיט דער ערשטער

און צווייטער קאַטעגאָריע. איך דערמאָן זיך אַ פאַל, ווען דורך אַזאַ „צופאַל" מיט אַ שלעכטן קאָמיסיע־דאָקטאָר אויף דעם אַרבעטס־לאַגער 051, זיינען די זיבעציק־יאָריקע זקנים, צווישן זיי די באַקאַנטע לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, עליאַס און לאַרענס (וועלכע זיינען מיט מיר געזעסן צוזאַמען עטלעכע יאָר, און באַפרייט געוואָרן ערשט אין 1955), אָנערקענט געוואָרן דורך אַ קאָמיסיע פאַר אַרבעטס־פיאיקע אינוואַלידן. מען האָט זיי טאַקע שפּעטער גע־פירט צו זעגן קלעצער, רוימען שניי און טאָן אַנדערע שווערע אַרבעטן. אויף יענער קאָמיסיע, איז עס דער דיכטער משה בראָדערזאָן אויך אָנערקענט גע־וואָרן פאַר אַן אַרבעטס־פיאיקן, ניט געקוקט אויף זיין אַרטעריע־סקלעראָז און אַ טוץ אַנדערע קראַנקהייטן. ביז דער קומענדיקער קאָמיסיע האָט ער געמוזט טאָן די שווערסטע אַרבעטן.

אויך מיר האָט נעלגאַ אָנערקענט פאַר אַרבעטס־פיאיק, נישט געקוקט דערויף, וואָס די טורמע און די אויספאָרשונג האָבן אויף מיר איבערגעלאָזן „קענטיקע שפורן". אונדזער בריגאַדע האָט זיך צעטיילט: אַ העלפט ניט אַרבעטס־פיאיקע זיינען פאַרבליבן אין דער זאָנע, און די איבערקוואַליפי־צירטע אַלס אַרבעטס־פיאיקע, צוזאַמען מיטן בריגאַדיר קרוטשקין, זיינען פאַראייניקט געוואָרן מיט אַ רעמאָנט־בריגאַדע.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו רעמאָנטירן באַראַקן פון די איינ־וואוינער פונעם קליינעם ישוב אַרום לאַגער. דאָרט האָבן געלעבט עטלעכע צענדליק משפחות. אַלע האָבן זיי געאַרבעט אין דער לאַגער־פאַרוואַלטונג ווי בוכהאַלטאָרן, רעכענונגס־מייסטער, עקספּעדיטאָרן, דיספּעטשערס, קאָנ־טראָלאָרן, טעלעפאָן־און טעלעגראַף־באַאַמטע, פאַרוואַלטער פון די הויפּט־סקלאַדן פון פאַרטיקער פּראָדוקציע, סחורה־מאַטעריאַלן און שפּייז־שפּייכלער, פאַרוואַלטער פון גרויסן גרינס־קעלער, די לאַגער־נאַטשאַלניקעס און וועכטער. די אַלע מענטשן האָבן באַקומען זייער געהאַלט און חוץ דעם אויסגענוצט אומזיסט אונדזערע אַרבעטס־הענט. מיר האָבן זיי געדאַרפט באַדינען מיט רעמאָנט פון זייערע וואוינונגען, רייניקן זייערע הויפן, וועלכע זיינען געווען שמוציקער און אָפּגעלאָזענער ווי די טעריטאָריע פון אונדזער לאַגער; זעגן און האַקן האָלץ און אָפּט אפילו אָנטראָגן וואַסער.

די לאַגער־אַרעסטאַנטן האָבן געזען אויף טריט און שריט, ווי אַזוי אָט די קאַסטע איז דעגענערירט און דורכגעפוילט. טויגעניכטסן, אָן בילדונג און וויסן, אָפּטמאָל אָן די מינדסטע פאַך־קענטענישן, האָט דער פּיל־מיליאָני־קער אַפּאַראַט פון דער „מ.וו.ד." (געהיים־פּאָליציי) פאַראַזיטעוועט אויפן חשבון פון פאָלק.

אין לאַגער האָבן די „מ.וו.ד."־באַאַמטע אויסגענוצט די שווערע אַרבעט פון די אַרעסטאַנטן און באַקומען פּרעמיעס פאַר גוט־אויסגעפילטע חודש־פּלענער. „מייסטערס" — וויסטע קאַליקעס — האָבן באַקומען הויכע לוינען, אויף דער קאָנטאָ פון די ערשט־קלאַסיקע געניטע באַלמעלאָכעס, אמתע מייס־טער פון זייער פאַך, וועלכע האָבן פאַר זיי אַלץ געטאָן. די ווייבער פון דער קאַסטע פאַראַזיטן האָבן זיך געפוילט צו טאָן די קלענסטע אַרבעט; זיי האָבן

געשיכורט צוזאַמען מיט די מענער און זיך פאַרנומען מיט ליבע־אַוואַנטורעס. אָפטמאָל האָט מען געטוישט די ווייבער. אַזוי האָט דער פאַרוואַלטער פון דעם שפּייז־סקלאַד געצאָלט צוויי ווייבער זיינע אַלימענטן. אָבער זיינע גע־שעפטן זיינען אַוועק אַזוי גוט, אַז ער איז אַלעמאָל געשטיגן העכער און העכער, ווייל ס'איז געווען מיט וועמען צו אַרבעטן. די צאָל אַרעסטאַנטן איז כסדר געוואַקסן, און פאַר איין פּעקל מאַכאָרקע זיינען זיי גרייט געווען צו טאָן די שווערסטע שקלאַפן־אַרבעט.

ווי ווייט דעגענערירט דער דאָזיקער מ.וו.ד.־שטאַב פון ליידיקגייער און אומזיסטע פרעסער איז געווען, ווערט באַשטעטיקט דורך דעם פאַקט פון דער גרויסער צאָל פאַרברעכנס, פון ריין־קרימינעלן כאַראַקטער, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען. ביי אונדז אין לאַגער האָט איינער אַ סערזשאַנט פון דער וואַך פאַרגוואַלדיקט זיין שטיף־טאָכטער — אַ מינדעריעריק מיידל, און דערפאַר באַקומען 10 יאָר תפיסה.

אין אַ צווייטן לאַגער־פּונקט פאַר פרויען, האָט זיך דער נאַטשאַלניק „פאַרליבט" אין דער אַרעסטירטער „נאַריאַדטשיצע" (אַרבעטס־פאַרטיילערין) און מיט איר געלעבט. דאָס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין געוועזענע געליבטע, די פרויען־וועכטערין פון זעלבן לאַגער. אויס נקמה, האָט זי דער־ציילט וועגן זיין „לינקער" ליבע דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ. דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט זיך געפונען געטראָפן. ער האָט זי אָפּגעוואַרט, ווען זי איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, און אין איר אַריינגעשאָסן פינף קוילן פון זיין רעוואָלווער. ער האָט באַקומען פאַרן מאָרד 20 יאָר תפיסה. אַזעלכע אַוואַנ־טורעס זיינען געווען אַ היפּש ביסל פאַר דער צייט פון מיין זיין אין לאַגער.

אָבער צווישן די אויסוואורפן האָבן זיך אויך געפונען געציילטע גוטע מענטשן. פּונקט ווי דאָס רוב מנין ובנין פון רוסישן פאָלק, האַסן זיי די קאַסטע מענטשן־אונטערדריקער און שקלאַפן־טרייבער.

איך האָב אַמאָל איבערגעלעבט אַזאַ אומדערוואַרטע סימפּאַטיע־דעמאָנ־סטראַציע צו די „פּיינט פון פאָלק".

איין מאָל זיינען מיר אַריבערגעפירט געוואָרן פון איין לאַגער אין אַ צווייטן. ווען מען האָט אויף איינער אַ סטאַנציע אויפּפּלאָמבירט די וואַגאָנעס, אונדז אַריינצוגעבן וואַסער, האָט אַן אָפּטיילונג פון רעגולערן מיליטער, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ צוג, אונדז פּשוט באַוואָרפן מיט ברויט, צוקער און מאַכאָרקע. אונדזער נ.ק.וו.ד.־וואַך האָט שטאַרק פּראָטעסטירט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דער סטאַנציע איז אָבער — נאָך מער אומדערוואַרט — געווען אויף דער זייט פון די זעלנער; ער האָט קיינעם פון זיי ניט געוואָלט אַרעסטירן. ער האָט נאָך, פאַרקערט, אָפּגעהאַלטן אונדזער עשאַלאָן ביז אַ פאַראָרדענונג פון „דער העכערער מאַכט", ווייל ער האָט נאָך געוואָלט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונדזער קאָנוואָי פאַרן שלאָגן די זעלנער.

ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין באַוואונדערונג פאַר די פּשוטע רוסישע סאָלדאַטן, האָט מיר אַן אַלטער רוסישער אַרעסטאַנט געזאָגט:

— וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? יעדער פון זיי האָט אַוודאי אַ קרוב, אַ נאָענטן, אַ פריינד, אַ באַקאַנטן וואָס איז געזעסן אָדער זיצט אין אַ לאַגער.

יאָ, מיר האָבן געהאַט די סאָטיספּאַקציע, אַז סטאַלינס משוגעת, זיין דעס־פּאָטיזם און טיראַניע האָבן דאָך גישט באַוויזן אַנצושטעקן אַלע מוחות. דאָס פאָלק ווייסט די אומגערעכטיקייטן און פילט מיט די אומשולדיקע אַרעסטירטע. עס איז נאָר אויס שרעק און פחד, געצוואונגען צו שווייגן, אָבער עס בונטעוועט זיך אין דער שטיל, אין האַרץ, אין זייער נשמה.

## ר׳ אברהם־חיים און די ספרדישע יידן

צו אונדזער יידישער קאָלאָניע אין דעם טרויעריקן שקלאַפן־לאַגער איז צוגעקומען אַ נייער עלעמענט: ספרדישע יידן. זיי האָט מען אַרעסטירט אַ סך שפּעטער ווי אונדז, אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן, ווען די אורטיילן האָבן זיך געשאָטן ווי פון אַ לעכערדיקן זאָק. זייערע אורטיילן זיינען אָבער אויך געווען אַ סך הארבערע ווי אונדזערע. ״פאַרברעכנס״, פאַר וועלכע מען האָט ביז 1950 געגעבן 10 יאָר תפיסה, האָט מען שוין אין אָט דער צייט — ווען מען האָט געמשפּט די ספרדים — געגעבן צו 15 און 25 יאָר. צווישן אָט די יידן איז געווען דער ספרדישער רב פון טאַשקענט און אַ גאַנצע גרופּע ספרדישע יידן פון סאַמאַרקאַנד.

אַמשטאַרקסטן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דאָס הייליקע גע־שטאַלט פון ר׳ אברהם־חיים.

זיינע אויגן קוקן נאָך היינט אין מיין נשמה מיט אַ שטומער טענה. אָט פונקט אַזוי האָט זיך אין מיין יוגנט איינגעקריצט אין מיר, דער הייליקער בליק פול מיט שטומען צער, פונעם אָסטראָווצער רבין, ר׳ מאיר־יחיאל הלוי, דער צדיק וואָס האָט 40 יאָר אָפּגעפאַסט אויף גלות־השכינה, ווען ער האָט מיט מיר גערעדט אין לערנען. ר׳ אברהם־חיים איז ניט געווען קיין רב און קיין גאון. אָבער זיין הדרתדיק פּנים, אידל און וואונדערלעך שיין, מיט זיינע טיפע, שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגן, האָבן אפילו אויף די אַרומיקע קריסטן אַרויפגעוואָרפן אַן אימה און זיי האָבן גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַרן ״ראַווין אַבראַהאַם״.

דער דאָזיקער ייד איז ניט געווען קיין רב, ער איז געווען אַ האַרעפּאַשניק, אַ מענטש וואָס לעבט פון דער האַרעוואַניע פון זיינע הענט. ער איז געווען אַ פאַרבער. אָבער וואָס פאַר אַ הייליקער ייד!

אין דער אַרומיקער שלעכטסקייט און טעמפּקייט האָט בלויז זיין בליק אונדז אידעלער געמאַכט. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז — אַ לעבע־דיקער ר׳ משה־לייב פון סאַסעוו. אויף זיין העברעאיש (די ספרדים האָבן געקענט העברעאיש און אוזבעקיש), האָט ער מיר דערציילט זיין ״חטא״, פאַרוואָס ער איז אַרעסטירט געוואָרן. קיין סאַמאַרקאַנד איז מיט אַ צייט צוריק אַראָפּגעקומען אַ ליובאַוויטשער חסיד און איינגעפלאַנצט דאָס חסידות

פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי צווישן אַ טייל פון די סאַמאַרקאַנדער ספרדישע יידן.

ר׳ אברהם איז געוואָרן איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון שיטת חב״ד (ליובאַוויטשער חסידות). מען פלעגט לערנען צוזאַמען דעם „תניא״ און עוסק זיין אין התבוננות. אויסער דעם האָט ר׳ אברהם־חיים, אין זיין וואוינונג, געזאָלט אויסגראָבן און איינאָרדענען אַ מקווה. מוסרים האָבן אויסגעטראַכט אַז ער האָט אויך געהערט דורכן ראַדיאָ דעם ירושלימער „קול ישראל״. דאָס איז געווען גענוג אויף צו געבן אים אַן אורטייל פון 15 יאָר תפיסה. ר׳ אברהם־חיים האָט פּראָטעסטירט — האָט מען אים דערלייגט נאָך 10 יאָר. אַזוי אַרום איז ער צו אונדז געקומען מיט אַן אורטייל פון 25 יאָר. פאַר ענלעכע „פאַרברעכנס״ זיינען אויך געזעסן די אַנדערע ספרדישע יידן. די ספרדים האָבן זיך געוויינלעך געהאַלטן באַזונדער. אויסער ברויט, צוקער און הערינג אָדער פיש האָבן זיי פון לאַגער־עסן קיין זאַך נישט גענומען אין מויל אַריין; כאָטש, מ׳שטיינס געזאָגט, אונדזער עסן איז דאַן באַשטאַנען פון קרויט־זופּן, 200 גראַם האָבער־קאַשע און 3 גראַם בוימל־פעטס טעגלעך.

שבת ראש־חודש פלעגן די ספרדים דאַוונען מיט אַ מנין. אַזוי ווי קיין מנין ספרדים זיינען נישט געווען, פלעגן זיי צורעכענען איינעם פון די אשכנזים, וועלכער איז צופעליק, צוליב קראַנקהייט, דעם טאָג פאַרבליבן אין באַראַק. אַזוי ווי אַלע זיינען זיי געווען אַריבער די 60ער האָט אפילו אַזאַ רשע ווי אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו, באַשעפטיקט זיי ביי אַרבעטן אין דער זאָנע. זיי פלעגן רייניקן די באַראַקן, העלפן צוגרייטן דאָס קרויט, אָנפירן וואַסער, צוגרייטן האָלץ און אַנדערע אַרבעטן פאַר דער לאַגער־קיך. ביים אַרבעטן אין דער זאָנע פלעגט מען זיך שוין קאָנען אויסקויפן ביים „נאַריאַדטשיק״ אויף אַ פּאָר שעה. די ספרדים האָבן באַקומען פון דער היים עפּעס אַזעלכעס, פאַר וואָס אונדזער היימישער גזלן, דער אוקראַאינישער כאָם ניעסטערענקאָ, איז געווען די כפרה דערפאַר: דאָס איז געווען דער אוזבעקישער „אוריוק״, געטריקנטע שעפּטאַלן אַזעלכע, פון וועלכע זיינע משרתים האָב פאַר אים געקאָכט קאָמפּאָטן.

ר׳ אברהם־חיים איז אָבער נישט געווען אָפּגעשלאָסן צווישן זיינע ספרדים. ער פלעגט אַרומגיין פון באַראַק צו באַראַק, און ווען מיר פלעגן צוריקקומען נאָך דער אַרבעט פאַרמאַטערטע, האָט ער פאַר יעדן איינעם עפּעס געבראַכט, מיט יעדן געשמועסט. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן די טענה, וואָס די ספרדים האָבן געהאַט צו אים: מה לך עם הכופרים בעיקר? (וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו מיט די נישט־גלויביקע?) ר׳ אברהם־חיים האָט אויף יעדן מלמד־זכות געווען, פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. נישט איינמאָל פלעגט ער איבערדערציילן דעם מדרש וועגן ר׳ עקיבא און פּופוס בן יהודה; ביידע זיינען זיי גענומען געוואָרן אין געפענגעניש דורך די רוימער און ווי פּופוס האָט שפּעטער אויסגעשריען — „אשריך ר׳ עקיבא שנתפסת על דברי תורה ואוי לו לפופוס שנתפס על דברים בטלים״. (וואויל איז דיר ר׳ עקיבא,

וואָס מ׳האָט דיך איינגעזעצט פֿאַר לערנען תורה, און ווי איז פּופּוסן, וואָס זיצט סתם אַזוי, פֿאַר גאָרניט).

אַז כהאָב אים איינמאָל געזאָגט: — ר׳ אברהם־חיים יקירנו, בזכותך אָנו חיים, (ר׳ אברהם־חיים טייערער, אין אייער זכות לעבן מיר), האָט ער זיך צעבייזערט און אַ געשריי געטאָן: — אני רשע מרושע ואני מצדיק עלי את היסורים ואתה נכדו של היהודי הקדוש, מובטחני שלא תמות בלי תשובה. (איך בין אַ רשע מרושע און איך באַרעכטיק מיינע יסורים. דו אָבער, ביסט אַן אייניקל פֿון ייד הקדוש. איך בין זיכער, אַז דו וועסט נישט שטאַרבן אָן תשובה). אָט דער ייד האָט געקענט דעם גאַנצן תהילים אויף אויסווייניק. ניט איין מאָל האָט ער, פֿאַר דעם און פֿאַר יענעם, איבערגעשריבן אַ קאַפּיטל תהילים און דערביי געזאָגט:

— בא וראה, אתה חפשי, כמה מן היופי פה? (זע, ביסט אפילו אַ פריי־געזאָגענער נאָר איבערצייגן זיך וויפל שיינקייט ס׳איז אין דעם פֿאַראַן!)

איך דערמאָן מיך אַזאַ פֿאַל:

עמיץ האָט אין אַ פּעקל פֿון דער היים באַקומען צוגעשיקט חזיר־פעטס, און ווי דער שטייגער איז אין לאַגער, עסט מען ניט אַליין, נאָר מען טיילט זיך מיט די אַרומיקע. אויף איינעם פֿון אונדז איז אויסגעפֿאַלן אַ שטיקל פעטס, וואָס איז ביי אונדז געווען אַ זעלטנהייט. מען האָט געאַרבעט אינדרויסן, אויפֿן פראָסט, דער אָרגאַניזם איז געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל פעטס. ס׳איז געווען אין עטלעכע יאָר אַרום, ווי אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו, האָט איינגעאָרדנט דעם לאַגער־פּונקט און די אַרבעט האָט פראָספּערירט. ער איז געווען צופרידן פֿון די דערגרייכטע רעזולטאַטן, האָט ער אָראָפּגענומען די האַנט פֿון האַרצן, און דערלויבט, אויסער דער אָפּיציעלער קיך, אויך אַ קיכל פֿאַר די אַרעסטירטע צו קאָכן פֿאַר זיך וואָס יעדער באַקומט פֿון דער היים.

די ספרדים זיינען דעמאָלט אויפגעריכט געוואָרן. זיי האָבן געקענט קאָכן די טרוקענע שפייזן, וואָס מען האָט זיי געשיקט פֿון דער היים. אין דעם קיכל זיינען אויך געווען גרויסע אַריינגייער די קאַזאַכן און אוזבעקן, מוסולמענער, וואָס עסן ניט קיין חזיר. זיי האָבן דאָרט געפּרעגלט זייער שעפּסן־פֿלייש, וואָס מען האָט זיי צוגעשיקט פֿון דער היים.

מאַכט זיך, אַז איינער פֿון אונדזערע יידן, פּרעגלט צו דאָס ביסל טריפה פעטס, וואָס ער האָט באַקומען. די מוסולמענער האָבן דערויף אָנגעוויזן ר׳ אברהם־חיימען מיט אַ טענה:

— זע, וואָס דיינע יידן טוען!

ר׳ אברהם־חיים, דער אָפּגעהיטער ייד, וואָס האָט אין לאַגער געפֿאַסט יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און אפילו בעת דער אַרבעט געזאָגט תהילים, האָט זיך צעשמייכלט צום יידן:

— קוק ניט אויף זיי; זיי זיינען רשעים. עס איז פּיקוח נפש ביי דיר. דו אַרבעטסט די שווערסטע אַרבעטן אויסער דער זאָנע, און קיינער שיקט דיר גאָרניט פֿון דער היים.

דער ייד איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון אברהם־חיימס גוטסקייט, אַז ער האָט ניט געוואָגט דאָס טריפות צו געניסן, ניט וועלנדיק מצער זיין דעם הייליקן יידן, ר׳ אברהם־חיימען.

אונדזערע ברידער, די ספרדים, זיינען די ערשטע ביי אונדז אין לאַגער באַפרייט געוואָרן. איך ווייס ניט, צי דאָ האָבן געהאָלפן משה בראָדערזאָנס אַפעלאַציעס, וואָס ער האָט פאַר זיי געשריבן (ער האָט געשריבן אַ וואונדער־לעכן רוסיש), צי דאָס, וואָס די באַשולדיקונג קעגן זיי איז געווען צו באַ־שיינפערלעך קאָמיש, און זיך געוואָרפן גליך אין די אויגן. ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די אַפעלאַציעס נאָך בעריאַס טויט, האָט מען זיי יעדן אַראָפּגענומען צו 20 פון זייערע 25 יאָריקע אורטיילן. פערזאָנען וואָס האָבן געהאַט בלויז אַ 5 יאָריקע שטראָף, זיינען אַמנעסטירט געוואָרן. אַזוי איז אויך באַפרייט געוואָרן ר׳ אברהם־חיים.

צום אַרויסגאַנג פון לאַגער האָבן אים באַגלייט ניט בלויז די עטלעכע צענדליק יידן, נאָר אויך נישט־יידן, וועלכע האָבן אין אים געזען דעם הייליקן „ראַווין אַבראַם". זיי האָבן אים געבעטן מתפלל זיין פאַר זיי, אַז אויך זיי זאָלן באַפרייט ווערן...

# די יידישע טאָכטער פון ריגע

„היינט איז ביי מיר אַ באַזונדערע שמחה: מיין זונעלע, מיין איינציקער, מיין טייערער ייִנגעלע ווערט היינט בר־מצווה. און אַזוי ווי ער איז נישטאָ מיט מיר, האָב איך זיין פאָטאָגראַפיע, וועלכע איך האָב שוין דורכגענעצט מיט מיינע קושן און טרערן, איינגעראָמט אויף דער וואַנט מיט קוויטן. יידישע פרויען זיינען מיר געקומען באַגריסן. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ היימישע שמחהלע. עטלעכע טעג האָבן מיר אָפּגעשפּאָרט פון עסן דאָס בעסטע פון דעם וואָס מיר האָבן באַקומען, און געלאָזן פאַר דער בר־מצווה פון מיין קינד, וועלכער איז אַזוי ווייט פון מיר, אַזוי ווייט... און ווער ווייס, צי איך וועל אים נאָך זען..."

דאָס איז איינס פון די בריוולעך, וואָס אַ יונגע יידישע פרוי פון לעטלאַנד האָט אונדז געשריבן פון איר לאַגער 040, וועלכער איז געווען סך־הכל 3 קילאָמעטער פון אונדזער לאַגער. אָט דאָס איבערשרייבן זיך האָט געקאָסט מער מי און ענערגיע ווי איבערשרייבן זיך פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. היות ווי זי לעבט איצט ערגעץ, וועלן מיר זי, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אָנרופן ראָזעלע.

040 איז געווען אַ שכנותדיקער פרויען־לאַגער־שפּיטאָל, אַ צענטראַלער שפּיטאָל אינעם סיסטעם פון טיישעטער „אָזעראָלאַג" *). אונדזער לאַגער 051

*) אָזעראָלאַג — אָסאָבאָ רעזשימני לאַגער — אַ לאַגער אונטער אַ באַזונדערס שטרענגן רעזשים.

האָט געהאַט עטלעכע קאָנטראַקטן מיט זיי. די שטאַרקסטע צווישן אונדז, איבערהויפּט יוגנט, זיינען אַהין געשיקט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן. מ׳האָט דאָרט אויסגעגראָבן אַ ברונעם און געבויט אַ נייע עלעקטראָ־סטאַנציע. ווי דער שטייגער פון דער יוגנט, האָט קיין צוים זיי ניט געקענט האַמווען, ניט אַנצוקניפּן קיין באַקאַנטשאַפט מיט די יונגע פרויען־בריגאַדעס, וועלכע האָבן באַדינט דעם שפּיטאָל. זיי טאַקע, האָבן אונדז געבראַכט דעם גרוס פון די עטלעכע יידישע פרויען, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט. צווישן זיי, ראָזעלע פון לעטלאַנד, וועלכע האָט געאַרבעט אין דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג ווי אַ פאַרמאַצעווטין. ראָזעלע האָט פאַר אַ פּעקל מאַכאָרקע אָדער אַן אַנדער מתנה, וואָס זי האָט שוין ערגעץ „אויסגעגראָבן” און געשענקט אונדזערע יאָבן, געפּועלט ביי זיי, אויסצוגעפינען אַ יידן פון לעטלאַנד, דאָס איז געווען דער שרייבער ר.

באַלד האָט זיך פאַרקניפּט אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן ראָזעלען מיטן שרייבער ר., אין וועלכער עס האָבן אַנטיילגענומען אַלע יידישע שרייבער אין אונדזער לאַגער. ר. האָט אין זיינע לאַנגע בריוו אַריינגעלייגט זיין גאַנצן טאַלאַנט, אָבער ראָזעלע האָט אין אירע בריוו אַרויסגעוויזן נישט ווייניקער טאַלאַנט. אָט די וואונדערלעכע יידישע טאָכטער פון לעטלאַנד האָט געשריבן אַ האַרציקן, פיינעם יידיש און געהאַט אַ געניי בילד וועגן דעם גרויסן חורבן פון דער יידישער קולטור און אירע בויער. אָבער מאָדנע, וואָס פאַר אַ הייסער פלאַם פון גלויבן עס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אירע האַרציקע בריוו! אַפּשר־מאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס שרייבט ניט אַזאַ האַרציקע ליבהאָבערין פון יידישן וואָרט און באַגייסטערטע פאַרערערין פון יידישע שרייבער, נאָר אַ מאַמע, אַן אמתע מאַמע, וואָס טרייסט אירע קינדער. ראָזעלע איז געוואָרן ביי אונדז אַ שם־דבר מיטן שטענדיקן אינטערעס:

— וואָס האָט ראָזעלע געשריבן? — אָט די מאָדערנע „אדל־קוקעניש” *)

— האָט מיך דערמאָנט אין אַ צווייטער ענלעכער פרוי, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין מיינע וואָלגענישן איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געווען איז דאָס אין יאַנואַר חודש פון 1942טן יאָר, אין צווייטן מלחמה־יאָר, ווען איך בין מגולגל געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין נאָוואָ־סיבירסק, נאָך אַ שווערער טראַוומע אין אַן אויג, אינעם אַרבעטס־באַטאַליאָן. די אויגן־קליניק אין וועלכע איך האָב זיך געפונען, איז געווען ניט ווייט פון דער לאַרינגאָלאָגישער אָפּטיילונג. איך בין שוין דאָרט געווען אַ פּאַציענט, וואָס דערהאַלט זיך נאָך אַ קאָמפּליצירטער, אָבער זייער געלונגענער אָפּע־ראַציע, וואָס עס האָט דורכגעפירט איבער מיין אויג דער יידישער פּראָפעסאָר קאַלען. שפּאַצירנדיק איינמאָל איבערן קאָרידאָר פון שפּיטאָל, האָב איך באַ־געגנט אַ שלאַנקע פרוי מיט אַן אַריסטאָקראַטישן יידישן געזיכט. די פרוי איז געשטאַנען אויסגעדרייט צום פענצטער און געשטיקט אין זיך די

*) אָדל־קוקעניש — אַ לעגענדע וועגן אַ יידישער פרוי, אַ מאַרטירערין פאַר איר ריינקייט און צניעות.

טרערן. ווען איך האָב מיט איר פאַרפירט אַ שמועס און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ ייִד, האָט זי אויפגעצאַפּלט און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ.

זי האָט געשטאַמט פון ווין. אירע עלטערן זיינען געווען שטרענג רע־ליגיעז, און אין דעם גייסט האָבן זיי דערצויגן זייער הויך־געבילדעטע טאָכטער. ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט ווין, האָט זי צוזאַמען מיט איר מאַן, אַן אינזשעניער, זיך עוואַקואירט קיין סאָוועט־רוסלאַנד. נאָר גלייך אין ערשטן מלחמה־יאָר האָט מען זי צוזאַמען מיט איר מאַן און קליין טעכטערל, פאַר־שיקט קיין סיביר אין אַ לאַגער, ווי פאַרדעכטיקע עלעמענטן. זייערע טענות, אַז ווי ייִדן, האָבן זיי ניט קיין שום שייכות מיט די נאַציס, האָבן ניט געהאָלפן. אין לאַגער איז איר קינד קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער האַלדז־קראַנקהייט און איז געשטאָרבן. איר האָט מען דערלויבט צו זיין מיטן קינד, ווערנדיק באַגלייט פון אַ קאָנוואָי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים טיר פון שפּיטאָל־צימער. און אָט איז ערשט פרייטאָג־צונאַכטס, דאָ אין פינצטערן לאַגער; די פרוי ביטערט אויף איר איין־און־איינציק קינד, וואָס איז נעבעך אומגעקומען — און זי שטיקט אין זיך די טרערן — שבת טאָר מען ניט וויינען. עפּעס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט, אַז דאָס ביטערט אַזוי די מוטער רחל אויף אירע פאַרוואָגלטע קינדער. וויפל יאָרן עס זיינען אַוועק, און דאָס בילד פון דער פרוי שטייט מיר נאָך אַלץ פאַר די אויגן נישט צו פאַרגעסן. ראָזעלע, די פאַרוואָגלטע ייִדישע טאָכטער פון לעטלאַנד, האָט מיך דערמאָנט אין אָט דער פרוי.

מיר האָבן ראָזעלען רעגולער געענטפערט אויף אירע בריוו. ווען מ׳האָט גענומען באַזונדערס שטרענג באַזוכן די בריגאַדעס ביים אַרויסגיין פון לאַגער אויף דער אַרבעט און ביים צוריקקומען, האָט מען זיך געקליגלט און מ׳האָט די בריוו גוט באַהאַלטן אין די כאָמוטן פון די פערד, וועלכע האָבן געפירט דאָס וועסקצייג צו דער אַרבעט.

ראָזעלע האָט זיך די לעצטע צייט געקלאָגט, אַז אין לאַגער וואו זי איז, פאַרפאָלגט איר אַן אינזשעניער פון רענטגען־אָפּטיילונג, אַן אוקראַינישער אַרעסטאַנט מיט פּריווילעגיעס נישט געפירט צו ווערן פון אַ קאָנוואָי. ער איז אין איר פאַרליבט — האָט זי אונדז געשריבן — אָבער זי האָט, ווי אַ ייִדישקע, אָפּגעשטויסן זיינע גוטע רייד. אויף איר האָט אויך געלויערט מיט זיין „ליבע״ איינער פון דער נאַטשאַלסטוואָ פון איר לאַגער. אַזוי ווי זי האָט זיך אויף אים קנאָפּ וואָס אומגעקוקט, האָט ער גענומען גראָבן אונטער איר און אויסגעזוכט פאַרשיידענע בלבולים, כאָטש זי איז געווען איינע פון די אויסגעצייכנטסטע פאַרמאַצעווטן אויף דער גאַנצער ליניע פון די טיישעטער לאַגערן.

ראָזעלעס בריוו זיינען געווען טרויעריקע אָבער פול מיט שטאָלץ. זי האָט אונדז צו וויסן געגעבן, אַז מען נעמט זי אַראָפּ פון דער אַרבעט און מען פירט זי אַריבער אין אַ צווייטן לאַגער אויף שווערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. זי איז גליקלעך דערפון — האָט זי אונדז געשריבן, — באַפרייענדיק

זיך אַזוי אַרום, פון די צווֹי מענער, וועלכע האָבן איר דאַקוטשעט מיט זייער ליבע.

אויך שפּעטער ווען זי איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַגער, האָט ראָזעלע באַוויזן מיט אַ געלעגנהייט אונדז אַריינצוואַרפן אַ בריוועלע פון איר פאַרשיקונג. זי איז באַפרייט געוואָרן אַ שטיק צייט פאַר אונדז, נאָך אין אַנהייב 1955טן יאָר; עס איז דאַן אַרויס אַ געזעץ, אַז די פּאָליטישע און קרימינעלע פאַרברעכער, וועלכע זיינען אָפּגעזעסן צווֹיי דריטל פון זייער שטראָף און נישט באַגאַנגען דורך דער צייט קיין פאַרברעכנס — ווערן באַ־פרייט. אָבער באַפרייט ווערן הייסט נאָך נישט אומקערן זיך אַהיים. דער גרעסטער טייל פון די באַפרייטע איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר ווי „פּעריסעלענצעס” (פאַרשיקטע איבערזידלער). זיי זיינען טאַקע אין קיין לאַגער ניט געזעסן, אָבער די טעריטאָריע פון זייער פאַרשיקונג איז געווען באַגרענעצט און אויסער דער געגנט האָבן זיי קיין רעכט נישט געהאַט אַרויסצופאָרן.

## מיט בינעזער

די לאַגע פון די פאָר צענדליק יידן אין לאַגער, איז ווייט ניט געווען די בעסטע. מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין שיקאַנעס און פאַרשיידענע שטעך־ווערטלעך אויף אונדזער חשבון. האָט אַמאָל זיך געמאַכט, אַז אַ ייד איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ בריגאַדיר און אַ דאַנק זיינע פעיאיקייטן האָט מען גוט פאַרדינט און וויניקער געאַרבעט — האָט מען שוין אויסגעזוכט אויף אים כלערליי זינד ביז ער איז אַראָפּגענומען געוואָרן.

צוליב איין זאַך האָבן אונדז אַלע אָבער מקנא געווען, דאָס איז געווען — צוליב אונדזער אחדות. וואָס אַן אמת, יידן האָבן זיך אָפט געאַמפּערט צווישן זיך, געקריגט אפילו, ס׳זיינען דאָך געווען מענטשן מיט די קעגנזעצלעכסטע אַנשויאונגען: פון גאָטספאָרכטיקע רבנים ביז פאַרטייער־קאָמוניסטן. אַ טייל האָבן שוין געהאַט עפּעס געלערנט פון דעם איבערגעלעבטן און אַנדערע זיינען נאָך אַלץ געווען פאַרגליווערט אין זייערע דאָגמעס און געהאַלטן אַז אַלץ, וואָס מען טוט פון „אויבן” איז די גערעכטיקייט אַליין. פאַר דער אויסערלעכער סביבה האָבן אָבער די יידן זיך געהאַלטן געאייניקט. „געקניפּט די באַקן און געשטעלט די פאַרבן”. פלעגט זיך טרעפן אַמאָל אַ צרה מיט אַ יידן, עפּעס אַ קראַנקהייט, האָט יעדער יידישער אַרעסטאַנט אָפּגעשפּאָרט פון זיך און גע־טראָגן צו אים אין „סטאַציאָנאַר”, אינעם לאַגער־שפּיטאָל. האָט זיך ביי אינעם געמאַכט אַ קריגעריי מיט זיין בריגאַדיר, האָבן די יידישע מייסטער פון דער גרויסער שניידער־פאַבריק (גרויסע מיוחסים געווען אין לאַגער), זיך איינגעשטעלט פאַרן געקריוודעטן ביי נאַטשאַלסטוואַ, און מ׳האָט דעם יידן אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער בריגאַדע.

די 19 נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער לאַגער, האָבן אונדז טאַקע מקנא געווען.

אפילו די גוט־אָרגאַניזירטע גרופּע אוקראַינער, זיינען ניט געווען אַזוי צוזאַמענגעבונדן. אמת, מען האָט זיך ביי זיי אויך געמעגט עפּעס לערנען: קאָנספּיראַציע, ווי אַזוי צו האַלטן אַ סוד, מאַכן אַ שטרייק, אָפּטאָן שפּיצלעך נאַטשאַלסטוואָ. זיי האָבן אָבער צווישן זיך שטענדיק זיך אַרומגעהרגעט און פלעגן מיט קנאה אָנווייזן אויף אונדזער אחדות ווי אַ ביישפּיל:

— אָט ווער ס'איז פאַראייניקט!

פון די דייטשן איז דאָך אָפּגערעדט. מיט זיי גיין אין עפּעס אַן אַקציע איז געווען זייער שווער. אויפן פּנים האָבן זיי שטענדיק געהאַט אַ גרייטן שמייכל, געווען העפלעך, אָבער ווען מ'האָט עפּעס געדאַרפט אונטערנעמען קעגן דער לאַגער־נאַטשאַלסטוואָ (איבערהויפּט שפּעטער, נאָך סטאַלינס טויט, ווען אַזעלכע שריט זיינען געוואָרן אָפטער), האָט מען זיי צום „מניך" ניט געקאָנט צורעכענען. יעקע איז געוואוינט צו דיסציפּלין. בונטעווען זיך איז ניט פאַר זיי. אַזוי ווי זיי האָבן פּינקטלעך אויסגעפירט די באַפעלן פון זייער „פירער", אַזוי איז אויך די באַפעלן פון נאַטשאַלסטוואָ ביי זיי געווען הייליק...

אַ צווייט פאָלק, וואָס האָט אין לאַגער זיך געהאַלטן צוזאַמען און אַרויס־גערופן צו זיך סיי מיטגעפיל און סיי אַכטונג, זיינען געווען די כינעזער. מערסטנס זיינען דאָס געווען געוועזענע רייכע לייט, וואָס זייער חטא איז געווען, אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן פאַרערונג צו טשאַן־קאַי־שעקן, צו הויכע אָפיצירן פון טשאַן־קאַי־שעקס אַרמיי. ס'האָבן אָבער אויך נישט געפעלט צווישן זיי קיין פּשוטע פאָלקס־מענטשן.

אין אַלע לאַגערן וואו איך בין נאָר געווען, האָב איך געטראָפן די כינעזער ביי „זייער" מלאכה: וועשעריי און באָד־אַרבעט.

מיט זייער אומקענטשאַפט פון דער רוסישער שפּראַך, האָבן זיי צו זיך אַרויסגערופן רחמנות. זיי זיינען אין דעם פּרט פּשוט געווען אומבאַהאָלפן, און טיילמאָל אפילו נישט פאַרשטאַנען די גראָבע באַליידיקונגס־ווערטער, וואָס פלעגן זיך שיטן איבער זייערע קעפּ פון די פאַרשיידענע צעבאַלעוועטע „אויפ־זעער" און כאַמסקע נאַטשאַלניקס.

די אַרבעט אין דער וועשעריי איז געווען אַ געבוג שווערע. דאָס זעלבע אין דער לאַגער־באָד. מיט וואַסער האָבן זיי זיך אַליין געמוזט באַזאָרגן. טראָגן וואַסער פון דעם ברונעם יעדן טאָג אין די שווערע ווינטער־חדשים, ווען דאָס אייז איז אַרומגעקאָוועט, איז גאָר ניט פון די לייכטע אַרבעטן. זיי האָבן אָבער שטילערהיידט און זייער פלייסיק געטאָן זייער אַרבעט און דער לאַגער איז אַלעמאָל געווען צופרידן פון זייער אַרבעט. דער איינציקער פאַרגעניגן אין לאַגער — די באָד, איז שטענדיק געווען גרייט צו דער צייט. אין די פראָסטיקע טעג איז די אָנגעהייצטע באָד געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָנגעוואַרימט די ביינער.

אין די הייסע זומער־חדשים, ווען די קליינטשינקע פליגעלעך, די מיקן „מאָשקאָ", פלעגן פּייניקן די לאַגערניקעס, זיך איינזויגן אין געזיכט און בייסן ביז געשווילעכץ, האָבן די כינעזער באַזונדערס אַרויסגעוויזן זייער געדולד:

יעדן פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז מען צו זיי געקומען אין באָד אַרומצו־וואַשן די פּנימער פֿון דער קלעפּיקער סמאָלע. קיינמאָל האָט מען פֿון זיי ניט געהערט קיין הויך וואָרט אָדער געבייזער.

ווען ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז מען האָט ניט געקאָנט געפֿינען קיין קוכער פֿאַר אונדזער לאַגער־„סטאָלאָווע", ווייל די קוכערס זיינען טעראָריזירט געוואָרן דורך די קרימינעלע פֿאַרברעכער, וועלכע האָבן צוגערויבט פֿון דער קיך דאָס לעצטע ביסל פֿעטס, וואָס איז געווען צוגעטיילט — האָט מען אַראָפּ־גענומען פֿון דער וועשעריי אַ כינעזער און אים געמאַכט פֿאַר אַ קוכער. קולינאַרן זיינען זיי געווען ערשטקלאַסיקע, וואָלט נאָר געווען פֿון וואָס צו קאָכן. זיי האָבן אָבער אַזוי קאָמבינירט מיט דעם ביסל גאָרניט אַז דאָס עסן איז געווען געשמאַק און יעדן טאָג עפּעס אַנדערש. די געזאָלצענע הערינג פֿלעגן זיי פֿריער אויסווייקן, צוגעבן דערצו הייזון, און ס'האָט זיך באַקומען געזייערטע הערינג. דאָס ביסל האָבער־קאַשע פֿלעגן זיי אויסבאַקן און שניידן אין פֿעניצלעך און באַגיסן מיט אַזאַ צוגעברענטן מעל־סאָוס. זיי פֿלעגן אויך ניט זשאַלעווען ווען עמיצער האָט געבעטן צובאַקן דאָס קלעפּיקע ברויט אויף דער קיך. מיט די גנבים האָבן זיי זיך אויך אָן עצה געגעבן. דערביי האָט זיי שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן זייער אחדות. יעדן אויפֿדערנאַכט פֿלעגן אַראָפּ־קומען אויף דער קיך אַנדערע כינעזער און האַלטן דיזשור, אָפּהיטן דעם קוכער מען זאָל אים ניט באַפֿאַלן.

נאָך אַ חזקה האָבן די כינעזער געהאַט אין די לאַגערן: דעם „קיפּיאַטאָק", דאָס אויפֿקאָכן וואַסער אויף טיי. קיין „סענץ" (טיי צו פֿאַרבריען) האָט מען קיינמאָל ניט געגעבן, אָבער זיי האָבן פֿון צוגעברענטע קאַשטאַנעס געמאַכט אַזאַ מין ציקאָריע, וואָס האָט דאָס הייסע וואַסער געגעבן אַ טעם. אין גרויסע פֿרעסט פֿלעגט מען גיין צו די כינעזער אין „קיפּיאַטילקע" זיך אָנוואַרעמען. דערביי פֿלעגן אונדזערע אַרעסטאַנטן גוטמוטיק אַ שפּאַס־טאָן מיט אַ כינעזער, און אים אַ פֿרעג טאָן פֿאַרוואָס ער זיצט. זיין ענטפֿער איז געווען:

— „יאַ טשפּיאָן!" (איך בין אַ שפּיאָן!).

די מערהייט כינעזער האָט מען טאַקע פֿאַרמשפּט ווי „שפּיאָנען" און קיין קלענערע שטראָף פֿון 10 יאָר האָט כמעט קיינער פֿון זיי נישט באַקומען. באַזונדערס האָט דער עולם זיך געקוויקט מיטן כינעזער ליי־פּו. אָט דער ליי־פּו איז אַמאָל געווען אַ הויכער אָפֿיצער אין טשאַנג־קאַי־שעקס אַרמיי. ווי אַ סך אַנדערע כינעזער, איז ער פֿון פּעקין פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַ סאָוועטישן לאַגער. צוזאַמענגערעדט מיט אים האָבן מיר זיך מיט דער הילף פֿון די געוועזענע רוסישע עמיגראַנטן פֿון כאַרבין, מוקדען און אַנדערע מאַנדזשורישע שטעט, וואָס זיינען ביי אונדז געזעסן אין די הונדערטער.

ל י ־ פּ ו איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש און ער האָט זיך גוט אָריענ־טירט אין אַלץ וואָס קומט אַרום אים פֿאַר. ער איז געווען אַ מין „בראַווער סאָלדאַט שווייק" און אַפֿילו איבערגעכיטרעוועט יעדמילאָון, וועלכער האָט אים געשיקט אויף אַרבעט אויסער דער לאַגער־זאָנע. אַ מאַן פֿון קנאַפּע 70 יאָר, איז ליי־פּו נאָך געווען גאַנץ זשוואַוועע און ווי אַלע כינעזער זיך געפֿאַרעט

אין דער וועשעריי. ער פלעגט פריילעך מאַכן דעם עולם, נאָכמאַכנדיק ווי אַזוי דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אים „געמאַכט פאַר אַ שפּיאָן", און די לאַגערניקעס האָבן געקייכט פאַר געלעכטער. ווייזט אויס, אַז עמיץ האָט וועגן דעם דערטראָגן צו יערמילאָוון און דער סאַטראַפּ האָט זיך איינגעעקשנט: ער מוז לי־פון שיקן אויף אַרבעט אין וואַלד, ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער אַלטער כינעזער איז כמעט געווען בלינד. אָבער אַלע איבעריקע כינעזער האָבן זיך צעבונטעוועט. אויב מען נעמט אַראָפּ לי־פו — האָבן זיי געדראָט — וועלן זיי אָפּשטעלן די גאַנצע אַרבעט אין דער קיך, אין דער וועשעריי און אין באָד! און דער לאַגער־נאַטשאַלניק, יערמילאָוו, האָט געמוזט נאָכגעבן. די אחדות פון די כינעזער האָט אים באַזיגט.

## בעתן בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים

ווייסט אים דער רוח, פון וואַנען אונדזער „נאַריאַדטשיק" ניעסטערענקאָ, האָט פּלוצלונג דערשנאַפּט די געשיכטע מיט דעם בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים אין מאָסקווע. דאַכט זיך, ער לייענט קיינמאָל ניט קיין צייטונג? וואָס גייען אים אָן די צייטונגס־נייעס? ער באַדאַרף אַ צייטונג בלויז אויף איינצוויקלען די „מתנות", וועלכע ער באַקומט פון די אַרעסטאַנטן, וואָס טיילן מיט אים זייערע פּעקלעך פון דער היים, כדי זיך אויסצוקויפן פון שווערער אַרבעט. צייטונגען קומען בכלל אָן אין לאַגער מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג און ניעסטערענקאָ מישט זיך נישט אין טשאַרניס „מלוכה".

טשאַרני קיניגט איבער דער „ק.וו.טש." *). ער אַרדנט דאָס איין אין לאַגער די קאָנצערטן; גיט אַרויס צו מאָלן לאָזונגען וועגן „סטאַכאַנאָווישער אַרבעט"; ער פירט דאָס אונטער די סך־הכלען אין די „סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונגען" פון בריגאַדע מיט בריגאַדע; ער קויפט איין אַ פאַר ביכלעך פאַר דער לאַגער־ביבליאָטעקל און דער עיקר — ער היט דעם חשבון, ווער עס באַקומט פּעקלעך פון דער היים. אוי היט ער דאָס! ווי נאָר די פור ברענגט די פּעקלעך פון דער פּאָסט, הייבט זיך תיכף אָן אין צימער פון דער ק.וו.טש., אין דער אָנוועזנהייט פון אַ וועכטער, דאָס דורכנישטערן די פּעקלעך פון „קראַמאָלע": בריוולעך, צעטעלעך מיט „פאַרדעכטיקטע" צושריפטן אָדער סתם „שיפערן". אַ שיפער הייסט ביי אים אפילו אַ פּעקל שוועבעלעך, אויף וועלכער עס איז צוגעקלעפּט דאָס געווייגלעכע בלעטעלע, וואו עס איז אויסגעמאָלט דער קרעמל־זייגער וואו די ווייזערס שטייען אויף 10 מינוט נאָך 12. דוכט זיך וואָס? דאָס דאָזיקע בילדל גייט דאָך אויף מיליאָנען פּושקעלעך, און הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען בירגער קויפן דאָס. אָבער דאָ, אין לאַגער, קען דאָס אויך פאַררעכנט ווערן צווישן די „געהיימע צייכנס און אָנווייזונגען"

*) ק. וו. טש. — קולטורנאָ וואָספּיטאַטעלנאַיאַ טשאַסטש — קולטורעלע און איבערדערציערישע אָפּטיילונג.

— ווי אַזוי צו אַנטלויפן. און אַזעלכע פּושקעלעך שוועבעלעך ווערן „קאַנ־פיסקירט מיט די אַנדערע „געפערלעכע זאַכן".

אָבער דאָס איז ניט דער עיקר: אין די פּעקלעך זיינען אויך פאַראַן גוטע זאַכן. מענטשן אויף דער פריי דערעסן ניט און שיקן זייערע נאָענטסטע פאַמי־ליאַרן, פאַראַן קאַקאָא, פּוטער. פון אוזבעקיסטאַן שיקט מען זיסלעך־זויערן אוריוק.

לאַגערניקעס, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַן אויספּאַרשער, ווייסן, אַז מען קאָן דיר אַשטייגער באַשולדיקן, אַז דו האָסט געוואָלט אונטערציינדן דעם קרעמל; עמיצן הענגען אָדער שיסן; אַז דו ביסט אַן אַגענט פון איין אויסשפּיר־דינסט אָדער פון גאַנצע פינף און — „דאָקאַזשי טשטאָ טי ניע ווערבלוד" — (דערוויז, אַז דו ביסט ניט קיין קעמל...).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים האָבן די אַנטיסעמיטן אין לאַגער גלייך אויפגעהויבן זייערע קעפּ: אויף יידן קען מען אַלץ גלויבן! אָט די פאַרשוינען האָבן געהאַט גרויס הנאה פון דער געשיכטע. פּעטקע, דער „באַנדעראָוויעץ" האָט זיך געהיצט:

— כ'האָב געוואוסט, אַז נאָר יידן וועלן מאַכן אַ סוף מיטן קאָמוניזם. זיי האָבן אים אויפגעשטעלט און נאָר זיי וועלן אים פאַרענדיקן. מיר, ברי־דערלעך, האָבן צו שוואַכע פליַיצקעלעך... אָבער די גרעסטע „אויפרעגונג", „כעס" און „פאַרביטערונג" האָבן גאָר אַרויסגעוויזן די „בלאַטע" לייט, די אונטערוועלט־מענטשן, וואָס זיינען דורך אַ צופאַל אַריינגעפאַלן ווי פּאָליטישע. אין זיי האָט געברענט די שנאה, וואָס מען האָט זיי געמשפּט לויטן פּאַראַגראַף 58 — קאָנטער־רעוואָלוציע.

— געהערט אַ חוצפּה? ז י י, דאַרפן זיצן צוזאַמען מיט די פאַשיסטן, וואָס זיינען קעגן דער סאָוועטסקער וולאַסט!

ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט, געפינען זיי פאַר נייטיק אונטערצו־שטרייכן זייער איבערגעבנקייט דער ראַטנמאַכט. זיי זיינען קנעפּל שב'קנעפּל מיטן „גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק" און פּילן אויס זיינע אָפענע און געהיימע אויפגאַבן און באַפעלן. נאַטשאַלסטוואָ באַשטימט זיי דערפאַר פאַר בריגאַדירן, נאַריאַדשיקעס, פאַרוואַלטער פון די פאַרשיידענע סקלאַדן און מאַגאַזינען. מען דערלויבט זיי אָפט צו האָבן אַ „גריוועקע" און טראָגן די אייגענע שטי־וועלעך אַנשטאָט די סטאַנדאַרטנע גומענע „טשונעס", וואָס ווערן פּראָדוצירט אין די שוסטעריי־וואַרשטאַטן אין לאַגער. די „טשונעס" זיינען אַ מין טיפער קאַלאָש, וועלכן מען קאָן צונויפשנורעווען. זיי ווערן אויסגעאַרבעט פון אָפּגענוצטע גומענע מאַשין־רעדער.

דער בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים, איז פאַר די קרימינעלע פאַר־ברעכער ממש אַראָפּגעפאַלן פון הימל. — די ידעלעך, די יידעלעך... — האָבן זיי געהאַלטן אין איין העצן — ניט אומזיסט זיינען זיי דאָ פול. די גאַנצע צייט האָט מען זיי ניט אַנגעזעצן אין די לאַגערן, ק אַ ג אַ נ אָ ו ו י ט ש האָט זיי שטענדיק באַשיצט. אָבער איצט איז געקומען זייער סוף. איר זעט ווי מען האָט זיי געכאַפּט ווי שפּיאָנען און אַלעמען איינגעזעצט?

דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז אויך גנבים צו גנבים זיינען נישט אַלע גלייך. פאַראַן פאַרשיידענע „קאַטעגאָריעס", וועלכע פירן צווישן זיך אַ קאַמף. די „ערלעכע גנבים", די „טשעסניאַקעס", האַלטן זיך ביי זייער „זאַקאָן". און זייער „געזעץ" דערלויבט זיי ניט, אין אַרעסט, מיטצואַרבעטן מיט נאַטשאַל־סטוואָ קעגן אַנדערע אַרעסטאַנטן. זיי ווערן ניט קיין בריגאַדירן און איזדיע־קעווען זיך נישט איבער די פּאָליטישע, אויב יענער רירט זיי נישט אָן. די „אורקעס" דאַקעגן, דאָס זיינען פאַרברעכער, וואָס שפּילן אין לאַגער די ראָל פון אַזוינע, וואָס גייען מכלומרשט אויף אַ גוטן וועג. אַליין אַרבעטן זיי טאַקע ניט, אָבער זיי ווערן „אַרבעטס־אָרגאַניזאַטאָרן", און ווי איז צו דעם פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וואָס פאַלט אונטער זייער „אָרגאַניזאַציע־מעטאָדן".

צו אונדז אין לאַגער זיינען נישט אַריינגעפאַלן די „ערלעכע גנבים", נאָר בלויז די „אורקעס". אַשטייגער אונדזער „נאַריאַדטשיק" ניעסטערענקאָ, כאָטש ער גילט פאַר אַ „פּאָליטישן" (ער איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר מיליטערישן פאַרראַט, פאַר מיטאַרבעט מיט די היטלעריסטן), איז אויך געווען אַן „אורקע". מיט די אורקעס איז ער געווען דער בעסטער כאַוער־לאַפ. ער האָט זיי ניט געשיקט אויף דער אַלגעמיינער אַרבעט און באַזעצט אויף די בעסטע לאַגער־פּאָסטנס. דער בלבול איז פאַר ניעסטערענקאָן געווען אַ סיגנאַל, אַז מען מעג שוין טאָן מיט די ייִדן, וואָס מען וויל. אַז דער שטילער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן מען האָט ביז אַהער נישט אַרויסגעבראַכט, ווייל מען קען קיינמאָל נישט וויסן „ווי די לאַגע קען זיך ענדערן", האָט זיך אַצינד אַרויס־געריסן פון זיינע פּענטעס אויף דער פריי. ניעסטערענקאָ האָט שוין אפילו באַזאָרגט, מען זאָל קויפן די אירקוטסקער ציטונג און זי פאַרשפּרייטן איבער די באַראַקן.

אין קאָפּ ביי ניעסטערענקאָן איז געבוירן געוואָרן אַ טייוואָלאַנישער פּלאַן: ער האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ באַזונדערע ייִדישע בריגאַדע. לשם האמת, דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין לאַגער האָט מען קיינמאָל ניט אויסגעטיילט קיין ייִדן באַזונדער. מען האָט ייִדן פיינט געהאַט און געהערט אויף זייער חשבון גענוג שטעכווערטלעך, אָבער די אַרעסטאַנטן פון די 19 נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער, האָבן געליטן צוזאַמען און געטראָגן דעם יאָך צוזאַמען. טיילמאָל איז אונדז אפילו געווען פריקרע, ווי מען וואָלט איינגענומען ריצנאַייל: אַ ייִד ליגט אויף דער נאַרע, און האַרט ביי זיין זייט ליגט אַן עס.־עס.־מאַן, וואָס האָט אפשר געהאָלפן אומברענגען זיינע נאָענטסטע און ליבסטע. אָבער דאָ, אין דער לאַגער־זאָנע, מאַכן שלום פייער מיט וואַסער. אַ טערק שלאָפט נעבן אַן אַרמענער (אויך אייביקע דם־שונאים!). אַ פראַנצויז נעבן אַ דייטש. אַן אוקראַאינער נאַציאָנאַליסט נעבן אַ רוסישן ווייסגוואַרדייער. אַלע האָבן דאָ די זעלבע אַרבעטס־נאָרמעס און אַלע גיבן אָפּ זייער כוח און געזונט זיי אויסצופירן. אפשר האָט עמיץ געוואָלט וועמען אויסטיילן, אָבער מען האָט מורא געהאַט. דאָ בייטן זיך די לאָזונגען יעדן מאָנטאָג און דאָנערש־טאָג, היינט אַזוי — מאָרגן אַנדערש. אָבער איצט, ווי אַ מלאך אַליין וואָלט אונטערגעזאָגט אונדזערע „גוטע פריינד" — מען מעג שוין!

ניעסטערענקאָ האָט שוין אפילו צונויפגעשטעלט דעם צעטל פון אַ „יידישער בריגאַדע“ און עס איבערגעגעבן דעם נאַטשאַלניק יערמילאָוון צו באַשטעטיקן. אין צעטל האָט נישט געפעלט קיין איין ייד אין לאַגער. ער וועט אַצינד באַווייזן וואָס ער קאָן, ער וועט אפילו די אַלטע לייט צווינגען אַן אַרבעט צו טאָן ווי געהעריק. זיי וועלן ביי אים שלעפן קלעצער, גראָבן גריבער, ער וועט נאָכמאַכן דאָס זעלבע, וואָס די היטלעריסטן האָבן מיט זיי געטאָן. יידן וועלן זיין אויסערן געזעץ. אונדזער לאַגער־נאַטשאַלניק יערמילאָוו, אַן איבעריקע סימפּאַטיעס צו יידן, מער מ ע נ ט ש ן ־פיינט ווי יי ד ן־פיינט, האָט שוין פאַראייניוועגנס גענומען אויסלאָזן זיין כעס צו אונדזער אוקראַיִנישן דאָקטאָר ס.

## די „יידישע בריגאַדע“ און דער סוף פון די אַנטיסעמיטן

דער דאָקטאָר ס. האָט אָבער פונקט אַזוי ליב געהאַט מענטשן, ווי דער לאַגער־נאַטשאַלניק יערמילאָוו האָט זיי פיינט געהאַט. דער דאָזיקער גוטער דאָקטאָר און טייערער מענטש, האָט ניט געקוקט אויף יערמילאָווס אַלע דראָונגען, באַפרייט פון דער שקלאַפן־אַרבעט, וויפל נאָר ער האָט אין די באַדינגונגען געקאָנט.

דער דאָקטאָר ס. האָט יערמילאָוון דערקלערט פשוט און קלאָר:

— איר קאָנט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט, אפילו אָפּשיקן אויף אַלגע־מיינער שווערער אַרבעט צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן — אָבער איך וועל ביז דאַן טאָן מיין חוב ווי אַ דאָקטאָר: — היילן די קראַנקע מיט מעדיצין און מיט דעם נייטיקן אָפּרו.

אַציגד האָט יערמילאָוו געגעבן אָנצוהערענישן דעם דאָקטאָר ס., אַז ער ווערט אויס יחסן:

— מיר וועלן אין גיכן דאָ האָבן דאָקטוירים פון מאָסקווע, אפילו פּראָ־פעסאָרן וועלן נישט אויספעלן! לייען די צייטונגען און דו וועסט זען, וויפל אַזעלכע יידן זיינען שוין אַרעסטירט געוואָרן. אַלע וועלן זיי געשיקט ווערן אַהער אין לאַגער און וועלן אַריינפאַלן אין מיינע הענט...

און ביי אונדז, יידישע אַרעסטאַנטן, איז געווען תשעה באב. מיר זיינען דאָך אין אַ „ספּעצ־לאַגער“, און אַז מען פאַלט אַהער אַריין — האָט דאָס אין יענע יאָרן געהייסן — וועסטו שוין אָנקוקן די פרייהייט, אַזוי ווי דיינע אויערן; מען זיצט אָפּ איין טערמין און — מען פאַרשיקט אויף אַ צווייטן. אָבער גיין דאָ אין אַ באַזונדערער „יידישער בריגאַדע“, דאָס איז שוין געווען אַ שווערע ביים, אפילו פאַר די באַדינגונגען אין אַ „ספּעצ־לאַג“. עס איז פון פאָרויס געווען קלאָר, אַז ניעסטערענקאָ וועט שוין זען, אַז די יידן זאָלן האָרעווען מער פון אַלעמען און לעבן אויף אַ „שטראַפנאָי פּאַיאָק“ (אַ פאַרקלענערטע שטראָף־פּאָרציע). דאָס וועט געוויס געבן די געווינשטע רעזולטאַטן: דאָס פעלד, ביים קליינעם וועלדל אַנטקעגן־איבער דער באַן־ליניע, וועט פול ווערן מיט

פרישע קברים־בערגלעך. און די פאַרשוואונדענע יידן וועלן דאָרט „פאַר־אייביקט" ווערן אין די אויף שנעל אַריינגעשטעקטע ברעטלעך: 718 יאָ. 387 ג. 914 א...

וואָס טוט גאָט? איז ער זיך נוקם אין אונדזער שונא ישראל, ווי אין המנען פון דער מגילה און מיר, יידן, פראַוועט אַ שמחת פורים. טאַקע אַן המן־טאַשן און שלח־מנות, נאָר בלויז פון קרויט־זופ מיט האָבער־קאַשע, אָבער וואָס פאַר אַ שמחה! וואָס פאַר אַ יום־טוב אויפן האַרצן! — מיר האָבן דערלעבט אַ נקמה. נישט אַנדערש, זכות אָבות איז אונדז בייגעשטאַנען. און געווען איז עס אַ מעשה, וואָס האָט געמאַכט אונדזער לאַגער, און די לאַגערן אַרום, גיין אויף רעדלעך. אונדזערע שונאים האָבן שוין געהאַט צו טאָן מיט זיך, און פאַרגעסן אָן אונדז, און דערווייל איז אָנגעקומען די ישועה.

וועגן דער „מאָראַל" פון דער נאַטשאַלסטווע, וועלכע האָט געהאַט איבער אונדז דעם „אויפזיכט", און אונדז געדאַרפט איבערדערציען פאַר גוטע און פרומע בירגער, האָבן מיר שוין געוואוסט גענוג איבערגענוג. מיר האָבן נישט ווייניק צוגעזען זייערע שיינע מעשים. נישט אַריבער קיין וואָך אין לאַגער, מען זאָל זיך נישט סודען וועגן אַ פרישן סקאַנדאַלכל פון אַנדער זייט לאַגער־פלויט, אין דעם פרייען ישוב, וואו עס לעבן אונדזערע היטער און פאַרזאָרגער. מעשיות וועגן ווייבער, וואָס פאַרפאַרן אין די ציין אַריין אונדזער הימישער נאַטשאַלסטווע, פאַר ניט צאָלן קיין אַלימענטן, האָבן שוין געהערט צו די טאָג־טעגלעכקייטן.

נאָר אָט האָט זיך איינעם אַ לייטענאַנט, אַ רעזשים־נאַטשאַלניק פון אונדזער לאַגער, פאַרגלוסט צו פאַרפירן אַ ליבע מיט אַן אַרעסטאַנטין פון אַ שכנותדיקן פרויען־לאַגער, אַן אוקראַינערין. האָט די וועכטערין אים געדראָט, אַז זי וועט וועגן דעם דערטראָגן צו נאַטשאַלסטווע. די וועכטערין איז אַליין געווען זייער אַ געוועזענע געליבטע און איז געווען אייפערזיכטיק אויף דער פרישער קאָנקורענטקע. האָט דער לייטענאַנט לאַנג ניט געטראַכט און דער־שאָסן די וועכטערין.

די געשיכטע האָט אַרויסגערופן אַזאַ טומל, אַז עס איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע אַזש פון מאָסקווע, און דער לייטענאַנט האָט באַקומען 20 יאָר פאַרשיקונג. אָבער איידער וואָס און ווען — האָט מען דערווייל פאַרגעסן אָן דער געפּלאַנטער „יידישער בריגאַדע". דערווייל איז אין דער „פּראַוודאַ" געוואָרן פאַרעפנטלעכט די מיטטיילונג, אַז די מעשה מיט די יידישע דאָק־טוירים איז געווען אַ בלבול, אַן אויסטראַכטעניש פון אַן אַבאַקומאָוו און אַ ריומין — די פּראָפעסאָרן זיינען גאָט די נשמה שולדיק.

דעם קאַפּיטאַן יערמילאָוון איז נישט באַשערט געווען אַריינצוקריגן אין לאַגער די מאָסקווער יידישע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. און אונדזער „נאַריאַדטשיק", דער שונא־ישראל ניעסטערענקאָ, האָט נעבעך ניט געהאַט קיין נחת פון זיין אויסגעאַרבעטן פּלאַן. נאָכמער: פאַרן ווען שאַפן אַ באַ־זונדערע „יידישע בריגאַדע", האָט קאַפּיטאַן יערמילאָוו שפּעטער אַריינגע־כאַפּט אַ „סטראָגי וויגאָוואָר". אַ שטרענגן אויסרייד. ניעסטערענקאָ, ווידער,

איז גאָר געגאַנגען אַ גאַנג: מען האָט אים אַראָפּגענומען פון זיין אַמט און מיט זיין ענין האָט זיך פאַרנומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

מיטאַמאָל זיינען אויך אויפגעדעקט געוואָרן ניעסטערענקאָס אַלע גנבות, זיין באַרויבן די אַרעסטירטע. מ׳האָט אפילו פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיטן לייטענאַנט, וואָס האָט געשאָסן די וועכטערין. מער: מען האָט אים שוין אפילו באַשולדיקט, אַז דאָס האָט ער, ניעסטערענקאָ, אַראָפּגעפירט פון וועג דעם „איבערגעגעבענעם אָנגעשטעלטן פון דער ג.ק.וו.ד.״, דעם געוועזענעם נאַטשאַלניק פון דעם פרויען־לאַגער. עס איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז מען האָט אים געוואָלט צושרייבן די באַשולדיקונג: אין פאַר־מעסטן זיך צו צעברעכן די מאָראַל פון די ג.ק.וו.ד.־קאַדרען פון דער לאַגער־וואַך. ניעסטערענקאָ האָט געהאַט אַ גראָבן טעות — עס איז נאָך געווען צו פרי פאַר זיינע פּלענער...

איז עס טאַקע געווען זיין טעות?

ווער האָט אין יענער צייט געקאָנט דערגיין אַ טאָלק?...

# דריי הונדערט פרויען־אַרעסטאַנטקעס פון מאָנגאָליע

אומגעריכט, ווי אַ ווילסטער שטורעם, האָט זיך אויף אונדזער לאַגער אַראָפּגעלאָזט אַ נייע אָנשיקעניש. ווי דער שטייגער איז, זיינען די אַרעסטאַנטן אין לאַגער בלויז מענער. פאַר פרויען־אַרעסטאַנטקעס זיינען פאַראַן באַ־זונדערע לאַגערן. אין מענער־לאַגער געפינען זיך בלויז געציילטע פרויען, צו וועלכע די אַרעסטאַנטן קענען ניט צוקומען. אויב מען כאַפּט אַן אַרעסטאַנט אפילו בלויז רעדן מיט אַזאַ פרוי, איז אַזאַ איינעם ניטאָ וואָס מקנא צו זיין — ער מעג זיך גלייך גרייטן אויף עטלעכע טעג קאַרצער... און מיטאַמאָל — 300 יונגע מאָנגאָלישע פרויען. געזונטע און סעקסועל ניט־געזעטיקטע, דאָס בלוט האָט געשפּראָצט פון זייערע פּנימער און איבערגעיוירענע קערפּערס.

ווען מען זאָל אָנפרעגן ביים נאַטשאַלניק פון אונדזער לאַגער, דעם קאַפּיטאַן יערמילאָוו, צי ער איז מסכים אויפצונעמען דעם טראַנספּאָרט מיט די 3000 מאָנגאָלישע פרויען, וואָלט ער זיכער געענטפערט מיט אַ „ניין!״. די מערהייט פון די פרויען זיינען פאַרמשפּט געווען פאַר באַנדיטיזם, גנבה, רויב און מאָרד. יערמילאָוו האָט גוט געוואוסט פון דער פּראַקטיק, אַז קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן נישט קיין חשק צו אַרבעטן און זיי לעבן אויפן חשבון פון די פּאָליטישע, וועלכע פירן אויס אַלע שקלאַפן־אַרבעטן אין לאַגער.

קיינער האָט אָבער ביי יערמילאָוון נישט געפרעגט. נישט ווייט פון אונדזער לאַגער האָט זיך געפונען אַ לידיקער לאַגער־פּונקט פאַר אַ 500 אַרעסטירטע. פאַרוואָס דער לאַגער איז געשטאַנען ליידיק און איז נישט באַזעצט געוואָרן מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע — אין דער צייט ווען אַלע לאַגער־פּונקטן זיינען געווען איבערגעפּאַקט — פאַרשטיי איך ניט ביז דעם היינטיקן טאָג. דער דאָזיקער לאַגער איז געווען וויסט און אָפּגעלאָזן.

יערמילאָוו האָט אויף גיך אויסגעפּאַרטיקט אין דער לאַגער־סטאָלעריי אַ פּאָר הונדערט נאַרעס, און דער לאַגער איז געוואָרן אונדזערס אַ „פּאָדקאָמאַנדיראָווקע" *). ווען עס איז אָנגעקומען דער עשאַלאָן מיט די 300 פּרויען פון מאַנגאַליע, האָט מען מאָביליזירט דעם גרעסטן טייל אַרעסטאַנטן פון אונדזער לאַגער, כּדי צו העלפן אויסלאָדן די וואַגאָנעס.

די פּרויען זיינען געפאָרן פון מאַנגאַליע אַ גאַנצן חודש און אין וואַגאָן איז געווען איינגעמויערט אַ ריזיקער קעסל, אין וועלכן מען האָט פאַר די פּרויען געקאָכט עסן. אַרום אַט דעם קעסל זיינען געווען איינגעמויערט עטלעכע הונדערט ציגל. דאָס אַלץ האָט מען באַדאַרפט פאַנאַנדערנעמען, איינלייגן אין שטאַבעלן און שפּעטער אַריבערפירן צו אונדז. די עטלעכע טויזנט ברעטער פון די נאַרעס זיינען אויך געווען סחורה פאַר יערמילאָוון, און מען האָט דאָס אויך געדאַרפט אַריבערטראַנספּאָרטירן אין לאַגער.

געאַרבעט האָבן מיר צוזאַמען מיט די פּרויען, פון וועלכע די מערהייט זיינען געווען יונגע און קרעפטיקע מוידן. זיי האָבן אונדז, גרעסטנטייל אויסגעמאַטערטע אַלטע לייט, וויט אַריבערגעיאָגט אין דער שווערער אַרבעט. דער נאַטשאַלניק יערמילאָוו איז געשטאַנען ביים זייט און אונדז געמוסרט מיט אַ ציניש שמייכל:

— שעמט אייך, לאָפּסעדריגעס, די ווייבער אַרבעטן בעסער פון אייך!

יערמילאָוו, וואָס האָט שוין מיט אונדזערע הענט אַנטוויקלט אַזאַ גרויסע ווירטשאַפט, אַנגעמענדיק אַלץ מער אַרבעטס־באַשטעלונגען, האָט שוין פאַר־טראַכט אַן אַרבעטס־פּלאַן פאַר די נייע פּרויען־אַרעסטאַנטקעס: ער וועט עפענען אַ חזירים־צוכט אין זייער לאַגער־פּונקט, און באַאַרבעטן נייע 5 העקטאַר ערד; ער וועט עפענען פאַר זיי אַ צעך פון שפּאַלטן סליודע — אַזעלכע דורכזיכטיקע שטיינער, וועלכע ווערן געשפּאָלטן אויף דינינקע שויבן; ער וועט אַ טייל פון די פּרויען מאַכן פאַר באַלעגאַלעס, און זיי לאָזן זיך באַוועגן (מיט אַ פּראָפּוסק) אַרום דעם לאַגער. זיי זיינען דאָך ניט קיין פּאָליטישע, וועגן וועמען מען דאַרף וועגן יעדער קלייניקייט אָנפרעגן ביי דער „העכערער נאַטשאַלסטוואָ" אָבער גלייך אין די ערשטע טעג, האָט ער זיך אין זיי ביטער אַנטוישט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט צוויי פון אונדזערע לאַגער־וועכטער, וועלכע זיינען אַוועק אין לאַגער צו די פּרויען, און ניט צוריקגעקומען אין דער באַשטימטער צייט. געווען זיינען די דאָזיקע צוויי וועכטער, די סאַמע הינטישע זין, די ערגסטע רשעים, וועלכע האָבן די פּאָליטישע אָנגעטאָן די גרעסטע צרות און געשלעפּט אין קאַרצער פאַר יעדער קלייניקייט; ניט געלאָזט צו־טאָן מיט קיין אויג ביזן אָוונט־אַפּעל און זיך געטשעפּט צו יעדן אַרעסטאַנט פאַר גאָרניט. וואָס מיט זיי איז דאָרט, אין דעם פּרויען־לאַגער געשען, האָט מען ניט געוואוסט. מער האָט מען זיי ביי אונדז אין לאַגער ניט געזען. אָבער

*) פּאָדקאָמאַנדיראָווקע — אַ נעבן־לאַגער, וואָס אונטערליגט דער אָנ־פירונג, בוכהאַלטעריע און באַזאָרגונג פון אַ צווייטן, גרעסטערן לאַגער־פּונקט.

ניעסטערענקאָ, דער גזלן, האָט עמיצן פאַרטרויט, אַז מען האָט זיי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. די פול־בלוטיקע מאָנגאָלישע פרויען האָבן די צוויי לאַגער־וועכטער פּשוט פאַרגוואַלדיקט און אַוועקגעלייגט...

דאָס וואָלט אָבער יערמילאָוון ווייניק געאַרט, ווען אָט די מאָנגאָלקעס וואָלטן נאָר געאַרבעט. אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט אַריינטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, אפילו ניט באַדינען זיך אַליין. איז ער צו זיי איינמאָל געקומען מיט זיין גאַנצער „סוויטע" און גענומען זאָגן מוסר. האָבן די מאָנגאָלישע פרויען זיך אַנטבלויזט ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, און אין איין קול געשריען צו יערמילאָוון:

— וועסט געבן מענער, וועלן מיר גיין צו דער אַרבעט!...

קאַפּיטאַן יערמילאָוו האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן. עס איז אים באַפאַלן אַ פּחד... און ער האָט אפילו גענומען ווידערשפּעניקן אין מלכות:

— ווי קומען פאַרברעכער און באַנדיטן, — האָט ער געזאָגט — צו פּאָליטישע לאַגערן? (ווי ער אַליין, וואָלט גאָרניט אַנגעשטעלט קיין באַנדיטן פאַר בריגאַדירן אין זיין לאַגער).

אין לאַגער האָט מען דערציילט, אַז ער גייט פּשוט אַראָפּ פון זינען, קלאַפּט כסדר מיט די פויסטן אין טיש און שרייט:

— איך וועל שרייבן קיין מאָסקווע. צו סטאַלינען אַליין וועל איך שרייבן. איך האָב פון אַ וויסטעניש אויפגעבויט אַזאַ לאַגער מיט אַ צענדליק צעכן, אפילו אַ צעך פאַר אויטאָמאָבילן־רעמאָנט, וואָס קיין לאַגער האָט דאָ ניט; איינגעשפּאַרט דער מלוכה טויזנטער רובלס, אַוועקזעצנדיק וויסטע קאַליקעס אָן פיס, אויף צו מאַכן טשוועקעס פון דראָט — שיקט מען מיר אַראָפּ אַזאַ היישעריק!

יעדן טאָג זיינען פאַרגעקומען אַנדערע אומגליקן. דאָ האָט מען צעבראָכן נאַרעס. דאָרט האָט מען אויסגעהאַקט די שויבן. פּלוצלונג האָט מען אַרויפּ־געוואָרפן שטיינער צו די וועכטער אויף די טורעם־בודקעס אַרום לאַגער. ווי עס זאָל ניט זיין, איז אָבער אונדז, מענער־אַרעסטאַנטן, אויף אַ וויילע געוואָרן לייכטער. יערמילאָוו האָט צו טאָן מיט די פרויען און מען זעט אים בכלל ווייניק אָן פאַר די אויגן. ער איז געוואָרן נאָך בייזער ווי פריער, און ווי נאָר עמיץ האָט דערזען דעם אכזר ביים לאַגער־טויער, האָט מען גלייך אַלאַרמירט אין אַלע באַראַקן:

— „יאַסטרעב אידיאָט!" (דער שפּאַרבער, דער רויב־פויגל גייט!).

מיטן אָנקום פון עשאַלאָן מיט די 300 פרויען פון מאָנגאָליע, האָט יער־מילאָוו מער געהאַט צו טאָן מיט זיי, ווי מיטן גאַנצן איבעריקן לאַגער. דערווייל האָט אונדזער גוטער דאָקטאָר ס. זיך באַמיט וואָס מער מענטשן צו באַפרייען אויף אַ טאָג־צוויי פון דער אַרבעט. דער „נאַריאַדטשיק" מיט די בריגאַדירן זיינען אָן יערמילאָוון געווען הילפלאָז. פּעדקאָ דער ווייסרוס, אַ ליץ, וואָס פאַרווײַלט דעם עולם לאַגערער מיט זיינע חכמות, האָט נאָך דער־ציילט פון דער מפּלה, וואָס יערמילאָוו האָט דערצו אַריינגעכאַפּט פון זיין אייגן ווייב.

ס'איז געווען פאַרן סאַמע לאַגער־טויער, ווען מען פירט אַרויס די בריגאַדעס אויף דער אַרבעט. יערמילאָוו האָט זיך, ווייזט אויס, ניט נאָר ביט באַוויזן ביי אונדז אין לאַגער, נאָר אויך אין דער היים איז ער געוואָרן אַ זעלטענער גאַסט. ער האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין שטורעמען נאַטשאַלסטוואָ אין דער „אָטדיעלעניע״, אַז מען זאָל אים באַפרייען פון דעם באַלאַסט, „פון די פרויען וואָס טוען גאָרנישט און שעדיקן זיין אויטאָריטעט״. אָבער זיין ווייב האָט זיך געגומען צו דעם ענין פון גאָר אַן אַנדער קוק־ווינקל און האָט פאַר די אַרעסטאַנטן אין די אויגן צו אים געשריען:

— ליגסט זיך גאַנצע טעג און נעכט ביי די מוידן. האָסט שוין באַלד פאַרגעסן, אַז דו האָסט אַ שטוב, מיט אַ ווייב מיט קינדער — שוין זאָלסטו מיר גיין אַהיים!

און פעדקאָ שילדערט דערביי, ווי אונדזער שטייפער נאַטשאַלניק, וואָס קוקט קיינמאָל ניט אין דער זייט פון אַן אַרעסטאַנט, איז ווי אַ לעמעשקע נאָכגעקראָכן זיין ווייב אַהיים. און זי, אַן אויפגערייצטע, האָט פאַרהילכט דעם אָרום מיט אירע גוואַלדן:

— כ'וועל דיר צערייבן די מאָרדע, דו ה...־זון, איינער! איך וועל דיר געבן אַ קריכן צו מוידן! כ'וועל זיי אַלע אונטערציגדן, דיינע נקבות — אַ פרויען־לאַגער האָט זיך אים פאַרגלוסט!

און די לאַגערניקעס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער: שוין איינמאָל דערלעבט אַ נקמה:

— אַ שיינע, ריינע כפרה אויף אים!

עס איז באמת געווען אַ זעלטענער מאָמענט: צו זען מיט די אייגענע אויגן, כאָטש אַ קליינע נקמה, אין דעם בייזן לאַגער־נאַטשאַלניק.

אויסגעפירט האָט אָבער יערמילאָוו. מען האָט פון אים צוגענומען די 300 מאַנגאַלישע פרויען און זיי אַריבערגעפירט אין אַ לאַגער ביי דער לענע. ניט געקוקט אויף זיין „זיג״, האָט זיך אָבער יערמילאָווס מזל גענומען פאַר־טונקלען: זיין „קעניגרייך״ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

# ווען סטאַלין איז געשטאָרבן

פון אָנהייב האָט מען עס איבערגעגעבן ווי אַ סוד, פון מויל צום אויער — סטאַלין איז שווער קראַנק. פון אָנהייב האָט מען צו דער דאָזיקער ידיעה, וואָס איז געקומען פון יענער זייט צוים, ניט געהאַט קיין צופיל צוטרוי. געווען איז דאָס דערפאַר, ווייל די אַרעסטאַנטן זיינען געפרואווט געוואָרן מיט אַזעלכע ידיעות. נאַטשאַלסטוואָ אַליין פלעגט אַמאָל אַרויסלאָזן אַזעלכע „באָמבעס״ און אויספרואוון זייער ווירקונג אויף די אַרעסטאַנטן. מען פלעגט אויספאָרשן אַלע „קאָמענטאַרן״, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן אין די באַראַקן, און אַריינטראָגן אין די „דיעלאָס״ די רייד. אַזוינע פּראָוואָקאַציעס ווערן ספּעציעל צוגעגרייט, כדי שפּעטער, ווען דער אַרעסטאַנט פאַרענדיקט

זיצן זיין טערמין — באַוויזט מען אים, אַז ער האָט זיך פאַר דער צייט ווידער פאַרנומען מיט אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און — מען דערלייגט אים נייע צען יאָר.

אָבער איצט, האָט מען פון די פנימער פון נאַטשאַלסטוואָ געקענט אַראָפּ־לייענען, אַז עפּעס איז טאַקע ניט פויגלדיקס געשען.

פון אָנהייב האָט דער לאַגער־נאַטשאַלניק יערמילאָוו, אַרויסגעוויזן שטייפ־קייט. דער רעזשים איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן. אין די טעג ווען די סודותפולע ידיעה איז אָנגעקומען, האָט ער איינגעאָרדנט געיעגן, — „אַבלאַ־וועס" אין די באַראַקן. גענישטערט, ווער עס בלייבט אין באַראַק און גייט ניט אַרויס צו דער אַרבעט. אַ געניט אויג האָט אָבער געקאָנט באַמערקן די בהלה, די פּאַניק, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט אַלע טשינאָווניקעס. יאָ, אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו האָט מיט זיין פּראַקטישן פויערישן חוש דערפילט, אַז סע הייבט זיך אָן אַרויסצוגליטשן זיין אומבאַגרענעצטע הערשאַפט.

סטאַלינס טויט האָט מען אפילו פאַר אונדז, פאַרשיקטע, ניט געקאָנט פאַר־באַהאַלטן. אַלע סירענעס פון די פאַבריקן און לאָקאָמאָטיוון האָבן אין דער צייט פון זיין לוויה געליאַרעמט און צעטראָגן די בשורה. יערמילאָוו איז נאָך דערביי געפאַלן אויף אַ פּלאַן, און געצוואונגען די אַרעסטאַנטן צו שטיין פאַר די באַראַקן 5 מינוט אין שטילשווייגן.

קאַנדידאַטן אויף צו געניסן פון דער אַמנעסטיע, וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן באַלד נאָך סטאַלינס טויט, זיינען ביי אונדז געווען זייער ווייניק. מ'האָט זיי געקענט ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. געווען איז דאָס דערפאַר, ווייל די אַמנעסטיע איז געווען נאָר פאַר די יעניקע, וואָס האָבן אַן אורטייל ניט מער ווי 5 יאָר. דער געזעץ וועגן דער דאָזיקער אַמנעסטיע איז געווען געשריבן אַזוי, אַז ס'איז ניט קלאָר געווען, צי דאָס איז חל בלויז אויף קרימינעלע פאַרברעכער, אָדער אויך פאַר פּאָליטישע.

דער זשורנאַל „נאָוואָיע ווראָעמיאַ" (נייע צייט), וואָס וויל שטענדיק זיין פויפּסטלעכער ווי דער פויפּסט אַליין; דער זשורנאַל האָט אויף אַלע שפּראַכן, אין וועלכע ער דערשיינט, זיך ניט געשעמט אַמאָל צו שרייבן אַז „מדינת ישראל איז דער צענטער פון אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָנאַזש"; דער זשורנאַל האָט אַציגנד קאָמענטירט דאָס געזעץ, אַז די אַמנעסטיע איז חל בלויז אויף קרימינעלע פאַרברעכער, ווייל „ס'איז נישטאָ קיין רחמנות צו די שונאים פון פאָלק". ד. ה. פאַר פּאָליטישע פאַרשיקטע איז נישטאָ קיין רחמים. אין עטלעכע חדשים אַרום, זיינען אָבער די עלטערע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אורטיילן פון 5 יאָר איינציקווייז באַפרייט געוואָרן. אין אָנהייב האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזן אין די צענטראַלע שטעט. אָבער שפּעטער, האָבן זיי זיך אינדיווידועל דערשלאָגן צו זייערע משפּחות.

אין דער לאַגער פינצטערניש האָט זיך פאַר אונדז, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן באַוויזן אַ קליינער ליכט־שטראַל. די געשוואָרענע פּעסימיסטן צווישן אונדז, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מיר אַלע זיינען שוין פאַרמשפּט צו שטאַרבן אין לאַגער, האָבן גענומען „נאָכגעבן". עס האָט זיך באַוויזן אַ האָפענונג, אַז

פריער־שפּעטער וועט זיין אַן אַמנעסטיע אויך פאַר אַנדערע פּאַראַגראַפן. דאָס באַקאַנטע לאַגער־ווערטל: „פּאָגאָדאַ־טשעלאָוויעק!“, דאָס דאָזיקע ווערטל, מיט וועלכן די „בלאַטע“ באַצייכענען אַ גוטן וועטער, (די פּאָגאָדע, איז הייסט דאָס, אַ מענטש! זי אַרבעט פאַר אונדז). די צייט, וואָס איז פריער געווען ביטער, האָט איצט גענומען אַרבעטן פאַר אונדז, אַרעסטאַנטן.

אויב נאָך סטאַלינס טויט האָט אונדזער נאַטשאַלניק געפּרואווט נאָך מער „פאַרשרויפן די שרויפן“, איז ער אָבער אינגאַנצן געווען געפּלעפּט נאָכן אורטייל איבער בעריאַן. באַלד אויף צומאָרגנס נאָכן אורטייל האָט מען אים געזען זיך פּעדערן אין דער „ק. וו. טש.“ און אַרויסגנבענען פון דאָרט אין געהיים דאָס בילד פון בעריאַן. דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטומל־טער און נים געוואוסט וואָסער קורס אָנצונעמען. חברה לצים האָבן זיך גע־פּרואווט מיט אים אַ רייך־טאָן:

— גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק, וואָס איז געשען מיט דעם בעריאַן?

יערמילאָוו איז אַרומגעגאַנגען אַ שוויגנדיקער, אַ פאַראומערטער, אַ פאַרגראָבענער אין זיך און געוואַרט אויף די צירקולאַרן פון „אויבן“, וואָס ווייטער צו טאָן. כאָטש אָפיציעל איז נאָך פון דאָרט גאָרניט אָנגעקומען, ווייל דאָרט איילט מען זיך ניט מיט קיין מאַניפעסטן וועגן אַרעסטאַנטן, זיינען דאָך צו אונדז דערגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, אַז עפּעס גרייט זיך פאָרט. די שניידער פון שניידעריי־וואַרשטאַט אין לאַגער, וואָס אַרבעטן אויף אינדי־ווידועלע קליידער־באַשטעלונגען און האָבן אַ שטיקל „בלאַט“ מיט נאַטשאַל־סטווע, האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז עפּעס גרייטן זיך געזעצן וועגן ווידער באַנייען די פּראָצעדור פון „אַקטירן“. ד. ה., אַז שווערע קראַנקע, וועלכע ברענגען ניט קיין נוצן, וועלן אָפּגעשיקט ווערן אַהיים. די דאָזיקע פּראָצעדור, וואָס איז ברייט פּראַקטיצירט געוואָרן אין די לאַגערן לגבי קרימינעלע, זיינען שוין לאַנגע יאָרן נישט אָנגעווענדט געוואָרן לגבי די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויב אפילו אַ קראַנקער, אָדער אַ זקן (עס זיינען ביי אונדז געזעסן זקנים איבער די אַכציקער) האָט שוין גאָרניט געקאָנט אַרבעטן, האָט מען אים אויך ניט באַפרייט ביזן טויט.

מען רעדט וועגן דעם, אַז מען וועט אַרויסלאָזן מענטשן, וועלכע זיינען אָפּגעזעסן צוויי דריטל פון זייער שטראָף. פון וואַנען נעמען זיך די אַלע ידיעות? האָבן זיי עפּעס אַ האַפט?

שפּעטער, אין חדשים אַרום, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אויף אַ ספּעציעלן פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן די אַרעסטאַנטן. געשען איז דאָס נאָך די בונטן, וואָס זיינען אויסגעבראָכן אין די לאַגערן פון קאָלימאַ, נאָרילסק, וואָרקוטאַ, קאַראַגאַנדאַ און אַנדערע בעת וועלכע עס זיינען אומ־געקומען הונדערטער מענטשן. דאָס האָט געצוואונגען נאַטשאַלסטווע פון „אויבן“, אין מאָסקווע, זיך צו פאַרטראַכטן און אַ ביסל נאָכלאָזן דאָס שטריקל.

אונדזער נאַטשאַלניק, וואָס האָט שטענדיק גערעדט וועגן דעם, אַז מען טאָר ניט לאָזן קיין שוואַכן פּונקט האָט סוף־כל־סוף אַליין גענומען נאָכלאָזן.

עפּעס קומט ער שוין אַריין אין לאַגער מיט אַ „גוט־מאָרגן", וואָס איז גאָרניט לויט זיין געוואוינטשאַפט. פריער פלעגט ער זיך אפילו ניט אומקוקן, ווען אַן אַרעסטאַנט האָט אים באַגריסט.

אויך דער רעזשים האָט נאָכגעלאָזט. מען מוז זיך שוין ניט אויפשטעלן פאַר אַ ליאַדע כאַם פון דער וואַך, ווען אַזאַ איינער גייט פאַרביי. און איינמאָל, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט מען ביי דעם לאַגער־טויער פון אונדז אַראָפּגעריסן די נומערן, וואָס מיר האָבן געטראָגן אויף די וואַטאָווע זשאַקעטן און אויף די הויזן. ערשט נעכטן בעתן „אַפּעל", האָט דער רעזשים־נאַטשאַלניק געגעבן אַ פּאָר אַרעסטאַנטן צו עטלעכע טעג קאַרצער פאַר דעם, וואָס זייערע נומערן זייגען ניט געווען גענוג דייטלעך; היינט לויפט ער אַליין אַרום ווי צעדולט און רייסט די נומערן אויף רעכטס און אויף לינקס. פאַראַן אַזעלכע, וואָס לאָזן פון זיך ניט אַראָפּרייסן די נומערן:

— דאָס איז אייער שאַנד — שרייען זיי — איר אַליין האָט פון מענטשן געמאַכט בלאַטע. זאָלן די נומערן ווייטער בלייבן, כדי איר אַליין זאָלט זיך שעמען!

אפילו פאַרבאַהאַלטן ביי זיך דעם נומער האָט מען ניט געטאָרט. דער רעזשים־נאַטשאַלניק האָט דערפאַר געדראָט מיט קאַרצער. דעם זעלבן אָוונט האָט מען אונדז אויך אויפגעהערט פאַרשליסן אויף נאַכט אין די באַראַקן, ווי דאָס האָט זיך געפירט ביז אַהער. דאָס זיינען געווען וויכטיקע באַוויזן, אַז מיר ווערן אַריבערגעפירט אויף די רעכט פון אַלגעמיינע לאַגערן. געווען איז דאָס „אַ קנופּ מיט אַ שלייף". מיר האָבן דאָך געוואוסט, אַז די וועלכע זיינען באַשטימט פאַר „ספּעציעלע" לאַגערן, ווערן קיינמאָל ניט אויסגעגלייכט צו אַלגעמיינע לאַגערן. מען זאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ געהיימער צייכן אויף יעדער „דיעלאָ", כאָטש אויבן־אויף קאָן מען אַזאַ צייכן נישט געפינען. מיר האָבן אויך געקראָגן אַ מעגלעכקייט, אויסצוגעבן פאַרן אייגענעם געברויך פון די נישטיקע גראָשנס וואָס מיר „פאַרדינען" ביי דער לאַגער־אַרבעט. ביז איצט איז געווען אַנדערש. דאָס געלט פלעגט פאַרשריבן ווערן אויף יעדנס קאָנטע און דער נאַטשאַלניק איז געווען דער בעל־דעה, וועמען יאָ צו דער־לויבן עפּעס אויסגעבן פון זיין אייגן געלט, און וועמען נישט.

אַרעסטאַנטן האָבן אויך אָנגעהויבן דערהאַלטן גוטע בריוו פון דער היים. בריוו מיט ווערטער פון האָפענונג. סטאַלינס טויט האָט אַריינגעבראַכט אַ ליכטיקן שטראַל צווישן די געפּלאָגטע שקלאַפן פון טיראַנישן דעספּאָטיזם. מען רעדט אפילו ערנסט וועגן דעם, אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזער לאַגער וועט איבערגעשיקט ווערן ערגעץ אַנדערשוואו. מען שמועסט, אַז מען וועט אונדז אַריבערפירן אויף דעם לאַגער־פּונקט 046, וואָס איז נעענטער צו בראַטסק.

# מיט משה בראָדערזאָן אין „עטאַפּ"

קאַפּיטאַן יערמילאָוו האָט, נאָך סטאַלינס טויט, נישט נאָר פאַרלוירן זיין פריערדיקע חוצפּה, שטייפקייט און מאַכט, נאָר ער איז כסדר געפאַלן פון איין פּאָזיציע צו אַ נידעריקערער. עס זיינען שוין אַוועק די צייטן, ווען ער האָט זיך באַמיט צו קאָנקורירן מיט די אונטערנעמונגען אין דער אַרומיקער געגנט. יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט אין לאַגער אַראָפּקומען אַ קאָמיסיע אָפּצוקלייבן אַרעסטאַנטן, פלעגט ער זיי צואוואַרפן די סאַמע שוואַכסטע, קראַנקע, און די יעניקע, וועלכע דרייען זיך אַרויס פון דער אַרבעט.

יערמילאָוו האָט אָנגעהויבן פילן, אַז זיין מלוכה גליטשט זיך אים אַרויס פון די הענט. ער האָט אָנגעהויבן איינגיין אויף הנחות אין באַציאונג צו אַלעמען, אַחוץ צו די אַרבעטער פון דער צענטראַלער שניידעריי. אפילו די שוסטעריי שניידט ער אויף אַ העלפט, ווייל זיין דערפינדונג, די גומענע „טשונעס", וועלכע ער האָט פּראָדוצירט אין די טויזנטער, די הויכע שווערע קאַלאָשן אויף די וואַטאָווע זאָקן, וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן די גאַנצע צייט געטראָגן, — די „טשונעס" זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר אומטויגבאַר. אַרעסטאַנטן דאַרפן טראָגן — האָט מען געגנומען טענהן — וואַליקעס אָדער שיך. די מאַסע אויסגעאַרבעטע „טשונעס" האָט אַ קאָמיסיע באַטראַכט פאַר „בראַק", פאַר סחורה וואָס טויג צו גאָרנישט, און מען האָט יערמילאָוון באַפוילן זיי צו פאַרברענען.

עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע שטייען עטלעכע און צוואַנציק וואַגאָנעס, וואָס זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, כדי אַריבערצופירן די אַרעסטאַנטן אויף אַ ניי אָרט. אין אונדזער לאַגער האָט זיך עטלעכע טעג געפּאָרעט אַ נייער נאַטשאַלניק, וועלכער דאַרף אונדז איבער־נעמען. ער איז אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער אוקראַאינער מיט אַ בייכל, אין ראַנג פון אַ מאַיאָר. מיט אַ כיטרען שמייכעלע האַלט ער אין איין צוזאָגן די אַרעסטאַנטן:

— ביי מיר וועט אייך גאָרנישט פעלן; ביי מיר דאַרף מען נאָר אַרבעטן; איך קריוודע נישט קיינעם.

און מיט אַ שטאָך אויף דער קאָנטע פון אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו, גיט ער צו, אַז ער, דער מאַיאָר, האָט אפילו ביים אַלטן רעזשים זיך גוט באַצויגן צו די אַרעסטאַנטן. אונדזערע אַרעסטאַנטן נעמען תיכף אויס־געפינען דורך פריינד און באַקאַנטע, צי מען איז אַריינגעפאַלן צוזאַמען אין איין צעטל. באַזונדערס קלעפּן זיך איינער צום אַנדערן די יידן. כמעט אַלע יידן האָט יערמילאָוו „אַוועקגעגעבן" דעם געקומענעם נאַטשאַלניק. ער האָט זיך בלויז איבערגעלאָזט עטלעכע יידן, ווייל זיי זיינען גוטע שניידער און פילן אויס פאַר אים די פּלענער. די גרויסע קיך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַזאַרמע. מען האַלט אין איין טרייבן די אַרעסטאַנטן מיט זייערע פעקלעך, וואָס ווערן געגנוי דורכגענישטערט ביז אַ פאָדעם. דער וועג צום

נייעם לאַגער איז פון אונדז אינגאַנצן 26 קילאָמעטער; פאַרשטייען מיר נים, פאַרוואָס מיר באַקומען אַ „פאַיאַק" פאַר גאַנצע צוויי מעת־לעת? אפשר זיינען טאַקע גערעכט די וועלכע האַלטן, אַז מען פירט אונדז צו דער לענאַ? 26 קילאָמעטער קען מען דאָך אַריבערפאָרן אין בלויז איין שעה!

יאָ, די דאָזיקע רייזע איז געווען איינע פון די פיינלעכסטע אין מיינע לאַגער־יאָרן. אַ שטרעקע פון עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער זיינען מיר געפאָרן צוויי מעת־לעת. כאָטש עס האָבן שוין נאָך סטאַלינס טויט געבלאָזן „נייע ווינטן", האָבן די וועכטער, דער קאָנוואָי, וואָס האָט באַגלייט דעם עשאַלאָן, זיך באַצויגן צו אונדז מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. דער פראָסט האָט געברענט, און דאָס קליינע ביסעלע האַלץ, וואָס מען האָט אונדז געגעבן אויף צו באַהייצן אונדזערע וואַגאָנעס, האָט ניט געקלעקט. די ווענט פון די וואַגאָנעס זיינען געווען באַדעקט מיט אייז. געוויינלעך ווערן אין אַ וואַגאָן איינגעאָרדנט דרייסיק אַרעסטאַנטן; אונדז האָט מען איינגעפּאַקט צו פופציק. אַלע האָבן זיך געשטופּט צו די אויבערשטע נאַרעס, וואו עס איז געווען אַ טראָפּעלע וואַרעמער.

דער כלל אין לאַגער איז, אַז וואָס ווייניקער מען האָט מיט זיך געפּעק בעת אַן „עטאַפּ", אַלץ בעסער איז, ווייל מען קאָן זיך פרייער און שנעלער באַוועגן. איך בין געווען פון אָט די „גליקלעכע", אויסער אַ צוויי פּאָר וועש האָב איך גאָרניט פאַרמאָגט. כ'האָב ניט געהאַט ווער עס זאָל מיר צושיקן נייע קליידער פון דער פריי, און דאָס וואָס איך האָב געהאַט מיטגענומען מיט זיך האָט מען שוין פון לאַנג געהאַט אויסגערויבט. אַ דאַנק דעם, וואָס כ'האָב גאָרנישט פאַרמאָגט, איז מיר לייכטער געלונגען זיך אַרויפצובאַקומען אויף אַן אויבערשטער נאַרע, וואו די קעלט האָט ניט אַזוי שטאַרק געברענט. אין אַן ערגערער לאַגע איז געווען משה בראַדערזאָן. זיין פרוי, שיינע מרים, האָט אים כסדר געשיקט שפּייז און מלבושים פון דער פריי, און ער האָט געשלעפּט אויף זיך אַ שווערן פּאַק. די אַרעסטאַנטן וואָס האָבן זיך אויסגע־לייגט אויף די אויבערשטע נאַרעס, האָבן בראַדערזאָנען ניט געוואָלט אַרויפ־לאָזן. איז ער אָפּגעשטאַנען שיינע עטלעכע שעה אויפן אייזיק־פּראָסטיקן דיל, ניט האָבנדיק קיין פּיצל אָרט אפילו וואו זיך צוצוזעצן. עס איז געווען אַ שוידערלעך בילד.

משה בראַדערזאָנס הויכע פיגור, אַן איינגעבויגענע, איז געווען פאַרשטאַרט ווי אַ געפרוירענע סטאַטוע. איך האָב אים פאַרגעלייגט צו פאַרנעמען מיין אָרט, האָט ער זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט. מיט גרויס מי איז מיר ענדלעך געלונגען פאַר אים אויסצוקעמפן אַ פּיצל אָרט אויף דער אויבערשטער נאַרע, און איך האָב זיך צוליב דעם געמוזט צוקריגן מיט די אַרעסטאַנטן. זיינע פּעק האָט בראַדערזאָן איבערגעלאָזט אונטן. עס איז געווען אַ שרעק אים אָנצוקוקן. זיינע לאַנגע פיס זיינען אים אַראָפּגעהאַנגען פון דער נאַרע, און ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געקלאַמערט נישט אַראָפּצופאַלן. ער האָט גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין און פאַרחלשטערהייט זיך געקוויקט מיטן שמועס וואָס מיר האָבן געפירט.

— טאַקע אַזוי — האָט בראַדערזאָן ביי מיר געפרעגט — זאָג, עמיאָט, ווי אַזוי וועלן מיר דאָס שרייבן נאָכן אַרויסגיין פון לאַגער? אַלע אָנגענומענע קאַנאָנען, וועלכע די ליטעראַטור האָט געהאַט און דעם צוגאַנג צום מענטשלעכן האַרץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. וואָסערע פאַרגלייכן וועלן מיר באַנוצן אין אונדזערע לידער? אַלץ וועט זיין זיסלעך־צוגעטראַכט אין פאַר־גלייך מיטן איבערגעלעבטן. מען האָט אונדז אַוועקגעהרגעט די שיינקייט פון אַ שקיעה, די בלויקייט פון הימל, דעם טראַגישן צויבער פון אַ פרויען־בליק. און די מוזיק? איך האָב ליב טשאַיקאָווסקין. אָבער ווען איך וועל הערן דעם „טאַנץ פון די יונגע שוואַנען", וועל איך מיר דערמאָנען ווי איך האָב אים געהערט פון די אָרעסטאַנטן־מוזיקער אין אונדזער לאַגער. דעם יידישן בחור, ווען ער האָט געשפּילט אויף זיין פידל און די צוויי טאַטערקעס אויף די באַיאַנען.

דערווייל איז דער „עטאַפּ" מיט די וואַגאָנעס אַרעסטאַנטן מער געשטאַנען ווי געפאָרן. ווייסט אים דער טייוול, דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס ער שטייט און פאָרט ניט. ע ר לאָזט אַדורך אַלע באַנען, אַלע פּראַכט־עשאַלאָנען און ביינאַכט שטייט ער בכלל ווי אויף צו להכעיס. געפאָרן און געשטאַנען, געשטאַנען און געפאָרן, און ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם נייעם לאַגער. געווען איז עס גראָד אין אַ זונטאָג. נאָטשאַלסטוואָ פון לאַגער איילט זיך ניט אײנעם רו־טאָג אונדז אויפצונעמען. די געזאַלצענע פיש וואָס מיר האָבן געהאַט אויפן וועג פאַרשטאַרקט דעם דורשט און קיין וואַסער צום טרינקען גיט מען אונדז ניט. צווישן אונדז זיינען פאַראַן אייניקע וואָס ליידן אויפן מאָגן, זיי לויפן יעדע מינוט אין אָפּטריט, וואָס איז נישט צוגעדעקט און דער עיפוש טראָגט זיך איבערן גאַנצן וואַגאָן. ביינאַכט האָט מען אונדז עטלעכע מאָל געציילט. מען האָט געקלאַפּט מיט האַמערלעך, וואו עס איז גאָר אַרייך, מיר זאָלן זיך אָפּרופן. ווען מיר דאַרפן אַ טראָפּן וואַסער איז אָבער קיינער נישטאָ. בראַדער־זאָן חלשט. איך קלאַפּ אין די טירן נאָך אַ סאַניטאַר, אָבער קיינער קומט ניט. ערשט פאַרנאַכט האָט מען אונדז אַראָפּגעלאָזט פון די וואַגאָנעס. דורשטיקע, פאַרפרוירענע האָט מען אונדז צעפירט אין ליידיקע באַראַקן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, — מען האָט מיט אַ פּאָר טעג פריער פון דאַנען אַרויסגעפירט אין ווייטע לאַגערן אַן אָפּקלייב פון געזינטערע אויף שווערע אַרבעטן. די באַראַקן זיינען געווען ניט געהייצט. מיר האָבן ערשט איצט באַדאַרפט אויס־קלייבן פון זיך אַ באַראַק־אויפזעער, אַ „דניעוואַלני", ער זאָל איינהייצן די אויוונס. משה בראַדערזאָן איז געווען חרוב־קראַנק. איך האָב אים איינגע־אָרדנט אויף אַן אויבערשטער נאַרע און גלייך גערופן דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט ביי בראַדערזאָנען פעסטגעשטעלט אַ לונגען־אָנצינדונג און אים תיכף גענומען אין סטאַציאָנאַר, וואו ער איז אָפּגעלעגן גאַנצע צוויי וואָכן.

דערווייל האָב איך, ווי מיין שטייגער איז געווען, זיך אַרומגעקוקט איבערן לאַגער. ער איז געווען אַ סך קלענער ווי דער פריערדיקער, פון וואַנען מען האָט אונדז אַהער געבראַכט, און אויך אַ היפּש ביסל אָפּגעלאָזענער.

דער נייער נאָטשאַלניק פימענקאָ, האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם

אויסערלעכן אויסזען פון לאַגער, ווי דאָס איז געווען מיט אונדזער פריערדיקן נאַטשאַלניק יערמילאָוו.

אים, פימענקאָן, איז בלויז געלעגן אין זינען, ווי אויסצופילן די אָנגעצייכנטע פּלענער. ער האָט זיך געהאַט זיין צוגאַנג צום אַרעסטאַנט. ער איז געגאַנגען מיט „גוטן״: אַרויסגענומען די נשמה מיט אַ קוש. די אַרבעט איז דאָ באַשטאַנען פון זעגן ביימער און בויען אַ קליין־באַן.

דער נאַטשאַלניק איז באַלד דעם ערשטן אָוונט אַרומגעגאַנגען איבער די באַראַקן און „געמיטלעך״ געכאַפּט אַ שמועס מיט די אַרעסטאַנטן, באַריִמענדיק זיך כסדר מיט זיין „גוטסקייט״. און כדי דאָס צו אילוסטרירן, האָט ער געשפּילט מיט די אַרעסטאַנטן אין „קאָזיאָל״ און אַליין אַרונטער אונטערן טיש ווען ער האָט פאַרשפּילט.

ער האָט געיאָגט צו דער אַרבעט נאָך מער ווי יערמילאָוו, אָבער ער האָט דאָס געטאָן אויף אַ „העפלעכן אופן״, אָן באַליידיקונגען. זיין אייגנשאַפט איז געווען אַרומצוקריכן איבער די באַראַקן און האַלטן דרשות, ווי דערהויבן און געשעצט עס איז די אַרבעט. ער האָט איפּגעוויזן „באַשיינפערלעך״, אַז בלויז לויט דער אַרבעט ווערט דער אַרעסטאַנט געהעריק אָפּגעשאַצט, צי ער איז ווירקלעך באַרעכטיקט באַפרייט צו ווערן נאָכן אָפּזיצן די צוויי דריטל פון זיין שטראָף, ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם נייעם געזעץ.

פיל קראַנקע און שוואַכע, וועלכע האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָבן אויף אַלע פיר זיך געשלעפּט צו דער אַרבעט. פימענקאָ האָט דערביי דערקלערט:

— ביים באַפרייען שפּילט אַ ראָלע דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, ער האָט די מיינונג און מיט זיין מיינונג רעכנט מען זיך.

## דער ייִד ווראָנסקי — פון סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט

כדי אָנצורעגן די אַרעסטאַנטן צו אַרבעט, האָט דער נאַטשאַלניק פון אונדזער נייעם לאַגער, פימענקאָ, נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט, אָפּגעשיקט עטלעכע אַרעסטאַנטן אין שפּיטאָל כדי צו „אַקטירן״. דאָס הייסט, דורכצוגיין אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וועלכע זאָל זיי דערקלערן פאַר ניט פּיאיק צו אַרבעטן און אומנוצלעך פאַרן לאַגער. מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָט ער ניט געהאַט קיין זאָרג. זיי האָבן זיך באַמיט צו אַרבעטן, כדי צו געניסן פון די פּריווילעגיעס, וועלכע פימענקאָ האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן.

עס דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז נאָך די בונטן אין אַ ריי לאַגערן, און נאָך בעריאַס טויט, זיינען טאַקע אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן אַ ריי געזעצן לטובת די אַרעסטירטע. מען האָט, צום ביישפּיל, די אַרעסטאַנטן דערלויבט זיך צו זען מיט קרובים. פימענקאָ האָט אפילו אויפגעבויט אַ ספּעציעלן באַראַק ביים לאַגער־טויער, וואו אַן אַרעסטאַנט האָט געקאָנט וואוינען מיט זיין פרוי עטלעכע טעג צוזאַמען.

פּימענקאָ האָט אונדז געלייענט אַ פּאַראָרדענונג, וועלכע האָט געזאָגט: געוויסע אַרעסטאַנטן, וועלכע צייכענען זיך אויס ביי דער אַרבעט, קענען אויף זיין באַמיאונג ביי דער העכערער מאַכט, אפילו לעבן אויסער דער זאָנע. אָבער אַלץ איז אָפּהענגיק, האָט ער צוגעגעבן, „פון דער אויפפירונג פון אַרעסטאַנט". און דאָס מיינט, דער עיקר, פון זיין אַרבעט.

אין דעם דאָזיקן נייעם לאַגער האָט פּשוט געראַיעט מיט פאַרשיידענע קרימינעלע פאַרברעכער. די אַנדערע נאַטשאַלניקעס פון די לאַגער־פּונקטן, וועלכע פלעגן קומען צו פּימענקאָן אָפּקלייבן אַרעסטאַנטן, האָבן מיט די דאָזיקע אונטערוועלט־מענטשן ניט געוואָלט האָבן צו טאָן. דאָס זיינען געווען באַנדיטן, גנבים און רויבער. בלויז אַ קליינער טייל פון זיי האָט געאַרבעט. די איבעריקע האָבן געלעבט פון דער קיך; דאָס הייסט, זיי האָבן געהאַט „בלאַט" מיטן קוכער. די קוכער האָבן פון מורא, פאַרקוקט דאָס שלעפּן פון צוקער, פעטס און פלייש, וואָס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן אויפן שפּיץ פינגער.

פאַר נאַטשאַלניק פון דער ק.וו.טש. איז באַשטימט געוואָרן דער יידישער אַרעסטאַנט וו ר אַ נ ס ק י. ביז דעם יאָר 1952, איז דער דאָזיקער וורנאָסקי געווען אַ פּאָדפּאָלקאָווניק אין קאָנטר־שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג פון דעם סאָוועטישן גענעראַל־שטאַב. ער איז באַלוינט געוואָרן אַזש מיט 9 אָרדנס און מעדאַלן, און ער האָט זיך כסדר געגרויסט מיט דעם. וורנאָסקי איז אויסגעוועזן אין אַ רייע לענדער און ער האָט שוין געזאָלט ווערן אַ פּאָלקאָווניק. ווען מען האָט אין 1952, אָנגעהויבן צו „באַפרייען" יידן פון דער געהיימער דינסט, האָט ער זיך אויסגעדריקט פאַר זיינעם אַ באַקאַנטן, אַז דאָס איז אַנטיסעמיטיזם. מען האָט אים דערפאַר צוגעשריבן אַנטי־סאָוועטישע אַגיטאַציע און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר פאַרשיקונג אין די שקלאַפן־לאַגערן.

וורנאָסקי האָט פון לאַגער געהאַלטן אין איין שיקן ביטעס קיין מאָסקווע מיט אָנקלאָגעס קעגן דעם אורטייל. אַזוי ווי ער איז געווען אויסגעבונדן מיט דעם גאַנצן אַפּאַראַט אין דער נ.ק.וו.ד., און זיך געהאַלטן מיט נאַטשאַלסטווא ווי אַן איינגענער מענטש האָט כאַכלאָוו — דער „אָפּעראופּאָלנאָמאָטשעני" *), זיך מיט אים געחברט. ס'הייסט: אַן אַרעסטאַנט איז ער טאַקע, אָבער עס קאָן זיך דאָך מאַכן, אַז מען וועט וורנאָסקין רעהאַביליטירן, און דאַן וועט וורנאָסקי זיין דער נאַטשאַלניק איבער אים, כאַכלאָוון. דאַרף מען זיך באַוואָרענען אויף דעם פאַל מיטן בענקל. כאַכלאָוו איז טאַקע געווען מיט וורנאָסקין אַ גאַנצער „פּאַן־בראַט". אים דערלויבט צו גיין אויסער דער זאָנע, אים אָפט איינגעלאַדן אויף אַ שנאַפּס צו זיך אַהיים, און וורנאָסקי איז געוואָרן זיין פאַרטרויאונגס־מאַן.

וורנאָסקי האָט באַלד באַוויזן זיין העסלעכן פּנים פון אַן נ.ק.וו.ד.יסט. קודם־כל האָט ער שלום געמאַכט מיט די קרימינעלע פאַרברעכער און זיי אָפט איינ־געלאַדן צו זיך אין דער ק.וו.טש., מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. ניט נאָר

---

*) אָפּעראופּאָלנאָמאָטשעני — דער ספּעציעלער באַפולמעכטיקטער פון דער געהיים־פּאָליציי אין לאַגער.

האָט ער די קרימינעלע דערלויבט אַרומצוגיין שלינג־און־שלאַנג און גאָרניט טאָן, נאָר זיי אויך אָנגעזייצט אויף די פּאָליטישע. ער האָט די דאָזיקע לייט אויך געמאַכט פאַר בריגאַדירן, אָנפירער פון די לאַגער־מאַגאַזינען און סקלאַדן, און זיי צוגעטיילט אַלע לייכטע פּאָסטנס. ער האָט אויך גלייך איבערגענומען זייער „שניט" און גענומען רעדן מיט זייער פאַרברעכערישער שפּראַך, באַנוצנדיק די מיאוסטע אָפּשטויסנדיקסטע אויסדרוקן, כדי מער אויסצוגעמען ביי די אונטערוועלטניקעס. זייענדיק אַליין אַ זון פון יידישע עלטערן, האָט וורּאָנסקי — כדי זיך אויסצופּייניגן אויך מיט זיין „יחוס" — אויסגעטראַכט, אַז זיין מאַמע איז געווען אַ רוסישע פרוי. ער האָט אויך דערציילט פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע אַנעקדאָטן וועגן יידן.

די יידישע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויף אים שנעל דערקענט און אים אויסגעמיטן מיט פאַראַכטונג. די אוקראַינער, ווידער, האָבן געהאַלטן אויף אים אַן אויג, און סוף־כל־סוף אויף אים אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל. דער אורטייל איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיק געווען אַ לייכטער: אין פאַרלויף פון איין שעה מוז ער פאַרלאָזן די לאַגער־טעריטאָריע. וורּאָנסקי האָט דערהאַלטן צוגעשיקט אַ קליין בריוועלע מיטן אולטימאַטום, און דער דאָזיקער פאַרשויך האָט גלייך פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. ער איז, ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען אַוועק צו דער „וואַכטע" און געבעטן שוץ ביים קאָנוואָי. ער האָט זיך ערגעץ־וואו אָפּגעטראָגן און מער האָט ער זיך אין אונדזער לאַגער ניט באַוויזן. נאַטשאַלסטוואָ האָט אים ווידער פאַרזאָרגט, אָבער דאָס איז געווען פיל שפּעטער.

אָט דער מיאוסער נפש האָט זיך מיר „גוט" איינגעקריצט אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג: אַ מסור, אַן אויסוואורף, האָט ער געקיניגט מיט דער פולער האַנט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז שוין געווען נאָך סטאַלינס און בעריאַס טויט. מיט זיינע האַנדלונגען האָט ער אונדז אָפט געמאַכט דערמאָנען אָן יענע גרויליקע צייטן, ווען יעדער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם שאָטן אויף דער וואַנט.

דערביי דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ניט אַלע קרימינעלע פאַרברעכער ביי אונדז אין לאַגער האָבן זיך געלאָזט אָנריידן פון וורּאָנסקין קעגן אונדז, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. באַזונדערס איז דאָס געווען מיט אַן אייגנאַרטיקן טיפּ, אַ 24־יאָריקן געוועזענעם באַנדיט, ליאָניע קאָסטאָוו.

דער דאָזיקער קרימינעלער פאַרברעכער איז מיט 4 יאָר פריער פאַרמשפּט געוואָרן דערשאָסן צו ווערן דערפאַר, וואָס ער האָט בעת אַ רויבאָנפאַל, דערמאָרדעט 5 מענטשן. זיין פּאַראַגראַף 59, האָט אים אייגנטלעך געגעבן אָן אָרט צווישן קרימינעלע, און ניט צווישן פּאָליטישע פאַרברעכער. אָבער אין לאַגער האָט ער עפּעס אויסגעפּלאַפּלט קעגן דער מלוכה, און מען האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ „פּאָליטישן" און אים פאַרשיקט אין אָזער־לאַגער, קיין טיישעט. זייענדיק עטלעכע חדשים אין אַ קאַמער פאַר טויט־פאַראורטיילטע, האָט ער, ווייזט אויס, געמאַכט אַ חשבון הנפש און שפּעטער, ווען מען

האָט אים, צוליב זיין יונגן עלטער, פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף 25 יאָר לאַגער, זיך געשטעלט אויף אַ „גוטן וועג".

אויסערגעוויינלעך קרעפטיק, ווי אַן אַטלעט, פלעגט קאַסטאַוו שטענדיק אויסשפּילן צו צוויי און דריי גאַרמעס אויף די שווערסטע אַרבעטן. ער איז געווען זייער קלוג, פּיאַיק, מיט אַ זעלטן גוטן קאָפּ. קומענדיק פון דער אַרבעט, פלעגט ער זיך זעצן שפּילן שאַך און זעלטן ווען פאַרשפּילט. מען האָט פון אים קיינמאָל ניט געהערט קיין מיאוס וואָרט, ווי פון די חברים פון זיינס גלייכן. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט אַנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די אינטעליגענטערע אַרעסטאַנטן און לאַנג מיט זיי פאַרבראַכט אין שמועסן.

ליאָניע קאַסטאַוו נאָרע איז געווען נעבן מיינער. אין אָנהייב, איידער איך האָב דערקענט זיין כאַראַקטער, איז מיר געווען אַ ביסל פּריקרע: „אַ באַנדיט ליגט נעבן דיר!" אָבער שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך באַפריינדעט, פלעג איך אים דערציילן פאַרשיידענע אמתע און אויסגעטראַכטע פאַרוויקלטע געשיכטעס, צו וועלכער ער פלעגט אַ פאַרגאַפטער זיך צוהערן. ווען מען האָט אין לאַגער געעפנט קורסן אין די ראַמען פון אַ פאָלקס־שול, איז קאַסטאַוו געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרשריבן. ער האָט סך־הכל פאַרענדיקט זעקס קלאַסן פון אַ פאָלקס־שול.

אָט דער זעלטענער יונגער באַנדיט, וואָס האָט אין זיך פאַרמאָגט אויסער־געוויינלעכע אינטעליגענץ, האָט מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון זיין לעבן.

## דער באַנדיט לאָניע קאַסטאַוו

קאַסטאַוו האָט מיר דערציילט, אַז ער איז זייער פרי געוואָרן אַ יתום. די אַכט קינדער, וועלכע זיינען פאַרבליבן נאָכן טויט פון זיין פאָטער, האָבן געליטן הונגער און נויט. די מאַמע האָט זיי ניט געקאָנט באַשפּייזן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין אַ יתומים־הויז, אָבער ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן, צוליב דער שלעכטסקייט פון זיינעם אַ דערציער. ער האָט אַרום־געבלאָנקט איבער שטעט, זיך געחברט מיט אַנדערע פאַרוואָרלאָזטע קינדער פאַרברעכער, ביז ער איז געוואָרן איינער פון זיי. אָנגעהויבן האָט ער מיט קליינע קעשענע־גנבות, מיט כוליגאַנישע אָנפאַלן. ער איז אָפּגעזעסן פאַר־שיידענע טערמינען אין לאַגערן פאַר מינדעריעריקע, אָבער אַרויסגייענדיק פון לאַגער ווייטער פאַרגעזעצט זיין „פאַך". צום סוף איז ער אַליין געוואָרן אַן אָנפירער פון אַ שייקע. ביז מען האָט אים געכאַפּט, נאָך אַ ברייט פּלאַנירטן אָנפאַל אויף אַ באַנק, בעת וועלכן ער האָט דערשאָסן פינף מאַן.

מיך האָט באמת געוואונדערט, וואָס נאָך אַזוי פיל פאַרברעכערישע יאָרן, האָט זיך קאַסטאַוו אַזוי ראַדיקאַל געענדערט אין כאַראַקטער און אין זיין אויפפירונג. אפילו זיין גזיכט האָט פאַרמאָגט איידעלע און אינטעליגענטע שטריכן. דאָס איינציקע, וואָס איז אים פאַרבליבן פון פריער, איז געווען זיין

פאַרשוועגדערישקייט. ער האָט פאַרדינט ביי 600 רובל אַ חודש מערער פון אונדז אַלעמען, אָבער אין 4־5 טעג אַרום, פלעגט אַלץ ביי אים פאַרשווינדן. ער פלעגט זיך קיינמאָל ניט זעצן עסן אַליין. איינגעקויפט אין „לאַראָק" (לאַגער־קרעמל) אַלדאָס בעסטע, פלעגט ער אַלץ אַוועקשטעלן אויפן טיש און פאַרבעטן אַ האַלבן באַראַק אַרעסטאַנטן מיטצועסן מיט אים. אין דעם דראַמאַטישן קרייז פון לאַגער איז ער געווען דער טענצער, אויף די קאָנ־צערטן געוויזן זיין קונסט אין פאַרשיידענע קאַזאַקישע, מאַלדאַוואַנישע און פוילישע טענץ.

אין לאַגער האָט מען געוואוסט, אַז די נאַטשאַלניצע פון „ספּעץ־אָטדעל" *) — אַ יונגע גרושה — איז צו אים ניט גלייכגילטיק. זייער אָפט פלעגט זי קומען זען זיינע טענץ; זיך באַמיט, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, מיט אים צו שמועסן און געמאַכט באַמיאונגען ביי נאַטשאַלסטוואָ, אַז זיין שטראָף זאָל אַ ביסל געמילדערט ווערן. אגב, צו קאָסטאָווס טאַנץ־קאָנצערטן פלעגן קומען אַלע ווייבער פון נאַטשאַלסטוואָ. עס איז אויך געווען שטאַרק אויפפאַלנד, וואָס צו אַלע רעמאָנטן אין די פּריוואַטע וואוינונגען פון די נאַטשאַלניקעס האָט מען גערופן ליאָניען. ער איז טאַקע געווען אַ מייסטער אויף אַלץ, אָבער די הויפּט־אורזאַך איז געווען דאָס, וואָס די ווייבער פון די נאַטשאַלניקעס האָבן זיך געוואָלט אַ ביסל מיט אים אונטערהאַלטן...

פון די דאָזיקע וויזיטן, אין די הייזער ביי נאַטשאַלסטוואָ, פלעגט ער צוריקקומען אַן אָנגעטרונקענער, אַן אויפגעהייטערטער און דעמאָלט פלעגט זיך אין אים אויפוועקן די איינגעדרימלטע חיה. ער פלעגט אַוועקגיין אין דער לאַגער־קיך, פאַרשטעקן אַ גרויסן מעסער אין די שטיוול־כאַלעוועס, און אַ רעווע טאָן:

— איך מוז היינט עמיצן שעכטן, און טאַקע וואָראָנסקין! ער איז אַ „סטוקאַטש" (אַ מסור), ער פאַרמסרט אונדז אַלעמען ביי נאַטשאַלסטוואָ.

מיר איז ניט געווען קיין שאָד וואָראָנסקי, דער אויסוואורף, אָבער מיר האָט ווי געטאָן פאַר ליאָניען. ווען ער איז ניט געווען אָנגעטרונקען, האָט ער געהערט צו די אָנשטענדיקסטע אַרעסטאַנטן. אויב ער האָט ניכטערער־הייט אַמאָל רעאַגירט מיט קלעפּ, איז דאָס גרעסטנטייל געווען דאַן, ווען ער פלעגט דערהערן ווי אַן אוקראַאינישער אַנטיסעמיט באַליידיקט אַ יידן בלויז דערפאַר, ווייל יענער איז אַ ייד. איך פלעג אויסניצן אַ מאָמענט און בגנבה אַרויסשלעפּן דאָס מעסער פון זיין שטיוול און צוריקגעבן דאָס אין קיך, און אים, ליאָניען, פלעג איך פאַרוויגן מיט פאַרשיידענע מעשיות, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו הערן אפילו ווען ער איז געווען שיכור.

אַזוי ווי ליאָניע פלעגט יעדן טאָג אויסאַרבעטן צו צווי און צו דריי נאָרמעס, האָט ער געהאַט אַ שאַנס, זיין שטראָף אָפּצוקומען אין זיבן יאָר. מיר, די פּאָליטישע, פלעגן זיך דעריבער שטאַרק זאָרגן, ער זאָל שיכורער־הייט זיך ניט אויסגליטשן, עמיצן דערהרגענען, און פאַרלירן די מעגלעכקייט

*) ספּעץ־אָטדעל — ספּעציעלע דאָקומענטן־אָפּטיילונג אין לאַגער.

אַרויסצוגיין פון לאַגער. אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס איינ־זעעניש, ווי צו אַ באַזונדערס פּייאיקן מענטשן, וואָס איז צוליב שלעכטע באַדינגונגען אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג. קאָסטאָוו האָט דאָס פאַרשטאַנען און ער האָט געוואוסט ווי אָפּצודאַנקען די פּאָליטישע פאַר דער מענטשלעכער באַציאונג צו אים. זייער אָפט האָט ער אַנגעשריען אויף די בריגאַדירן־קרימינאַליסטן, וועלכע פלעגן — וועלנדיק זיך „באַווייזן" פאַר נאַטשאַלסטוואָ — אויסזויגן דאָס בלוט פון די אַרעסטאַנטן ביי דער אַרבעט. עס איז אָבער גענוג געווען ליאָניע זאָל נאָר אַזאַ אייבעם אַ סטראָשע טאָן, דער פאַרשוין זאָל תיכף דערשפּירן מיט וואָס דאָס שמעקט און נאָכלאָזן אין זיין איזדיעקעווען זיך איבער די פּאָליטישע.

אפילו וואָראָנסקי דער מסור, האָט פאַר אים מורא געהאַט. ער האָט זיך שטאַרק באַמיט פון ליאָניען פּטור צו ווערן, אָבער לפנים־וועגן, אים געגעבן אַלע פּריווילעגיעס, פון וועלכע עס געניסן די בעסטע אַרבעטער אין לאַגער. וואָראָנסקי האָט אפילו איינמאָל אויסגעפּועלט, מען זאָל דערלויבן ליאָניעס מאַמען קומען, אויף אַ באַזוך צו אים אין לאַגער. צו דעם דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט האָט זיך ליאָניע באַזונדערס געפּעדערט און צוגעגרייט פאַר זיין מאַמען אַן אמתן סיורפּריז.

דאָס איז געווען אין אָנהייב 1955. אין לאַגער־„לאַראָק" (קראָם) האָט מען געקאָנט באַקומען צו קויפן פאַרשיידענע עסנוואַרג. אַרעסטאַנטן וואָס האָבן גוט פאַרדינט, פלעגט זיך דאָרט איינקויפן פאַרשיידענע פּראָדוקטן. ליאָניע האָט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע דאָס קליינע לאַגער־צימערל, וואָס שטייט געוויינלעך ליידיק און דער באַראַק־אויפזעער האַלט דאָרט פאַרשיידענע קלייניקייטן. ליאָניע האָט דאָס צימערל אויסגעקאָלעכט, אַוועק־געשטעלט אַ טישל באַדעקט מיט אַ טישטוך. אַרויפגעשטעלט אַ בלומען־טאָפּ מיט קינסטלעכע בלומען און סערווירט דעם טיש מיט אַלעם גוטן, וואָס מען האָט דאָ נאָר געקאָנט באַקומען. די אַלטע מאַמע איז געקומען פון איר קאָלכאָז מיט אַ מתנה — צוויי ווייסע קאָלאַטשן (חלות) פאַר איר זון. דער־זעענדיק דעם אָנגעשטעלטן טיש מיט כל־טוב, מיט וועלכן דער זון האָט איר אויפגענומען, האָט זי זיך צעוויינט פאַר פרייד. אונדזער כיטרער נאַטשאַלניק פּימענקאָ האָט דערפון גלייך געזוכט צו שלאָגן קאַפּיטאַל. ער האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די לאַגערניקעס צו וועלכער עס איז אויך פאַרבעטן געוואָרן ליאָניעס מאַמע. פּימענקאָ האָט זיך פאַר די פאַר־זאַמלטע צערעדט וועגן דער „איבערדערציאונג" אין לאַגער, וואָס האָט פון געוועזענעם פאַרברעכער ליאָניע קאָסטאָוו, געמאַכט אַ ווירדיקן אַרבעטער.

דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געשטערט דעם זעלבן פּימענקאָ, באַלד אַוועקצושיקן ליאָניען מיט אַ וויטן עטאַפּ אויף אַן אַנדער לאַגער. עס איז שווער געווען צו דערגיין, וואָס דאָ איז געשען, אָבער דער מסור וואָראָנסקי האָט זיכער אין דעם געהאַט אַ האַנט. ווייסנדיק, אַז די ווייבער פון דער נאַטשאַלסטוואָ זיינען ניט גלייכגילטיק צו ליאָניען, האָט וואָראָנסקי זיך באַמיט אַריינצוציען ליאָניען אין אַ סקאַנדאַל, און אַזוי אַרום פּטור ווערן פון זיין

„סטראַשידלע“, צוליב וועמען ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן מיט די אַרעסטאַנטן. ווראָנסקי האָט ליאָניען געשיקט אַרבעטן צום לאַגער־נאַטשאַלניק פּימענקאָ אין שטוב. ווי געווייגלעך, איז דער לאַגער־נאַטשאַלניק בייטאָג נישט געווען אין דער היים. אין דרויסן שטייט דער קאָנוואָי, וועלכער היט דער אַרעסטאַנט, זאָל ניט אַנטלויפן. וואָס איינעוויייניק טוט זיך, גייט דעם קאָנוואָי נישט אָן, און אוודאי ניט, ווי עס פירט זיך דערביי אויף דעם נאַטשאַלניקס ווייב.

אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז פּימענקאָ זאָל גראָד אַהיימגיין, כדי געוואָר צו ווערן, ווי עס גייט דער רעמאָנט ביי אים אין הויז. וואָס דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט געזען אַזוינס צווישן זיין ווייב און קאָסטאָוון, איז געבליבן אַ סוד. אָבער אויפן צווייטן טאָג איז ליאָניע אַוועקגעשיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ, אַזש צו דער לענע. ליאָניע האָט זיך אָבער דערפון ווייניק גענומען צום האַרצן, און אים האָט אויך נישט געאַרט, וואָס מען פאַרשיקט אים אַזוי וויַיט. ער האָט בלויז אַ מרוקע געטאָן:

— איך וואָלט עס ניט געטאָן — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט — אָבער איך האָב געמוזט נקמה נעמען פון נאַטשאַלניק פּימענקאָ, פאַרן מאַכן פון מיר אַ ספּעקטאַקל פאַרן גאַנצן לאַגער, וועגן דער „איבערדערציאונג“, וואָס זיין לאַגער האָט מיר געגעבן...

## בעת דעם יום־טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין לאַגער

אַ טאָג פאַר דעם 7טן נאָוועמבער, ערב דעם גרעסטן יום־טוב אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווערט אין לאַגער אַ וויסטע צערודערונג. אָנהויבן הייבט זיך עס אָן מיט דער אַזוי־גערופענער „פּראָוויערקע“ — אַ גענעראַלע רעוויזיע ביי די אַרעסטאַנטן אין די באַראַקן, צי עס איז, חלילה, ביי קיינעם ניט פאַר־באַהאַלטן אַ מעסער, אַ שטעקן, אַן אייזן אָדער אַן אַנדער אָביעקט מיט וועלכן מען קאָן שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

גלייך 8 אינדערפרי ווערן אַלע אַרעסטאַנטן אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן אויף דער לאַגער־טעריטאָריע, מעג אפילו זיין דער גרעסטער פראָסט. אַלע קראַנקע, זקנים, וואָס קענען זיך קוים רירן, אַלע מוזן אַרויס־גיין. מען שטעלט די אַרעסטאַנטן אויס צו פינף אין אַ ריי, און די וועכטער, בראש מיטן נאַטשאַלניק, באַזוכן יעדן איינעם.

באַזוכן צו באַזוכן איז אָבער ניט גלייך. אונדזער נאַטשאַלניק האָט זיך זיין אייגענע סיסטעם: דער אַרעסטאַנט דאַרף זיך אויפשפּילעז ביזן העמד און זיך לאָזן גרינטלעך אונטערזוכן. מעג ברענען דער פראָסט, מעג זיין אַ שניי־זאַווערוכע, מעגן אַרעסטאַנטן ווערן גרין און בלאָ פון קעלט, — מוז מען עפענען די ברוסט, אויפהויבן די הענט און לאָזן די וועכטער אויס־טאַפּן יעדן ביינדעלע פון דיין קערפער, יעדע קלייניקייט אין די קעשענעס.

אַזאַ „בדיקה״ דויערט געוויינטלעך לאַנגע, לאַנגע שעהען און דער מיטאָג ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעט אָוונט. דערנאָך ווערן אַלע אַרעסטאַנטן אַריינגעטריבן אין דער אַרבעטס־זאַנע און עס הויבט זיך אָן דאָס נישטערן אין די באַראַקן, פון וואַנען עס ווערן אַרויסגעטראָגן אין דרויסן יעדער פּיצל האָלץ. די קאַליקעס מוזן אין די יום־טוב טעג שטיין אויף אַלע פיר. עס ווערן בעת דער רעוויזיע אפילו קאָנפיסקירט די בעזימער, לאָפּעטעס צו רייניקן דעם שניי. דער לאַגער־נאַטשאַלניק קלייבט די טראָפּייען: נאָדלען, מעסערלעך, פאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר. ווער שמועסט נאָך, אַז עס פאַלט אַריין צום נאַטשאַלניק אַ ליד, געשריבן אויף עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, ווערט דאָס אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב און שפּעטער, זאָרגפעלטיק פאַרברענט. אין דער אַרבעטס־זאָנע ציילט מען דערווייל די אַרעסטאַנטן עטלעכע מאָל איבער, צי עס שטימט דער חשבון. דערביי „פאַרהאַקט זיך״ דער רעכענונג ביי אונדזערע בעל־חשבון זייער אָפּט, ווייל זייערע ידיעות אין אַריפמעטיק זיינען זייער קנאַפּ. שטייט מען אַזוי אין דרויסן בישט איין איבעריקע שעה, ביז אַלץ „קלאַפּט״.

ווען מען לאָזט אונדז שוין ענדלעך צוריק אַריין אין די באַראַקן, איז שוין אָוונט. דורכגעפרוירענע שלינגט מען אַראָפּ דאָס זויער־געוואָרענע ביסל געקעכטס, און דאַן ערשט רוקט זיך אָן אַ נייער פחד: קענסט זיין אַ קאַנדידאַט אָפּצוזיצן די צוויי טעג — דעם 7טן און 8טן נאָוועמבער — אין „בור״. דער אונטערשייד פון „בור״ מיט אַ געוויינלעכן קאַרצער איז דאָס, וואָס דאָ דערלויבט מען מיטצונעמען דאָס בעטגעוואַנט און מען באַקומט דאָרט דעם נאָרמאַלן לאַגער־פּאַיאָק ניט באַגרענעצט. דער גרויסער „בור״־קאַרצער, איז אייגנטלעך אַ מין איזאָלאַציע־אָרט פאַר פאַרדעכטיקטע אין צוגרייטן אַ בונט אָדער ענלעכע פאַרדאַכטן. געוויינלעך זעצט מען אַהין איין אויף די יום־טוב־טעג יונגע מענטשן, וועלכע ווייזן אַרויס סימנים פון קריגערישקייט. אויב אָבער דער „דניעוואַלני״־אויפזעער פון באַראַק האָט אויף אַן אַרעסטאַנט אַ שטיקל כעס, איז אַצינד גענוג זיינס אַ פּיפּס צו עפּעס אַ „קנעפּל״ און דער פאַרמסרטער — מעג ער אפילו זיין איבער זיבעציק יאָר אַלט — גייט אין „בור״.

פאַראַיאָרן, איז טאַקע אויף אַזאַ אופן אָפּגעזעסן אין „בור״ די צוויי טעג, דער 70 יאָריקער לעטישער סאָציאַליסט, לאָרענס. נעבן בראַטסק, איז דער זעלבער לאָרענס געווען אַמאָל פאַרשיקט פון דער צאַרישער מאַכט. איצט קומט ער אָפּ אַן אורטייל פון 10 יאָר ביי דער סאָוועטנמאַכט. איינער פון די פיינסטע און אינטעליגענטסטע מענטשן צווישן אונדז, האָט ער ניט נושא חן געווען ביים דניעוואַלני נעוועדראָוו, דעם אויסוואורף, וואָס איז באַקאַנט געווען ווי אַ מסור. לאָרענס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טיילן מיטן דאָזיקן אויסוואורף מיט זיינע פּעקלעך פון דער היים. האָט זיך נעוועדראָוו נוקם געווען אָן לאָרענסן און אָנגעוויזן אויף אים ווי אַ „בונטאָוושטשיק״. דער אַלטער לאָרענס איז די צוויי יום־טוב־טעג פאַרשלאָסן געוואָרן מיט אַ חברה יונגע לאָבוסעס, וועלכע האָבן זיך נאָך איבער אים איבערגעקוועטשט. 

אַז מען איז שוין דאָס אַלץ אַריבערגעקומען און מען איז אין „בור" ניט אַריינגעפאַלן, האָט מען אויף מאָרגן אין אָוונט געהאַט דעם קאָנצערט פון „סאַמאָדיעטעלנאָסט" (אַמאַטאָרן־קרייז) ביים לאַגער. האָפמאַן, דער מאָלער, וועט שפּילן די „מאַמע" אין אָסטראָווסקיס פּיעסע „אומשולדיק שולדיק". איידער אָבער עס וועט קומען צו דער פאָרשטעלונג, טרייבט מען פריער אַרויס דעם עולם פון באַראַק אויסצוהערן אַ נודנע דרשה פון לאַגער־נאַטשאַלניק. אין דער דרשה וועט ער זאָגן, אַז דער יום־טוב פון 7טן נאָוועמ־בער איז אויך אונדזער יום־טוב, און אַז דאָס וואָס מיר זיינען ציטוויילִיק איזאָלירט, שפּילט דאָ ניט קיין ראָלע. דער נאַטשאַלניק וועט לאַנג רעדן וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט באַפרייט דעם אַרבעטס־מענטש פון פאַרשקלאַפונג. דערנאָך וועט ער לייענען אַ רשימה פון אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט און וועט זשאָנגלירן מיט דער אילוזיע אַז דו ביסט שיער נישט אויף דער פריי.

אונדזער נאַטשאַלניק איז אָבער געגנוג כיטרע צו פאַרשטיין, אַז צופיל ברייען קען ער ניט, אַפילו אין דעם טאָג פון דעם „באַפרייאונגס־יום־טוב". אין לאַגער נאַטשאַלניק איז געווען אויף אַזוי פיל פּרעך, אַז ער האָט לכבוד דעם 7טן נאָוועמבער אַרויסגעהאַנגען אין זיין לאַגער אַ טראַנספּאַראַנט: „יאַ דרוגאָי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק סוואָבאָדנאָ דישעט טשעלאָוויעק" (איך קען ניט קיין צווייט לאַנד, וואו דער מענטש זאָל אָטעמען אַזוי פריי).

דאָס איז ניט קיין וויץ. צווישן די לאַגער־נאַטשאַלניקעס זיינען געווען גענוג פסיכיש ניט נאָרמאַלע מענטשן, וועלכע זיינען אויך געווען פּייאַיק צו אַזעלכע משוגעתן. מען האָט דערציילט, אַז עמיצער פון נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז מען איז צו־ווייט געגאַנגען, און אַז דער לאָזונג קלינגט אין לאַגער ווי חוזק, און מ'האָט דעם טראַנספּאַראַנט אַראָפּ־גענומען. אָבער די צוויי יום־טוב־טעג איז דער טראַנספּאַראַנט אין לאַגער געהאַנגען.

נישט איינמאָל קומט אויף זינען דער געדאַנק: ווי ענלעך די דעספּאָ־טישע רעזשימען, פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער, זיינען צווישן זיך. אויך די נאַציס, ווען זיי האָבן געמאַטערט און געפּייניקט מיליאָנען פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, האָבן זיי אויך אויף די ווענט פון זייערע טויטן־לאַגערן אויפגעהאַנגען אויפשריפטן מיט ענלעכע לאָזונגען, אַשטייגער: „אַרבעט מאַכט פריי!"

נאָכדעם ווי די „יום־טובדיקע טעג" זיינען שנעל פאַרביי, האָט מען די אַרעסטאַנטן־שקלאַפן ווידער געטריבן צו דער שווערער אַרבעט. נישט איינער האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן און אַוועקגעפאַלן טויט אָדער שווער־קראַנק. אויך איך בין געווען צווישן די לעצטע. איך בין אַוועקגעפאַלן אַ דערשעפּטער. די כוחות זיינען אויסגעגאַנגען און ערשט דאַן האָט מען מיך באַפרייט פון דער אַרבעט. איך בין שוין אָבער געלעגן אַ שווער־קראַנקער און געשוועבט צווישן לעבן און טויט.

נאָכן אָפּליגן עטלעכע חדשים אויף אַ שווערער געלענקען־אָנצינדונג.

האָט אונדזער לאַגער־דאָקטאָר ס. אויסגעפּועלט ביים „נאַריאַדטשיק", אַז מען זאָל מיר אַריבערפירן אויף אַרבעט אין דער זאָנע. ער האָט עס מאָטיווירט דערמיט, וואָס די פיס דערלויבן מיר ניט צו גיין אין וואַלד האַקן בוימער; ערשטנס, דאַרף מען טעגלעך גיין צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט דריי קילאָמעטער און אויך ביי דער אַרבעט גופא, מוז מען זיין פלינק און באַוועגלעך. מען מוז קענען צו דער צייט אָפּשפּרינגען, ווען אַ בוים פאַלט אום. אין מיין לאַגע, דראָט מיך יעדע מינוט אַ געפאַר.

ס׳האָט אָבער געדויערט אַ שטיקל צייט ביז מען האָט מיך ענדלעך אַריבערגעפירט אין דער בריגאַדע פון „כאָזאַבסלוגאַ" *). דערווייל איז מיר איסגעקומען בייצוזיין אַ שווידערלעכן פאַל, ווען אונדזער וועכטער, דער ברוטאַלער באַנדיט און סעקסועלער פאַרברעכער ריסקאָוו (וועלכער איז שפּעטער פאַרמשפּט געוואָרן פאַרן פאַרגוואַלטיקן זיין מינדעריעריקע שטיף־טאָכטער), האָט דערשאָסן אַן אומשולדיקן אַרעסטאַנט, אונטערן כלומרשטן אויסרייד אַז יענער האָט געוואָלט אַנטלויפן.

## ווי אַזוי די לאַגער־וועכטער פלעגן דערשיסן אַרעסטאַנטן

מיר האָבן געוואוסט, אַז פאַר די ספּעציעלע סאָוועטישע שקלאַפן־לאַגערן איז פאַראַן אַ געהיימער געזעץ, וואָס זאָגט, אַז פאַרן כאַפּן אַרעסטאַנט ביים אַנטלויפן, באַקומט דער לאַגער־וועכטער אַ פּרעמיע פון 500 רובל און אַ חודש אורלויב.

מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז די נ.ק.וו.ד. האָט זיך אירע מענטשן אויף טריט און שריט. און אויב עס זאָל אפילו עמיצן געלינגען צו אַנטלויפן, וועט ער סיי־ווי אויסגיין פון הונגער. ווייל ווענדן זיך צו אַ פּויער נאָך שפּייז, אָדער צו עמיצן אַנדערש איז שוין געפערלעך דערפאַר, ווייל פאַרן אויסגעבן אַן אַנטלאָפענעם אַרעסטאַנט, באַקומט די פּערזאָן מעל מיט צוקער, וואָס קלעקט אויף אַ חודש. קיינער פון די אַרעסטאַנטן האָט דעריבער ניט געטראַכט פון אַנטלויפן איינער אַליין. דאַקעגן האָט מען געחלומט פון אַ מאַסן־אויפשטאַנד אין די לאַגערן, ערשט נאָך סטאַלינס טויט.

ריסקאָוו האָט געהאַט אַ טבע מיטצושלעפּן אַ כאַפּטע מיט הינט, ביים פירן אונדז צו דער אַרבעט. וואָס דאַרף מען אַזש זעקס הינט? די זעקס וועכטער מיט די מאַשין־ביקסן זיינען ווייניק? ריסקאָוו האָט אָבער געהאַט גרויס פאַרגעניגן, ווען אַ הונט גיט אַ ריס אַרויס אַ שטיק פון די הויזן. די הינט זיינען געווען גוט איינגעדרעסירט. זיי בייסן ניט אין פלייש אַריין, נאָר כאַפּן מיט די שאַרפע ציין דעם מלבוש פון אויבן אָן און רייסן פון אים שטיקער. ריסקאָוו האָט אַ ווילדע הנאה צוצוקוקן, ווי דער אַרעסטאַנט

*) כאָזאַבסלוגאַ — די בריגאַדע אַרבעטער פאַר אינערלעכער לאַגער־באַדינונג.

דערשרעקט זיך, גיט אַ שפרונג אַרויס פון דער ריי, און ערשט דאַן שיסט ריסקאָוו „אויף פוסט“.

קיינער, ווי ער, האָט אונדז ניט באַהאָגלט מיט אַזויפיל כאַמסקע זידלערייען. ביי אים גייט מען ניט, נאָר מען לויפט צו דער אַרבעט, האַלטנדיק זיך צו פינף אונטער די אָרעמס. ער וועט קיינמאָל ניט אויסמיידן קיין בלאָטע אויפן וועג, נאָר פירט גראָד אויף אַזעלכע וועגן, וואו מען טאָפּטשעט אין די בלאָטעס ביז איבער די קני. וואַרעמען זיך ביים שייטער, לאָזט ער זייער זעלטן. אויסער דעם, פלעגט ער זיך אַריינמישן אויך אין דער אַרבעט, אונטערזאָגנדיק דעם בריגאַדיר, אַז דער אָדער יענער אַרעסטאַנט כאַפּט אָפּ אַ מינוט דעם אָטעם, אָדער רוט זיך אָפּ אַ ביסל. און אָט איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פון אַ שוידערלעכן פאַל פון ריסקאָווס אכזריות.

מיר האָבן געאַרבעט ביים האַקן וואַלד און צו דעם שוין געווען צוגעוואוינט, כאָטש ס'איז זעלטן אַריבער אַ טאָג אָן אַן אומגליק. מען האָט געהאַקט וואַלד אפילו אין אַ גרויסן ווינט, ווען מען ווייסט ניט אין וואָסער ריכטונג דער בוים וועט פאַלן. האָט טאַקע יעדן טאָג פּאַסירט אַן אומגליקספאַל: דאָ האָט עס עמיצן אַוועקגעלייגט; דאָ האָט עס עמיצן צעשמעטערט אַ האַנט אָדער אַ פוס; צעבראָכן דעם רוקן, אָדער אַן אַנדער אומגליק. די אַרבעטס־שטרעקע איז געווען אַרומגעשטעלט מיט "זאַפּרעטקעס" *). די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געמעגט באַוועגן נאָר אין דעם באַצייכנטן שטח. אַ טראָט אַרויס, האָט שוין באַדייט „אַ פּרוואוו צו אַנטלויפן“ און דער קאָנוואָי האָט געהאַט דאָס רעכט צו שיסן.

אַז עס פלעגט זיין אַן אַנשטענדיקער וועכטער, פלעגן מיר ביי אים פועלן אַ ביסל אויסצוברייטערן אונדזער אַרבעטס־שטח, און מיר פלעגן האָבן מער פּלאַץ אָפּצושפּרינגען אָן אַ זייט, ווען אַ בוים פלעגט פאַלן. ריסקאָוו האָט זיך אָבער שטענדיק באַמיט, אַז מען זאָל די אַרבעטס־שטרעקע מאַכן וואָס ענגער. זיך אומקערן פון דער אַרבעט אַ לעבעדיקער און ניט קיין צוקאַליעטשעטער, איז געווען פשוט אַ נס. דאָס מאָל האָט אָבער ריסקאָוו אָפּגעטאָן אַן ער־גערע געמיינהייט און דווקא מיט אַ 60 יאָריקן אַרעסטאַנט.

דער דאָזיקער עלטערער מענטש איז געווען פון די פיינסטע און אָרנטלעכסטע אַרעסטאַנטן. אַרעסטירט האָט מען אים פאַר רעליגיעזע אַקטיוויטעטן, ווי אַ באַפּטיסט, און ער האָט דערפאַר באַקומען 10 יאָר אַרבעטס־לאַגער. צוויי יאָר איז ער געווען אויף דעם לאַגער־פּונקט 051, און פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך ניט געהערט פון אים קיין הויך וואָרט. עפּעס ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין גענומען אַ שטראָף, האָט ער ניט פאַרפעלט קיין איין טאָג אַרבעט און זיך קיינמאָל ניט באַמיט צו באַפרייען, כאָטש ער איז ווייט ניט געווען קיין געזונטער. ער פלעגט אָפט אַרויסהעלפן אַ צווייטן ביי דער אַרבעט און ניט זעלטן זיך טיילן מיט זיין ברויט. אין דער ברי־

---

*) זאַפּרעטקעס — אַריינגעקלאַפּטע ברעטעלעך אויף שטעקעלעך אין דער ערד, מיט די אויפשריפטן: „זאַפּרעטנאַיאַ זאָנאַ“ — פאַרבאָטענער שטח.

גאָדע האָט מען דעם אַלטן זייער ליב געהאַט, פאַר זיין מענטשלעכקייט און הברישקייט.

און אָט האָבן מיר פלוצלונג דערהערט אַ שיסעריי פון אַ מאַשין־ביקס. ווען מיר האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן מיר דערזען, אַז דער אַלטער — יעפימאָוו האָט ער געהייסן, — איז געבליבן ליגן אַן אָפּגעגאָסענער מיט בלוט. דערביי האָבן מיר קלאָר געזען, אַז יעפימאָוו ליגט אין דער זאָנע. אָבער איידער מיר האָבן באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, איז געפאַלן אַ באַפעל פון קאָנוואָי:

— זיך לייגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ!

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן צוריק, איז די זאָנע געווען איבער־גערוקט. עס איז אָנגעקומען, אַז דער אַלטער איז געבליבן ליגן אויסער דער זאָנע. מיר האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד און געפאָדערט עס זאָל קומען אַ פּראָקוראָר. ריסקאָוו האָט געשיקט אַ קאָנוואָי נאָכן נאַטשאַלניק און דאָקטאָר פון לאַגער. דערוויל האָט דער מערדער אונדז אויסגעזעצט אויף דער ערד און געדראָט, אַז ער וועט די גאַנצע בריגאַדע פאַרשפאַרן אין קאַרצער פאַרן „בונט", וואָס מיר האָבן געמאַכט. ער האָט יעפימאָוון געשאָסן — האָט ער געשריען — ווייל ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן ביי אונדזערס, און ווען דער נאַטשאַלניק איז געקומען, האָבן מיר אים דערקלערט, אַז ריסקאָוו האָט די פאַרבאָט־ברעט־לעך מיט זיינע אייגענע הענט איבערגערוקט נאָכן מאָרד, כדי צו באַקומען אַן אויסצייכענונג.

דער נאַטשאַלניק איז געווען געצוואונגען צו רופן דעם ראַיאָן־פּראָקוראָר. מיטן פּראָקוראָר איז אָנגעקומען אַ גאַנצע קאָמיסיע, אָבער זיי האָבן זייער וויניק אַכט געלייגט אויף אונזערע דערקלערונגען. ריסקאָוו איז נאָך אַרויס פון דער מעשה ווי אַ „העלד". ער האָט, הייסט עס, „העלדיש אויס־געפילט זיין פליכט": אין דער צייט אויסגעמיטן דאָס אַנטלויפן פון אַן אַרעסטאַנט, און דערפאַר באַקומען אַ פּרעמיע פון 500 רובל און אַ חודש אורלויב, און — נאָך אַ העכערונג אין ראַנג: פון אַ פּשוטן סערזשאַנט איז ער געוואָרן אַן עלטערער סערזשאַנט. געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וועלכע האָבן געפּרואווט דורך זייטיקע וועגן שרייבן „העכער", צו דער אָפּטייל־פאַרוואַלטונג קיין נאָוואָ־טשונקאַ, און אפילו קיין מאָסקווע. אָבער דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז געווען, וואָס איינמאָל איז אונדזער לאַגער־נאַטשאַלניק געקומען צו אונדז אַ צעקאָכטער מיט אַ געשריי:

— ווער האָט עס געוואָגט פון אייך צו שרייבן און זיך צו קלאָגן?!

איך וועל אויסגעפינען דורך וועלכע וועגן איר שרייבט אייערע בריוולעך, און וועל אייך פאַרשיקן אין שטראָף־לאַגערן!

מאָסקווע, הייסט עס, האָט דאָס צוריקגעשיקט די אָנקלאַגע מיט אַ צו־שריפט: „איזסליעדאָוואַט" — אויספאָרשן. גלייך טאָקע האָט זיך אָנגע־הויבן אַ גאַנצע צערעמאָניע פון „אויספאָרשונגען". אַ גאַנצן טאָג האָט מען אונדזער בריגאַדע געשלעפּט אין ק. וו. טש. מען האָט יעדן געהייסן אָב־

שרייבן אַ פּאָר ווערטער און דאָס פאַרגליכן מיט דער האַנטשריפט אין דער אָנקלאַגע. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער האָט זיך שטאַרק באַמיט צו שרייבן אַזוי, אַז עס זאָל ניט זיין ענלעך, און מען האָט דעם „פאַרשווערער" ניט געקענט אַנטדעקן. אַלצאיינס איז דער נאַטשאַלניק געווען אין צאָרן און האָט אונדזער בריגאַדע פאַנאַנדערגעלאָזן און דעם עולם אויסגעמישט צווישן די אַנדערע בריגאַדעס.

אָט די דאָזיקע מערדעריי, פון ווילקירלעך דערשיסן אָן אומשולדיקן מענטשן אונטערן אויסרייד, אין וועלן אַנטלויפן, איז געווען אַ גאַנץ אָפּטע דערשיינונג אין יענע יאָרן. פּאַסירט האָט דאָס ניט בלויז אין אונדזער לאַגער־פּונקט, נאָר אין אַ סך פּונקטן פון טיישעטער לאַגער־סיסטעם. אַזעלכע פאַרברעכער ווי עס איז געווען דער מערדער ריסקאָוו, מיט עפּאָלעטן פון דער נ.ק.וו.ד.־וואַך, האָבן אָפּט זיך געיאָגט נאָך פּרעמיעס פאַרן „דערשיסן אַרעסטאַנטן ביים אַנטלויפן". עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס עס זיינען אויך אויף דעם אופן געפאַלן הונדערטער אומשולדיקע קרבנות.

אַנגעלערנט אַזאַ פאַרשוין האָבן מיר ערשט שפּעטער, אין יאָרן אַרום, ווען פון סטאַלינען מיט בעריאַן איז שוין קיין זכר נישט געווען; ווען דער רעזשים האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט און מען האָט זיך גענומען כאָטש עטוואָס רעכנען מיט די אַרעסטאַנטן און פאַרשיקטע.

אָבער פון טריפּהנער געוואוינהייט, האָט אַ קאָנוואָי אפילו דעמאָלט, פּרובירט דערשיסן אַן אַרעסטאַנט אויף אַן ענלעכן אופן. דאַן האָבן מיר דערקלערט אַ סטרייק און נאַטשאַלסטוואָ איז געווען געצוואונגען דעם פאַרברעכער־קאָנוואָיר צו שטעלן פאַר אַ געריכט. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט טאַקע באַקומען 10 יאָר פאַרשיקונג. — — — — — — — —

מיין דאַנק דעם האַרציקן דאָקטאָר ס. איז ניט נאָר מיינער אַליין: אים האָבן צו פאַרדאַנקען זייער לעבן הונדערטער אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן אַ דאַנק זיין הילף איבערגעלעבט יענעם פיינלעכן גיהנום, וואָס רופט זיך סאָוועטישער לאַגער. ווען ניט ער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יעדן אַרעסטאַנט, און אים ממש מיט די נעגל אַרויסגעריסן פון די אַלערליי „נאַריאַדטשיקעס" און בריגאַדירן, און פון די כלערליי דאָקטוירים מיט עפּאָלעטן פון דער נ.ק.וו.ד. ווען נישט ער, וואָלטן זיכער אַ סך, אַ סך מער קברים פאַרבליבן אויף די פעלדער צווישן טיישעט און דער לענאַ.

איך וואָלט אָנגעגעבן זיין פולן נאָמען, אָבער איך ווייס ניט, אויב פאַר דער דאָזיקער גוטסקייט זיינער, זאָל אַמאָל דער געוועזענער אַרעסטאַנט־דאָקטאָר ניט דאַרפן טייער באַצאָלן. בלייבן מיר ביי דעם איניציאַל.

יערמילאָוו, אונדזער געוועזענער נאַטשאַלניק, האָט אַמאָל אין זיין צאָרן אויף אים, פאַרן באַפרייען צופיל אַרעסטאַנטן, דעם דאָקטאָר אַליין אַוועק־געשיקט אויף אַלגעמיינער אַרבעט. מיר, אָבער, די אַרעסטאַנטן, האָבן אונדזער „מלאך רפאל" ניט געלאָזט „קיין האַנט אין קאַלט וואַסער אַריינ־לייגן". יעדער פון אונדז האָט אַראָפּגענומען פון זיך אויסגעאַרבעטע פּראָ־צענטן און אַוועקגעשענקט פאַר אונדזער דאָקטאָר. דער כיטרער יערמילאָוו

האָט זיך געכאַפּט, אַז 300 פּראָצענט אויסאַרבעטונג פון דער נאָרמע, איז היפּש צופיל פאַרן דאָקטאָר, און אַז דאָס איז בלויז דעם בריגאַדירס „בלייפעדער". האָט ער זיך איינמאָל אָוועקגעשטעלט נאָכקוקן, אויב אונדזער דאָקטאָר אַרבעט טאַקע — האָבן מיר זיך אַלע אָוועקגעזעצט און גאָרנישט געטאָן. איז דעם נאַטשאַלניק געוואָרן אַ שאָד די פּראָצענטן, וואָס די בריגאַדע אַרבעט אויס; פאַר אָט די פּראָצענטן באַקומט ער דאָך יעדן חודש אַ פּרעמיע — האָט ער צוריקגעשטעלט אונדזער דאָקטאָר אויף מעדיצינישער אַרבעט אין לאַגער, ביז עס וועט אָנקומען אַ צווייטער דאָקטאָר.

דערווייל האָט דער גוטער דאָקטאָר ס. נאָך מיין שווערער קראַנקהייט אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל מיך לאָזן אַרבעטן אין דער זאָנע. איך האָב באַקומען אַ נייע אַרבעט — אין דער אָראַנזשעריע פון לאַגער.

# אַ רוסיש האַרץ מיט אַ יידישן קרעכץ...

די אָראַנזשעריע (גרינהויז) אין לאַגער, אין וועלכער איך האָב געאַרבעט, האָט געהאָדעוועט פאַרשיידענע בלומען און צוגעגרייט זריעה פון אוגערקעס, פּאָמידאָרן, קרויט און אַנדערע ערד־פּרוכטן.

ווינטער איז מיין אַרבעט באַשטאַנען פון: הייצן די אָראַנזשעריע און אָנהאַלטן די טעמפּעראַטור צו 18 גראַד; יעדן טאָג אָנטראָגן 20 עמער וואַסער פונעם ברונעם, צו באַשפּריצן די בלומען און די יונגע שפּראָצונגען אין דער אָראַנזשעריע; אָנזעגן און צעהאַקן גענוג האָלץ פאַר דער באַהייצונג; מאַכן יעדן טאָג עטלעכע הונדערט שטיק טאָרף־טעפּעלעך און זיי אויסטריקענען; אויפן זומער האָב איך געדאַרפט צוגרייטן ביז 20 טויזנט אַזעלכע טעפּעלעך; צו די דאָזיקע טעפּעלעך ווערט אויך צוגעמישט קי־מיסט, אַש, ערד און האָלץ־זעגעכץ. דאָס אַלץ ווערט אויסגעמישט אין אַ ריזיקן צעבער, און מיט דער הילף פון אַ קאָנסערוון־פּושקע מיט אַ הילצערן שטויסל, ווערן אויסגעמייסטרעוועט די טאָרף־טעפּעלעך.

פון אַלע אַרבעטן, וואָס איך האָב ביז אַהער געטאָן אין לאַגער, איז די אַרבעט געווען די סאַמע לייכטסטע. כאָטש ווינטער האָט מען נאָך דערצו געדאַרפט רייניקן דעם שניי פון די ראָמען און פאַרדעקן די צענדליקער ראָמען מיט לייוונטענע מאַטעס אויף דער נאַכט; וואָך־זיין ביז 12 ביינאַכט, ביז עס קומט דער ספּעציעלער וועכטער דיר פאַרבייטן. פונדעסטוועגן, איז ביי דעם אַלעם זיך ניט געווען אויף וואָס צו באַקלאָגן. און זומער, איז דאָך אָפּגערעדט. די אַרבעט איז דאַן געגאַנגען אויף דער גאַנצער פאַרע. אַנשטאָט די 20 עמער וואַסער ווינטער־צייט, האָט מען זומער געדאַרפט אָנפילן די פעסער מיט גאַנצע 120 עמער, אויף צו באַגיסן יעדן פאַרנאַכט דעם גאָרטן מיט די ספּעקטעס.

אויסער דער אייגנטלעכער אַרבעט האָט מען נאָך געדאַרפט כסדר מלחמה האַלטן מיט די זעלבער פון קאַנוואַי און מיט אַנדערע „קנעפּלעך",

וועלכע פלעגן קומען אין די אָונטן „פּאַרזוכן" פּאָמידאָרן און אוגערקעס. דער נאַטשאַלניק קומט יעדן טאָג באַקוקן „זיין" אָראַנזשעריע. ער האָט אויפן אויג און נעמט אָפּ אַ חשבון פון יעדן פּאָמידאָר, וואָס הענגט אַראָפּ פון די צווייגלעך אין דער אָראַנזשעריע. אָן אָפטער גאַסט ביי דער אָראַנזשעריע איז אויך דער אָקס, וואָס דער נאַטשאַלניק האַלט אין גרויסן פערדשטאַל, און ער ווערט אויך אויסגענוצט אין לאַגער־טראַנספּאָרט.

דער אָקס שפּאַצירט זיך פראַנק און פריי אַרום איבער דער אַרבעטס־זאָנע, און כאַפּט אָפּט אַ קוק אַריין פון אויבן אין דער אָראַנזשעריע. אים געפעלן די גרינע און רויטלעכע פּאָמידאָרן און אוגערקעס, וואָס קוקן אים אָן דורך די שויבן. ער שטעלט אויס זיינע אָקסענע אויגן און — אָט־אָט פאַלט ער אַריין אין דער אָראַנזשעריע!...

דאָס בלוט פלעגט מיר ניט איינמאָל פאַרגליווערט ווערן, ווען איך פלעג דערזען די געפאַר. מער פעלט מיר ניט ער זאָל אַהער אַריינפאַלן און מאַכן אַ תל פון אַלץ. און ווי וואָלט מען אים שפּעטער געקאָנט אַרויסנעמען פון טיפן אָראַנזשעריע־קעלער? אַ צווייט אורטייל וואָלט איך שוין געהאַט אַ פאַרטיקן — פאַר דיווערסיע. ניט איינמאָל בין איך אַרויסגעלאָפן ניט־טויט ניט־לעבעדיק, אָנגעכאַפּט דעם אָקס פאַר די הערנער און אים מיט גוואַלד אַוועקגעשלעפּט פון דער אָראַנזשעריע. דאָס איז ניט געווען פון די לייכטסטע זאַכן. אַז איך פלעג זיך קלאָגן פאַרן נאַטשאַלניק, פאַרוואָס מען לאָזט דעם אָקס פריי זיך אַרומשלאָנדערן איבער דער זאָנע, האָט ער געענטפערט:

— איר מעגט דאַנקען דעם אָקס פאַר זיין מיסט און אָפּפאַל. אָן דעם, וואָלט איר קיין טאָרף־טעפּעלעך ניט געקאָנט מאַכן. און איבעריקס — עס געפעלט אייך ניט — קענט איר גיין פון דאַנען, איך וועל געפינען בעסערע אַרבעטער.

פון דער אָראַנזשעריע גלוסט זיך אָבער ניט אַוועקצוגיין. קודם־כל איז דאָ אַ גאַנצן ווינטער וואַרעם און שטיל. מען דאַרף זיך ניט יאָגן מיט דער בריגאַדע; מען דאַרף ניט געפרוירן ווערן אין וואַלד, אָדער אויף אַנדערע שווערע אַרבעטן; קיין געפאַרן זיינען דאָ ניטאָ. און אַ פאַר פּאָמידאָרן פאַר זיך און פאַר חברים קאָן מען אויך באַקומען, און דאָס איז שוין אַ גאַר וויכטיקער ענין. אין לאַגער בושעוועט די „צינגאַ"־קראַנקהייט, און אַ ביסל וויטאַמינען פון גרינוואַרג איז ממש אָן אוצר פאַרן געזונט.

איך בין נאָך אין מיין לעבן נישט געווען קיין גנב. דאָס געפיל פון גנבענען איז מיר שטענדיק געווען פרעמד. איך בין זיך אָבער מודה, אַז די אָראַנזשעריע האָב איך מיט גרויס געניטשאַפט און קונסט באַגנבעט. אַזוי, אַז עס האָט געקלעקט פאַר אַלע יידן און אַנדערע גוטע פריינד אין לאַגער. און אַ „קינסטלער" האָב איך געדאַרפט זיין אויף צוויי געביטן: ערשטנס, ניט אונטערפירן דעם פאַרוואַלטער פון דער אָראַנזשעריע. און צווייטנס, געניט אַריבערשמוגלען די פּאָמידאָרן און אוגערקעס פון דער אַרבעטס־זאָנע אין אונדזער וואוינונגס־שטח. איך האָב פאַרשטעקט דעם

שמוגל אין ווינטערדיקן וואַטע־היטל, אין די אַרבל, אין די הויזן און ביים דורכגיין דאָס וואַכטע־הייזל געגאַנגען דרייסט, דער וועכטער זאָל אפילו ניט פאַרדעכטיקן אַז דו טראָגסט דורך קאָנטראַבאַנדע. ניט איין מאָל פאַלט איין דאָס האַרץ פון אַ ניט־פריינטלעכן בליק פון אַ וועכטער. מיט דער צייט האָב איך זיך אויסגעלערנט אויך צו פאַרזאָרגן די וועכטער מיט פרישע, רויטע פאָמידאָרן און יענע פלעגן שוין דערפאַר וויניקער זוכן ביי מיר.

ווי גרויס איז אָבער די פרייד, ווען דו ברענגסט דעם „אוצר" אין באַראַק. צענדליקער אויסגעפייניקטע אויגן באַגעגענען דיך מיט אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט. איך צעטייל אין דער שטיל די מתנה און זיי דערקוויקן מיט די זאַפטיקע פרוכטן.

דער פאַרוואַלטער פון דער אָראַנזשעריע איז געווען אַ באַרימטער אַגראָנאָם אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער האָט אַמאָל געענדיקט די באַרימטע רוסישע טימיריאַזעוו־אַקאַדעמיע און שוין אַליין אַרויסגעגעבן האַנטביכער פאַר אַגראָנאָמיע. אין 1937 האָט מען אים אַרעסטירט, און פון דעמאָלט אָן איז ער נאָך פון די לאַגערן ניט אַרויס. ער האָט געוואַנדערט פון קאָלימאַ ביז צום טיישעטער לאַגער. געבוירן ביי אַ טאַטן אַ קאַראַאימער און אַ יידישער מאַמען, האָט ער ביי דער אַרבעט ניט אויפגעהערט זינגען אָדעסער „שלאַגערן" פון די צוואַנציקער יאָרן מיט אַ יידישן אינהאַלט. ער האָט אַמאָל אָנגעפירט מיט אַ ריזיקן „סאָווכאָז" *) און כסדר געהאַלטן אין איין דערציילן, ווי עס איז אים אויף דעם געביט זיך אויסגעקומען צו באַגעגענען מיט די סאָוועטישע „גדולים".

ניט געקוקט דערויף וואָס ער האָט זיך שוין 16 יאָר געהאַט אַרומגעוואַלגערט אין די לאַגערן, האָט ער זיך אָבער געפירט ווי אַ דעספּאָט. שטענדיק אָנגעוואָרפן זיינע מיינונגען אויף זיין געהילף קוטשערענקאָ. דער דאָזיקער קוטשערענקאָ, אַן אוקראַאינער אריבער די זעכציקער, איז אַמאָל געווען אַן אָנפירער פון באַפּטיסטן אין אוקראַאינע. כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין אַגראָנאָמישע אויסבילדונג, איז ער אָבער ביי די פראַקטישע אַרבעטן אין דער אָראַנזשעריע געווען מער דערפאַרן ווי אונדזער פאַרוואַלטער. בכלל איז דער קוטשערענקאָ געווען אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען מיט איבערגעבנקייט און פערפעקטקייט. ער האָט אין זיך געטראָגן אַ באַהאַלטענע שנאה צום פאַרוואַלטער, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ שלימזל, ניט געקוקט אויף זיין גאַנצע אַגראָנאָמישע אויסבילדונג.

דער פאַרוואַלטער, ווידער, איז געווען אש להבה אויף קוטשערענקאָן פאַר דעם, וואָס ער פאַרנעמט זיך אין דער אַראַנזשעריע מיט זיינע באַפּטיסטן. קוטשערענקאָ פאַרבאַהאַלט זיך ניט. ער נעמט צונויף זיין עולם אויך אין באַראַק און פרעדיקט זיין תורה. פאַר דעם דאָזיקן חטא האָט אים דער נאַטשאַלניק פון לאַגער שוין ניט איינמאָל געוואָלט באַזייטיקן פון דער

*) סאָווכאָז — מלוכהשע לאַנדווירטשאַפט, ראַטווירט.

אָראַנזשעריע. אָבער אַזוי ווי קוטשערענקאָ איז אַן אוקראַינער, און די אוקראַינער זיינען די מערהייט אין די בריגאַדעס — וויל גאַטשאַלסטוואָ זיך ניט איינרייסן מיט זיי. דאָס אויספילן די אַרבעטס־פּלענער איז דאָס וויכטיקסטע אין לאַגער. חוץ דעם איז מיין פּאַרוואַלטער אין כעס אויף קוטשערענקאָן צוליב אַן אַנדער זאַך: פאַר יענעמס בעסערע מעגלעכקייטן זיך צוריקצוקערן אויף דער פריי.

ער וויס דער פּאַרוואַלטער, און ער חזרט דאָס איבער ביי יעדער געלעגנהייט, אַז צוליב זיין טראָצקיזם, האָט ער ניט קיין ברעקל שאַנס אַמאָל באַפרייט צו ווערן. אַט איז ער שוין אפילו געוועזן „אַקטירט" מיט 10 יאָר צוריק. דאָס הייסט, אַז ער איז געווען אַזוי מסוכן קראַנק, אַז מען האָט אים שוין געוואָלט אָפּשיקן אַהיים ווי אַ „ניט־נוצלעכן" ביי קיין שום אַרבעט אין לאַגער. ווען מען האָט אָבער אַריינגעקוקט אין זיין „דיעלאָ" און דערזען פאַרוואָס ער זיצט, איז ער געבליבן איינגעפּעקלט. כאָטש ער איז שוין אַציגד אָפּגעזעסן 16 פון די צוגעמשפּטע 20 יאָר, האָפט ער נאָך אַלץ ניט, אַז ער וועט ווען עס איז פון דאַנען אַרויס. קוטשערענקאָ, כאָטש ער האָט אַן אורטייל פון 25 יאָר, האָט אָבער אַ סך מער שאַנסן זיך צו באַפרייען פאַר אים און זיך צוריקקערן צום לעבן.

ביי דער גאַנצער גראָבקייט פון זיין כאַראַקטער, האָט דער פּאַרוואַלטער טיילמאָל אַרויסגערופן אַ רחמנות־געפיל צו זיך. גרעסטנטייל פלעגט דאָס טרעפן דאַן, ווען ער פלעגט אַ טרויעריקער אַרויסנעמען די פאָטאָגראַפיעס פון זיין ווייב און קינדער. זיין ווייב, אַ שיינע קאַצאַפּקע, אַן אוקראַינישע קאַזאַטשקע איז פאָטאָגראַפירט געווען מיט זייערע צוויי קינדער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן נאָך פיצעלעך. די קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידל, זיינען ווי מיליאָנען אַנדערע קינדער, דערצויגן געוואָרן אָן אַ טאַטן. דאָס מיידל, אַ בליענדיקע שיינהייט מיט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן, איז שוין אַ סטודענטקע פון ערשטן קורס מעדיצין; דאָס יינגל האַלט אַ מאַנדאָלינע אין דער האַנט, אָבער זיין פאַרזאָרגט און אויסגעמאַטערט געזיכט זאָגט ניט עדות אויף קיין פריילעכער שטימונג צו שפּילן.

דער טאַטע גיט אַ קלאַפּ מיט די הענט און כאָטש ער זוכט כסדר צו פאַרבאַהאַלטן זיין טיילוויזן יידישן אָפּשטאַם, האַלטנדיק זיך פאַר אַ „רוס", רייסט זיך פון זיין ברוסט אַרויס אַ קרעכץ, און — אַזוי קרעכצן יידן אין אַלע ביטערע און פינצטערע צייטן...

## דער לעט פון יידישן אָפּשטאַם

די צרות און שקלאַפן־אַרבעט האָבן אויך אָוועקגעלייגט דעם פעסט־געבויטן לעט, דעם געזונטן ווידאָוויטשוסן. אויסגעזען האָט ער גראָד ניט ווי קיין לעט, נאָר ווי עפּעס אַ דייטשישער גראַף. צוליב זיין אַרבעט אין דער וועשעריי פון די שניידעריי־וואַרשטאַטן, האָט מען פאַרקוקט זיינע

וואָנצעס, וואָס זיינען פאַרבאַטן צו טראָגן אין לאַגער. די וואָנצעס האָט ער באַזונדערס געפּלעגט און געקרייזלט אַרויפצו. און אָט די וואָנצעס האָבן אים געמאַכט אויסזען ווי אַן אַדעליקער. געזונט — אייזן, פלעגט ער אויס־פילן צו צוויי נאָרמעס אַ טאָג. און זיין אַרבעט איז גאָרניט געווען קיין לייכטע. אונדזער נאַטשאַלניק האָט ניט אומזיסט יעדן חודש באַקומען פּרעמיעס פאַרן אויספילן די פּלענער. די „פאַבריק" זיינע, האָט פון צעפוילטע, פאַר־עיפושטע וואַטענע „פופייקעס", הויזן און קורטקעס געמאַכט מלבושים פאַרן גאַנצן טייטשעט לאַגער.

צו דעם צוועק האָט מען דעם „אוטיל", די שמאַטעס, פריער געוואַשן אין דער „וועשעריי" און שפּעטער אויסגעלאַטעט אין די שניידעריי־וואַר־שטאַטן. קיין וואַש־מאַשינען זיינען ניט געווען. און ווער האָט דאָ געדאַרפט אַזאַ „טעכניק", אַז הענט זיינען דאָ גענוג. איינער פון אָט די „הענט" איז געווען ווידאַוויטשוס, ער איז געווען אַ לעבעדיקע מאַשין. אַלע האָבן זיך געוואונדערט: וואו נעמט ער די כוחות? אמת, ער הינקט אַ ביסל צו. אָבער מען ווייס, אַז דאָס איז ניט פון שוואַכקייט חלילה, אָדער פון רעוומאַטיזם. — דאָס האָט ער באַקומען אַ „מתנה" פון זיין אויספאָרשער. ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, בעת די פייניקונגען אויף דער אויספאָרשונג.

ווידאַוויטשוס, אַ סטודענט פון פערטן קורס מעדיצין אין דעם ריגער אוניווערסיטעט, איז אַריינגעפאַלן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און געאַרבעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. ווידאַוויטשוס האָט זיך אין דעם מודה געווען. ס'איז ניט געווען וואָס צו לייקענען. מ'האָט אָבער ביי אים געוואָלט אַרויסבאַקומען עפּעס אַ צוגעהעריקייט צו אַ לעטישער נאַציאָ־נאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער געלייקנט. האָט מען אים געקלאַפּט מיט אַ ברעט איבער די פּיאַטעס אַזוי לאַנג, ביז דער אַטלעט איז פאַרבליבן אויף זיין גאַנצן לעבן אַ קאַליקע. הינקט ער צו, גייט מיט אַ שטעקעלע, אָבער ער איז נאָך אַלץ מויער־פעסט. אַרבעט ווי אַ פערד און אין די אָוונטן קנעלט ער נאָך אַלץ איבער די מעדיצינישע ביכער, וואָס ער האָט מיט־גענומען מיט זיך אין לאַגער. חברן, חברט ער זיך דווקא מיט יידן. נעמט זיך אָן אַ יידישע קריוודע, ווען ער הערט עפּעס אַן אַנטיסעמיטיש זידל־וואָרט, וואָס כאַפּט זיך ביי ווער אַרויס. ס'איז עפּעס מאָדנע, וואָס ציט אים אַזוי צו יידן? ס'איז געווען אַ רעטעניש, וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער אויפגעקלערט.

מיטאַמאָל האָט עס אים אָנגעקלייגט, דעם אייזערנעם יונג; ער איז געפאַלן ווי אַ דעמב, באַקומען אַ בלוט־שטורץ אין מוח און דערביי אויך פאַראַליזירט געוואָרן אויף איין זייט, אויף אַ האַנט מיט אַ פוס. דער לעט האָט זיך שווער געראַנגלט מיט דער קראַנקהייט. די לעטישע קאָלאָניע אין לאַגער האָט אַ סך געטאָן אים צו ראַטעווען. מ'האָט אים אָפּגעפירט אין לאַגער־שפּיטאָל, וואו ער איז אָפּגעלעגן שיינע עטלעכע חדשים, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער שוין געווען אַ פולער אינוואַליד, שלעפּנדיק אַ האַנט מיט אַ פוס. אויף קיין אַרבעט איז ער שוין ניט געגאַנגען, און אַזוי

ווי ער האָט זיך געהאַלטן גוט מיט יידן, האָבן די יידן אין לאַגער אים מקרב געווען.

איינמאָל, האָט ער מיר פאַרטרויט דעם סוד פון זיין סימפּאַטיע צו יידן. איך בין דאַן שווער קראַנק געווען און מיין בעטל אין „סטאַציאָנאַר" איז געווען בשכנות פון זיינער. אין מיין שווערער קאַטאָרגע־אַרבעט האָב איך אַזויפיל מאָל געבעטן אויף זיך אַ קראַנקהייט און זי איז קיינמאָל ניט גע־קומען. ס'האָט זיך אָבער אַנגעזאַמלט פאַמעלעך און מיך אונטערגעשניטן. איך בין אַוועקגעפאַלן אויף אַ שווערער געלענקן־אַנצינדונג. כ'האָב כסדר געברענט מיט היץ, אין די פיס האָבן געבויערט ווי מיט עקבויערס, דאָס האַרץ איז כסדר אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון די גרויסע דאָזעס סאַליציל (דער איינציקער הילפס־מיטל וואָס דער לאַגער האָט פאַרמאָגט). צו דעם אַלעם האָב איך גענומען ליידן אויף „צינגאַ" (סקאָרבוט), און פון דעם פאַרען זיך פון די דאָקטוירים אַרום מיר האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין לעבן איז געפאַר.

ליג איך איינמאָל אַזוי אין דער טיפער נאַכט, און קאָן צו זיך ניט קומען פון די ווייטאָגן. איך האָב שוין צוויי מאָל געוועקט דעם דאָקטאָר, ער זאָל מיר עפּעס געבן צו שטילן די ווייטאָגן. און די נאַכט ציט זיך אָן אַ סוף, עפּעס ווי אַלע נעכט פון דער וועלט וואָלטן זיך צונויפגעזאַמלט און געוואָרן איין נאַכט. אין אָט דער אומענדלעכער נאַכט האָט זיך ווידאָוויטשוס פאַר מיר פאַרטרויט. אין אָנהייב האָב איך קוים געקענט באַנעמען, וואָס ער רעדט צו מיר. נאָר שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו באַזינען זיינע רייד, האָב איך פון איבעררעשונג פאַרגעסן אָן מיינע ווייטאָגן.

...ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד פון עטלעכע חדשים, זיינען זיינע יידישע עלטערן, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַנטלאָפן פון ריגע, מיט טויזנטער אַנדערע איינוואוינער. אין געלאַף און געדרענג האָבן אים זיינע עלטערן פאַרלאָרן, און עס האָט אים אויפגעהויבן אַ לעטישע קינדערלאָזע פאַרפאַלק. דאָס דאָזיקע פאַרפאַלק האָבן אים אָפּגעשמדט און אים געגעבן אַ דערציאונג וואָס איז געווען ווייט פון זיין יידישן שטאַם. אין זיין קינדהייט און יוגנט איז ער מיט זיי מיטגעגאַנגען אין קירכע און ביז דעם צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער אפילו ניט פאַרדעכטיקט, אַז זיינע דערציער זיינען ניט זיינע אמתע עלטערן. בפרט, איז זיי דאָס לייכט אָנגעקומען פון אים צו פאַרהוילן, ווייל ער איז נאָך ניט געווען געמלט, ווען זיי האָבן אים געפונען.

דערוואוסט האָט ער זיך וועגן זיין אָפּשטאַם דורך אַ צופאַל. די שכנים, מיט וועלכע זיינע איצטיקע עלטערן האָבן אַלע יאָרן גוט געלעבט, האָבן זיך פּלוצלונג שטאַרק צעקריגט. און זיי האָבן געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע און אים וועגן דעם דערציילט. פון אָט יענעם מאָמענט האָט ער ניט געקענט געפינען קיין רו. לפנים וועגן, האָט ער ווי אַ סך אַנדערע לעטן, מיטגעמאַכט די גאַנצע דייטשע אָקופּאַציע און אפילו מיטגעאַרבעט אין אַ דייטשן מילי־טערישן שפּיטאָל. ער האָט אָבער מיט ווייטאָג און פאַרביטערונג צוגעזען

די גרויל־טאַטן פון די היטלעריסטישע בעסטיעס איבער יידן און דאָס בלוט איז אים פאַרגליוערט געוואָרן. ער האָט זיך באַמיט, מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט, אויף אַ געהיימען אופן, צו העלפן די יידן אין ריגע בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. אַ יידישע סטודענטקע פון מעדיצין האָט ער אַ לענגערע צייט אויסבאַהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש און איר באַזאָרגט מיט שפּייז.

קיינער ווייס ניט ביזן היינטיקן טאָג פון זיין יידישן אָפּשטאַם, אָבער ער פילט זיך — זאָגט ער מיר — ווי אַ ייד און ביי יעדער געלעגנהייט זוכט ער קאָנטאַקט מיט יידן.

זיין אויסטערלישע דערציילונג האָט מיך אויף אַזויפיל דערשטוינט, אַז כ׳האָב פאַרגעסן מיין וויטאָג. שפּעטער, ווען מיר איז געוואָרן בעסער, האָבן מיר כסדר געפונען וועגן וואָס צו שמועסן. ווידאָווישוס האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים לערנען העברעאיש, און מאָדנע, דעם אלף־בית האָט ער זיך אויסגעלערנט אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג.

— איך וואָלט וועלן זיין אַ ייד — האָט ער מיר געזאָגט — אָבער איך בין איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז ווען מיינע לעטישע פריינט וואָלטן זיך דערפון דערוואוסט, וואָלטן זיי פון מיר זיך אָפּגעקערט.

איך האָב אים דערציילט, וואָס דער תלמוד זאָגט וועגן דעם, ווען אַ קריסט קומט זיך מגייר זיין, וואָס מען דאַרף אים דערביי דערקלערן. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם ביטערן גורל פון יידישן פאָלק, וואָס ווערט נאָכאַנאַנד געהאַסט און פאַרפאָלגט פון זיינע שונאים. און אַז צו זיין אַ ייד, דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען די לענדן. זיין אַ ייד איז שוין גאָרניט קיין לייכטע זאַך. אויב דער קריסט שרעקט זיך נישט אָפּ, עס געפעלט אים די יידישע תורה און ער איז גרייט פאַר איר צו ליידן, נאָר דעמאָלט דאַרף מען אים דערנעענטערן: „ואהבתם את הגר״ — איר זאָלט ליב האָבן דעם גר!.

איך ווייס ניט, וואָס פון אים וואָלט שפּעטער געוואָרן. פאַר דער צייט וואָס איך בין מיט אים צוזאַמען געלעגן אין סטאַציאָנאַר, האָב איך אים באַוויזן אויסצולערנען אַ היפּשע צאָל העברעאישע ווערטער, וועלכע ער האָט שוין אפילו געקענט אויפשרייבן. ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין יידישע מנהגים, יידישע אגדות. איך ווייס ניט, צי עס וואָלט אים געלעקט מוט זיך אינגאַנצן צו באַקערן צו יידן. פּלוצלונג האָט ער באַקומען אַ צווייטע אַטאַקע און פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין. מען האָט אים אַריבערגעפירט אין לאַגער־שפּיטאָל, וואו ער איז געשטאָרבן.

ווען איך האָב שפּעטער דערציילט וועגן אים דעם ספרדישן חסיד פון סאַמאַרקאַנד, ר׳ אברהם־חיים, האָט ער זיך ניט געקענט שיינקען:

— אַ יידישע נשמה איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן גויים; ווען איך וואָלט געוואוסט — האָט ער מיר געזאָגט — וואָלט איך די נשמה זיינע אומגעקערט צו איר שורש, צו איר שטאַם.

# „טיכי"

אונדזער היימישער לאַגער־הונט „טיכי" (דער שטילער) איז געווען אַ טייל פון אונדזער פינצטערער דאָליע אינעם סאָוועטישן געפאַנגען־לאַגער. ס'וואָלט אונדז אַ סך אומעטיקער געווען אָן אים.

הינט זיינען אַרום אונדזער לאַגער געווען אַ סך, זייער אַ סך. זיי זיינען אַלע געווען פון דער וועלפּישער ראַסע; הויכע און לאַנגע, מיט דינע פאַר־שפּיצטע מיילער און שאַרפע וועלפישע אויגן; זיי פלעגן אונדזערע אַרבעטס־בריגאַדעס באַגלייטן אויף דער אַרבעט; די קאָנוואָיען האָבן ניט געטרויט בלויז זייערע מאַשין־ביקסן און פלעגן זיך באַזאָרגן מיט סטייעס הינט; זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצן „פּיטאָמניק" פאַר האָדעווען הינט, וואו זיי זיינען דער־צויגן געוואָרן פאַר דער לאַגער־וואַך ווי שפּיר־הינט.

טיכי איז אָבער געווען אונדזערס אַ הונט. אַ הונט, וועלכן די אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעכאָוועט און געהאַלטן פאַר זיך, פאַר אונדזער אייגענעם פאַרגעניגן.

ס'איז שוין געווען נאָך סטאַלינס טויט. דער רעזשים איז שוין נישט געווען אַזוי שטרענג און דער רשע, נאַטשאַלניק יערמילאָוו, האָט אויך אַ ביסל נאָכגעלאָזט און פאַרקוקט אפילו אַזאַ מעשה, ווי דאָס אַרויסגנבענען פון פּיטאָמניק אַ קליין הינטעלע. אָפּגעטאָן האָט דאָס איינער פון די בעסטע באַלמעלאָכעס אין לאַגער, גרישקע פּיאָדאָראָוו, וועלכער אַרבעט אויס יעדן טאָג צוויי הונדערט פּראָצענט.

געשען איז די זאַך אַזוי:

איינמאָל האָט מען גרישקען געשיקט מיט אַ טייל פון זיין בריגאַדע פאַר־גרייטן האָלץ פאַרן גאַרניזאָן און פאַראיינוועגס, אויסהייצן דעם אויוון אין דעם הינט־פּיטאָמניק.

גרישקע האָט דאָרט אַ כאַפּ געטאָן אַ קליין הינטעלע, פאַרשטעקט ביי זיך אין קעשענע און שפּעטער אַריינגעטראָגן אין לאַגער־באַראַק.

ער האָט דאָס הינטל אַ נאָמען געגעבן טיכי — עפּעס ווי אַ נקמה אָן אַלע האַווקענדיקע הינט, וואָס מאַכן געוואַלדן נישט נאָר בייטאָג, ביי דער אַרבעט, נאָר לאָזן אונדז ניט שלאָפן אין די נעכט מיט זייערע בילערייען.

טיכי איז נאָך געווען זייער קליין. ער האָט קוים געזען. גרישקע האָט אים אויסגעבעט אין אַ קעסטעלע מיט וואַטע און אים געשפּייזט מיט מעל־צוקער. אָבער מיט טיכין האָט זיך נישט נאָר גרישקע אַליין פאַרנומען. עס האָט אים געקעכלט דער גאַנצער באַראַק. מ'האָט געבראַכט פאַר אים קאָנדענ־סירטן מילך און אפילו האָניג, וואָס עמיץ האָט באַקומען אין אַ פּעקל פון דער היים.

אין דער איינטאָניקייט, וואָס האָט זיך אַזויפיל יאָרן געצויגן און אויס־געטריפט אין טראָפּנס: וואָכן, טעג, שעהען, מינוטן — האָט טיכי אַריינגע־טראָגן אַ ביסעלע הייטערקייט.

ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין פּיצל, האָט ער פריילעך געמאַכט מיט זיין רירנדער קאָמישקייט. ער פלעגט זיך ניט איינמאָל אַרויסקריגן פון קעסטל און נעמען אַרומלויפן אויפן דיל, זיך איבערקאָלערן און בלייבן ליגן אומבאַהאָלפן אויף רוקן, דריגענדיק מיט די לאַפּקעס און סקאָוואָטשענדיק דערביי.

שפּעטער, ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, פלעגט ער אַרומלויפן איבערן לאַגער־שטח פון באַראַק צו באַראַק, אַרומשפּרינגענדיק אַרום יעדן אַרעס־טאַנט וואָס איז פון דער אַרבעט געקומען.

טיכי האָט זיך אויסגעלערנט עסן די זעלבע עסן, וואָס די אַרעסטאַנטן: שוואַרץ ברויט, האָבער־קאַשע און דעם „קאַפּושניאַק" אפילו, די קרויט־זופּ, וואָס איז אונדז במשך פון די לאַנגע לאַגער־יאָרן אַזוי דערעסן געוואָרן. ער איז גיך געוואַקסן און געוואָרן פעסט און קרעפטיק; גרישקע האָט גענומען לערנען אַלע קונצן פון אַ שפּיר־הונט: געגעבן אים אָנצושמעקן אַ טיכל, עס פאַרבאַהאַלטן און טיכי פלעגט עס מיט זיין שאַרפן שפּיר־חוש אויסגעפינען.

ביסלעכווייז, איז טיכי אונדז אויך געוואָרן נוצלעך אין לאַגער. קודם האָט ער געפירט מלחמה מיט די קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס פלעגן אונדז ניט איינמאָל אָנטאָן צרות, גנבענענדיק פון די באַראַקן, וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

טיכי האָט יעדן איינעם פון זיי געקענט און זיך געוואָרפן אויף יעדן פון זיי, וואָס האָט אים געפּרואווט אַ גלעט טאָן און איינגעמען מיט „גוטע רייד".

טיכי האָט זיך אויסגעלערנט שלאָפן בייטאָג און ביינאַכט אויפזיין. אַזוי אַרום האָט ער אונדז באַוואַכט פון די גנבים, וואָס האָבן געלויערט אויף אונדזער שלאָף. ביז אַרום דריי ביינאַכט פלעגט ער ליגן אויף דער שוועל און — זאָל עמיץ פּרוּוון דורכגיין! אפילו די וועכטער אנדזערע, מיט די רויט־בלאָע היטלען פון נ.ק.וו.ד. און אַנדערע טשינאָווניקעס, האָט ער ניט דורכגעלאָזט. ער האָט די לייט דערקענט און געפילט אַז זיי זיינען אונדזערע שונאים. ער פלעגט נישט אויפהערן צו האַווקען, ביז גרישקע פלעגט אַראָפּ פון זיין געלעגער און אים צונעמען.

אפילו אונדזער נאַטשאַלניק יערמילאָוו, האָט פון טיכין געהאַט געברענטע צרות. יערמילאָוו, דער אכזר, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע, אַז אַלע אַרעסטאַנטן זאָלן פאַר אים זיך אויפשטעלן ווען ער קומט אַריין אין אַ באַראַק, האָט שטענדיק פון טיכין באַקומען דעם אמתן קבלת־פּנים. עפּעס אַ שטייגער, ווי דער הונט וואָלט אויסדריקן אונדזער פּראָטעסט וועלכן מיר, אַרעסטאַנטן, זיינען געצוואונגען געווען צו דערשטיקן אין זיך. יערמילאָוו האָט ניט איין מאָל געוואָרנט, מען זאָל דעם הונט „איבערדערציען", פּונקט אַזוי ווי ער, יערמילאָוו, פאַרנעמט זיך מיט אונדזער „איבערדערציאונגס אַרבעט", איינ־שטעלנדיק אַזאַ רעזשים אין לאַגער, מיר זאָלן זיין כשרע, געהאָרכזאַמע לעמעלעך און זיך ניט בונטעווען.

טיכי לאָזט זיך אָבער ניט „איבערדערציען". אַז גרישקע נעמט אים איינ־ריידן מיט גוטע רייד, ער זאָל זיך פירן אָרנטלעך, און גיט אים פון יוצא־

וועגן אַ פּעטשל אין רוקן — גיט אויף אים טיכי אַזאַ בייזן קוק, ווי איינער זאָגט: ווּעמען גייסטו דאָס אָפּנאַרן? כ׳ווייס דען ניט, אַז דו האָסט דעם נאַטשאַלניק פּונקט אַזוי פיינט ווי איך? ער שטיקט זיך ממש מיט דער בילעניש ווי מיט אַ צו גרויסן ביסן, גיט אַ פאַרסקע מיטן מויל און פאַרקלייבט זיך אונטער אַ נאַרע, אַז מען קען אים שפּעטער קוים אַרויסשלעפּן. דאָס ווערט טיכי אין כעס און אַלעמען, אויף דער גאַנצער וועלט, אין וועלכער עס איז קיין ברעקל אמת ניטאָ.

ער לויפט שפּעטער אַוועק אין קעגנאיבערדיקן באַראַק צום בלינדן מיכאַאיל, און ביט אים אָן זיין דינסט. מיכאַאיל האָט שוין גרייט פאַרן הונט אַזאַ קייטעלע און טיכי פירט אים וואו נאָר מיכאַאיל וויל נאָר. עפּעס אַזאַ באַזונדערע ליבשאַפט פון טיכין צום אומגליקלעכן און אומבאַהאָלפענעם בלינדן בחור. נעבן אים פילט זיך טיכי אַ גאַנצער באַלעבאָס: דערהויבענער זעלבסטשטענדיקער. פירנדיק מיכאַאילן ווערט טיכי אין שטיק גוטסקייט, מען הערט ניט פון אים קיין פּיפּס. ער איז כסדר פאַרקוקט אינעם בלינדן, אויפכאַפּנדיק זיין יעדן קער און ווענד. ער דרייט דערביי מיטן וויידל פון גרויס הנאה, פּונקט אַזוי, ווי ער וואָלט דערשמעקט פון דער וויטן דאָס שיסעלע געקעכץ, דאָס פליישיקע געקעכץ, וואָס ווערט אַמאָל אין אַ יובל אין לאַגער געקאָכט. געווײנלעך עסט מען דאָך פּאָסנע.

אָבער ווייזט אויס, אַז טיכי האָט ניט בלויז חשבונות מיט נאַטשאַלסטווע, ווער ווייס וואָס טיכי טראַכט אַלץ אויס ליגנדיק אַזוי מיטן לאַנגן שמאָלן קאָפּ אויף די לאַפּעס, די אויגן-לעפּלעך אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט געדרימלט.

און אָט איז עס געשען.

טיכי האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעגנבעט פון לאַגער און אַוועק מיט דער בריגאַדע אין וואַלד.

אויפן וועג האָבן מיר אים ניט באַמערקט. ערשט אין וואַלד איז ער פלוצים אויסגעוואַקסן.

ער איז שוין דעמאָלט געווען אין זיין פולן וואוקס און אין זיין גאַנצער שיינקייט; די פעל — ווי גראָער זייד. דער וויידל — שטייף פאַרדרייט אַרויף, אַ האַריקער וויידל ווי ביי אַ פוקס. די אויגן ווי גרינער פייער. און שלאַנק איז ער געווען און גרינג זיך געטראָגן ווי אַ סאַרנע, אויף אַ מייל דערשפּירנדיק איעדן שאָרך. גרישקע, וואָס האָט פון די צען יאָר, אויף וועלכע ער איז פאַראורטיילט געוואָרן, געהאַט אָפּצוקומען סך הכל נאָך אַ האַלב יאָר, האָט שוין געחלומט, ווי ער וועט דאָס טיכין מיטנעמען מיט זיך אַהיים; ער וועט קעמפן, מען זאָל אים לאָזן דעם הונט מיטנעמען מיט זיך: ער וועט אָן הונט נישט אַרויס אויף דער פריי!

אָבער גיי ווייס, וואָס טיכי האָט פאַרטראַכט: צו פאַרפירן אַ מלחמה מיטן גרעסטן כלב, וואָס באַגלייט אונדז צו דער אַרבעט: מיט „וואָסטאָטשניק”, דעם הונט, וואָס האָט שוין נישט איינעם פון אונדז אויסגעריסן אַ שטיק מלבוש און צעבלוטיקט. מער ווי אַלע הינט, האָט זיך „וואָסטאָטשני” אָן אויפהער

געריסן אויף די אַרעסטאַנטן, ווי נאָר ער האָט דערהערט עפּעס אַ בייזן געברום פון אַ רשע, אַ וועכטער.

טיכי האָט וואָסטאָטשנין געגעבן אַזוי אַן אומשולדיקן שמעק אַרום. יענער אָבער, מעשה יחסן, האָט אים תיכף ערגעץ־וואו אַ ביס געטאָן. טיכי איז אַפּגעלאָפן ערגעץ וויַיט־וויַיט, זיך געקאָרטשעט אין יסורים, אָבער אפילו קיין ביל ניט געגעבן.

גרישקע האָט באַלד דערפילט, אַז עס שמעקט ניט מיט קיין גוטס, אָבער אוועקיאָגן טיכין אַהיים האָט ער ניט געקענט, ניט אַריבערצוטרעטן די פאַרבאָטענע זאָנע. פאַרצווייפלט האָט ער געשריען: טיכי! טיכי! אָבער טיכי איז דאָס מאָל ניט געווען געהאָרכזאַם. אַ ווילע — און טיכי האָט זיך אַריינגעביסן וואָסטאָטשנין אין האַלדז אַריין מיט אַזאַ קראַפט, ווי ער וואָלט זיין גאַנצן שטילן און געהאָרכזאַמען לעבן, געזאַמלט די קרעפטן פאַר אָט דער מלחמה.

וואָסטאָטשני, דער קאָנוואָי־הונט, האָט זיך געוואָרפן מיט זיין גאַנצן ריזיקן קערפּער, געשלאָגן טיכין מיט די לאַפּעס, געריסן מיט די נעגל, אָבער וואָסטאָטשניס גאָרגל איז שוין געווען דורכגעביסן פון טיכיס שאַרפע ציינער.

גרישקע איז בלייך געוואָרן ווי קאַלך, פאַרגעפילט, אַז טיכי וועט שוין צוריק אין באַראַק נישט קומען. און ניט בלויז ער איז אַזוי אויפגערודערט געוואָרן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטעפּערייַ פון אַ מאַשין־ביקס. ניין, דאָס איז ניט געווען די געוויינלעכע „שפּילערייַ" פון אונדזערע וועכטער אויף איבערצושרעקן אונדז — דאָס איז געווען די נקמה אַן אונדזער הונט.

מער האָבן מיר שוין טיכין ניט געזען.

ס'איז ווידער שרעקלעך אומעטיק געוואָרן אין לאַגער־באַראַק.

גרישקע מיט זיין חברה איז שוין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און זיך געהאַלטן אין איין מיישב זיין, וואָס פאַר אַ שפּיצל מען טוט אָפּ נאַטשאַלסטוואָ: אונטערלייגן אין היגטישן פיטאָמניק אַמאַנאַל *), איז אַ רחמנות אויף די אָרימע באַשעפענישן, וואָס זיינען זיי שולדיק? מאַכן קליינע לעכלעך אין די אוגערקעס, וואָס גייען פאַר נאַטשאַלסטוואָ, און אין זיי אַנגיסן נאַפט? וועט מען זיך דאָך כאַפּן, אַז ס'איז אונדזער אַרבעט. איז געבליבן, אַז ביים קאָנוואָי, וואָס האָט דערשאָסן דעם הונט, זאָל מען אויסשמירן די פּלייצע מיט דזשעגעכץ, ווען מען וועט אונדז פירן אויסלאַדעווען דזשעגעכץ פאַר דער עלעקטראָ־סטאַנציע פון לאַגער.

אַ שווער שטיקל אַרבעט, אָבער אויף גרישקען מעג מען זיך פאַרלאָזן!

---

*) אַמאַנאַל — אַזאַ אויפרייס־שטאָף, מיט וועלכן די אַרעסטאַנטן פלעגן אויסקאָרטשעווען טיף־פאַרצווייגטע וואָרצלען פון גרויסע ביימער, ביים בויען אַ קליין־באַן אין וואַלד, אָדער ביים אויפרייסן שטיינער אין די שטיין־קאַריערן.

ס'וועט זיין אַזוי געמאַכט, אַז ס'זאָל הייסן, אַז דער קאָנוואָי האָט זיך אַליין אויסגעשמירט.

אַזוי האָבן מיר נקמה גענומען פאַרן טויט פון אונדזער באַליבטן הונט — טיכי.

## די נאָרילסקער

אַ גרויסע אַטראַקציע איז אונדזער לאַגער איז געווען דער ציגיינער־אַרעסטאַנט שילאָם. קיינער האָט אפילו ניט געפרעגט, פאַרוואָס זיצט דער ציגיינער מיט אונדז, פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר האָבן ניט געפרעגט, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז צו ווערן אַ „פּאָליטיקער״ ביי די סאָוועטישע מאַכט־האָבער, דאַרף מען ניט קיין סך...

שילאָמס ווייבל מיט די פיר קינדער, זיינען אים נאָכגעפאָרן אין אַלע לאַגערן. שילאָם האָט דערציילט, אַז ביי זיי, ציגיינער, איז פאַראַן אַ מנהג: וואו דער מאַן איז — דאָרט דאַס ווייב זיינע.

אַ יונגע, שוואַרצחנוודיקע ציגיינערין, מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן — פלעגט זי אים אָפט באַזוכן אין לאַגער. פאַר איר האָט ניט עקסיסטירט קיין נאַטשאַלניק מיט קיין וואַכטע. זי פלעגט זיך דורכרייסן דורך אַלע וואַכן און אים יעדן צווייטן אָדער דריטן טאָג ברענגען מתנות. פון וואַנען האָט זי געלעבט? זי פלעגט אויסלייגן קאָרטן אין די אַרומיקע דערפער. 40 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, ציט נאָך אַלץ דעם רוסישן מענטשן צו מיסטעריע און בשופדיקן סוד. ווייבער שטייען נאָך אַלץ אויף מיט חלומות, וועלכע זיי דערציילן איבער, מען זאָל דאָס זיי אויסטייטשן. אויסוואַרפן אין קאָרטן, איז אַ טאָג־טעגלעכע זאַך און ציגיינער האָבן וואָס צו טאָן. זיי פאַר־דינען אַ סך געלט ניט נאָר אין די דערפער, נאָר אויך אין די שטעט, און אפילו ביי אינטעליגענטע מענטשן. ביי אונדז אין לאַגער, פלעגט יעדער דריטער רוס אויפשטיין מיט אַ חלום. איך האָב שוין געוואוסט כמעט אַלע „סימנים״: ווען מען זעט אין חלום אַ צערקווע, באַדייט עס באַפרייאונג; בעמט מען עפעס פון אַ טויטן אין חלום, איז אַ סימן פון געפאַר; האַלטן אַ שטריק אין חלום, הייסט בלייבן זיצן אין לאַגער. א. אַז. וו. אָט דער דאָזיקער כישוף אַרום ציגיינער — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — האָט אפילו אָפּ־געשראָקן אונדזערע נאַטשאַלניקעס; שילאָם פלעגט שטענדיק אַרבעטן אויף די בעסטע און לייכטסטע אַרבעטס־פלעצער און זיין באַהנט ווייבל האָט זיך דורכגעשטופּט צו אים דורך אַלע וואַכן.

דאָס אַלץ איז אָבער בלאָס געוואָרן אַקעגן דער סאַמע לעצטער גע־שעעניש: דאָס אָנקומען פון די נאָרילסקער.

מיר האָבן שוין פון פריער געהערט וועגן די בונטן אין אַ ריי לאַגערן און צווישן זיי אויך אין לאַגער נאָרילסק, וואו עס זיינען אומגעקומען אין אויפשטאַנד אַרום 300 אַרעסטאַנטן. אָבער פון די ניי־געקומענע אַרעסטאַנטן

האָבן מיר אָפּגענומען אַ לעבעדיקן גרויס ווי אַזוי דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן און זיין פאַרלויף.

דער אָנקום פון די נאַרילסקער אין אונדזער לאַגער איז ווי געהעריק צוגעגרייט געוואָרן. מען האָט פריער די מער געזינטערע פון צווישן אונדז, אַריבערגעפירט אין אַנדערע לאַגער־פּונקטן און געמאַכט אָרט פאַר די נאַרילסקער.

זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ סעפּטעמבער־טאָג, אויסגעמאַטערטע פון דער לאַנגער רייזע. דאָס זיינען געווען אַרום 300 אינוואַלידן, מייסטנס אוקראַינער־באַנדעראָווצעס *), וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אינעם בונט אין זייער לאַגער, אין נאַרילסק.

גלייך האָבן זיי גענומען דערציילן די איינצלהייטן פון דעם ניט־גלייכן קאַמף, צווישן אומבאַוואָפנטע אַרעסטאַנטן מיט אַ גאַנצער אַרמיי פון נ.ק.וו.ד.יסטן, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער און טאַנקען. אָנגעהויבן האָט זיך עס צוליב דעם שוידערלעכן רעזשים אין זייער לאַגער, און צוליב דעם איזדיעקעווען זיך פון די וועכטער איבער די אַרעסטאַנטן.

די אוקראַינער, וועלכע זיינען בכלל אין די לאַגערן געווען גוט אָרגאַניזירט, האָבן זיך דערוואוסט, אַז ערגעץ אין אַ פּרויען־לאַגער פאַרגוואַלדיקט די וואַך אוקראַינישע אַרעסטאַנטקעס. זיי האָבן באַקומען בריוו פון פרויען, וועלכע האָבן זיי גערופן נקמה צו נעמען.

אין נאַרילסק, וואָס ליגט 2 טויזנט קילאָמעטער אויף צפון פון קראַסנאָיאַרסק — דאָרט וואו לאַנגע חדשים איז נאַכט און שפּעטער — חדשים טאָג, און דער פראָסט דערגייט ביז צו 70 גראַד, זיינען די אַרעסטאַנטן געווען אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע שיקאַנעס. די ווייטקייט צו אַ צענטער האָט פון די לאַגער־נאַטשאַלניקעס געמאַכט גאַנצע הערשער. די אַרעסטאַנטן האָט מען געמאַטערט און שפּעטער זיך באַרימט וועגן די „מאָדערנסטע שטעט, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער פראָסטיקער טייגע”...

די אַרעסטאַנטן האָבן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, וואָס די נאַטשאַלסטוואָ איז ניט נאָכגעקומען.

דער בונט האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג. ערשטנס, האָבן די אַרעסטאַנטן אויסגעקוילעט אַלע מוסרים, וואָס פלעגן אונטערטראָגן צו נאַטשאַלסטוואָ, וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין לאַגער; אַלע „נאַריאַדטשיקעס”, וואָס האָבן אויסגעמאַטערט דעם אַרעסטאַנט, פאַרפּייניקט אים מיט די אוממעגלעכסטע נאָרמעס אין די שטיין־האַקערייען. באַוואָפנט האָט מען זיך מיט וואָס עס איז נאָר געקומען אין דער האַנט: מיט העלצער, דרענגער, אייזנס, ציגל, שטיינער; אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר ביקסן פון די געפאַנגענע וועכטער און מיט זיי געפירט מלחמה ביזן לעצטן קויל. דער לאַגער איז גלייך אַרומגערינגלט

---

*) באַנדעראָווצעס — אָנגעהעריקע צו דער אונטערערדישער אוקראַינישער, אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט דורכן אוקראַינישן נאַציאָנאַליסט און אַנטיסעמיט — באַנדעראַ.

געוואָרן מיט טאַנקען, און די נאַטשאַלסטוואָ האָט געשטעלט אַן אולטימאַטום. עס זיינען שוין געווען צענדיקער געפאַלענע אַרעסטאַנטן פון די ביקסן־קוילן, אָבער אויך פון צווישן די לאַגער־וועכטער זיינען געווען געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. דער לאַגער האָט זיך געהאַלטן העלדיש און ניט נאָכגעגעבן. דאַן איז די נאַטשאַלסטוואָ אַריין מיט טאַנקען אין לאַגער, אַרויף אויף די באַראַקן, צעשמעטערנדיק זיי און צעקוועטשנדיק אונטער זיך די קערפּערס פון די אַרעסטאַנטן, היפש פון זיי זקנים און קראַנקע.

עס זיינען געפאַלן אין יענעם טאָג ביי דריי הונדערט אַרעסטאַנטן. אָבער דאָס דאָזיקע פאַרגאָסענע בלוט האָט דאָך געהאָלפן, אַז עס זאָל אַראָפּקומען אַ קאָמיסיע פון מאָסקווע. דער רוצחישער נאַטשאַלניק, וואָס האָט אַריינגעשיקט אין לאַגער די טאַנקען, איז אַרעסטירט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פאַקטן, אויף וועלכע די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געקלאָגט, זיינען אמת. מ'האָט גענומען איינגיין אויף פשרות. צוגעזאָגט קעגן די אָנטיילנעמער פון בונט ניט אָנצונעמען קיין שטראָף־מיטלען (און ווי דער שטייגער איז, — ניט געהאַלטן קיין וואָרט און די אָנפירער פון בונט פאַרשיקט אין אַ שטראָף־לאַגער). מ'האָט דעם גאַנצן לאַגער מעדיציניש אונטערזוכט, און אַלע אינוואַלידן אָפּגעשיקט נעענטער צו מזרח־סיביר. אַזוי אַרום, זיינען די דאָזיקע 300 אינוואַלידן צו אונדז געקומען אין לאַגער. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דעם גייסט פון בונט און אויפשטאַנד, און מיט דעם דאָזיקן גייסט אויך אונדז אָנגעשטעקט.

אונדזער נאַטשאַלניק פּימענקאָ, האָט פון זיי אָפּט געכאַפּט געזידלט. גאַנצע חדשים זיינען זיי בכלל ניט אַרויס צו דער אַרבעט, און אין די אָונטן איז דאָס יונגוואַרג אַרויס פאַר די באַראַקן און אין אַ כאָר געזונגען זייער נאַציאָנאַלן הימן. איז אַראָפּגעקומען דער נאַטשאַלניק פון דער „אָט־דיעלעניע", כדי זיי אויסצומוסרן. מען האָט אויך געפּרואווט זיי פאַנאַנדער־טיילן איבער די לאַגער־פּונקטן. איינער פון די אָנגעקומענע אַרעסטאַנטן האָט אין דעם נאַטשאַלניק, וועלכער איז אַראָפּגעקומען זיי אויסמוסרן, דער־קענט, אַז ער איז דאָס דער זעלבער, וואָס האָט אין 1950 אויף אַ לאַגער־פּונקט זיך אויסגעדריקט צו אַ געקומענעם עשאַלאָן אַרעסטאַנטן:

— דאָ קאָנט איר זיך אַליין גראָבן קברים! איר וועט שוין די פרייהייט נישט אָנקוקן, ווי אייערע אייגענע אויערן!

ער האָט דעם לאַגער־נאַטשאַלניק — וועלכער איז פאַר דער צייט דער־הויבן געוואָרן ביז צו אַ נאַטשאַלניק־אָטדיעלעניע — גוט אויסגעזידלט און געשיקט, פאַר אַלע אין די אויגן, צום טייוול. אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן, אויסער וואָס אין „איזוועסטיאַ", דעם אָרגאַן פון דער סאָוועטישער רעגירונג, האָט זיך באַוויזן אַן „אוקאַז", אונטערגעשריבן פון וואָראָשילאָוון, אַז אויפן גרונד פונעם אָפּמאַך מיט דער אַדענאַוער־רעגירונג, ווערן באַפרייט אַלע די, וועלכע זיינען פאַרמשפט געוואָרן פאַר מיטאַרבעטן מיט די נאַציס. עס האָט געהייסן, אַז די וועלכע זיינען געווען אין דייטשן מיליטער און ניט אָנטייל גענומען אין קיין שטראָף־אָטריאַדן, ווערן גלייך באַפרייט, און די, וואָס

האָבן זייער זינד געטאָן אין ציוויל, ווערט זייער שטראָף רעדוצירט אויף אַ העלפט.

גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפהייטערונג צווישן די דייטשן. כאָטש זייער לאַגע האָט זיך שוין סיי־ווי פאַרבעסערט אין לאַגער. עס זיינען צו זיי אָנגעקומען הונדערטער שפּייז־פּעקלעך פון דייטשלאַנד, אָבער פאַר די אַרעסטאַנטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן איז דאָס ניט געווען דערלויבט. אַצינד, האָבן די דייטשן — ווידער פריער פאַר אַלע אַנדערע — די ערשטע דערוואַרט באַפרייט צו ווערן פון לאַגער.

די דאָזיקע געשיכטע האָט אַרויסגערופן די ביטערסטע קאָמענטאַרן ביי די לאַגערניקעס און מען האָט זיך גענומען שטעלן פאַרשיידענע פראַגן :

— ניט שוין־זשע, האָבן די היטלעריסטן מער רעכט אויף אַן אַמנעסטיע ווי די סאָוועטישע בירגער אַליין ?

# אונדזער היימישער בונט

די פאַראָרדענונג פון „אויבן", וועגן אַן אַמנעסטיע פאַר די יעניקע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס, מיט דער באַוואָרעניש : אַז דאָס שליסט בלויז אויס די יעניקע, וועלכע האָבן דערהרגעט מענטשן אין די דייטשע שטראָף־אָטריאַדן, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג צווישן די פאַר־שיקטע אין לאַגער. ס'איז געווען באַוואוסט, אַז די גרעסטע צאָל אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 ביז 25 יאָר פאַרשיקונג, זיינען געזעסן פאַר אַזעלכע מיני „פאַרברעכנס", פאַר וועלכע ס'איז אפילו ניט פאַראַן קיין געזעצלעכער גרונד פאַר אַן אַרעסט, אין אַ לאַנד וואו מען רעכנט זיך מיטן געזעץ און יורידישער געריכטס־פּראָצעדור.

עס זיינען אָבער אין לאַגער אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געזעסן פאַר אמתע פאַרברעכנס : פאַר אויסמאָרדן יידן ; פאַר מערדערייען אין דער נאַצישער געסטאַפּאָ ; פאַר וועכטער־דינסט אין די נאַצישע מאָרד־לאַגערן. אָט די דאָזיקע מיני פאַרברעכער האָבן דווקא אָפּגעשניטן ניט ערגער פון יענע, וועלכע האָבן געוואָגט אַרויסצוזאָגן וועגן עפּעס אַ פרייע מיינונג ; פאַר אַ וואָרט, וואָס קאָן נאָר אויסגעטייטש, אָדער אַריינגעטייטש ווערן, ווי קריטיק קעגן דער סאָוועטישער אָרדענונג, אָדער אַמאָל, אויפן סמך פון אַ מסורישער פּראָוואָקאַציע — איז די שטראָף געווען אַן אַן ערך שטאַרקער און שאַרפער ווי פאַר אַלע מיני מערדער און רויבער.

די יידן־מערדער, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געשריבן אַפּעלאַציעס און געלייקנט שטיין און ביין, אַז זיי האָבן בכלל געהאַט צו טאָן מיט די היטלעריסטן, האָבן אַצינד אויסגעדרייט דעם דישל, כדי אַרונטערצופאַלן אונטער דער אַמנעסטיע פאַר מיטאַרבעטן מיטן דייטשישן אָקופּאַנט. איינער פון די דאָזיקע לייט האָט זיך אפילו געפּלייסט און איבערגעפרעגט דעם לאַגער־נאַטשאַלניק :

— גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק, איך האָב בלויז געהרגעט צוויי יידן, רעכנט זיך דאָס אויך פאַר דינען אין אַ היטלעריסטישן אָטריאַד?

... מען זאַמלט שוין די ערשטע פאַרטיעס נאַצים אָפּצושיקן אַהיים. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געוועזענע געסטאַפּאָוצעס. פאַראַן אָבער אויך צווישן זיי פּשוטע דייטשן, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אַהער פון דייטשלאַנד אונטערן פאַרדאַכט אין שפּיאָנאַזש לטובת — אַמעריקע. איינער אַ 73 יאָריקער אַלטיטשקער, אַ זייגערמאַכער, איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש פאַר אַמעריקע, ווייל זיין טאָכטער האָט שפּאַצירט מיט אַן אַמעריקאַנער אָפיצער. ער האָט באַקומען 10 יאָר לאַגער. עס איז אויך געווען אַ באַפּטיסטישער פּאַסטאָר, וואָס איז אָפּגעקומען אַ שטראָף פאַר זיין גלויבן, אונטער דעם היטלער־רעזשים.

דאַן קומט די די ריי פאַר די אוקראַינער, וועלכע האָבן געדינט אין דייטשן מיליטער. פון זיי ווערן ווייניק באַפרייט. אין זייערע „דיעלאָס" איז פאַרשריבן, אַז זיי האָבן געדינט אין שטראָף־אָטריאַדן. עס האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען ענטפערס אויף אַפּעלאַציעס פון רוסישע בירגער. עס פאַרדריסט זייער, וואָס עס ווערן באַפרייט דווקא אַזעלכע, וועלכע זיינען באַקאַנט ווי פאַרביסענע יידן־פיינט און שוידערלעכע כוליגאַנעס. גראָד האָט זיך אָבער אונטערגערוקט אַזאַ ענין אין אונדזער לאַגער, בעת וועלכן אַלע זיינען געווען פאַראייניקט. דער גייסט פון ווידערשטאַנד אין אַנדערע לאַגערן האָט, ווייזט אויס, געהאָלפן אונדז אָרגאַניזירן אין איין כוח. אונדזער פאָדערונג און קאַמף איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל פון אונדז צונעמען די קרימינעלע פאַרברעכער, וועלכע האָבן כסדר געווילדעוועט, באַגנבעט די קיך, און אפילו ביינאַכט זיך אַריינבאַקומען אין אונדזערע באַראַקן און גערויבט.

געוויינלעך איז צווישן די פּאָליטישע אין זייערע באַראַקן געווען איינגעפירט, אַז אַלץ פלעגט איבערגעלאָזט ווערן אויבן־אויף, קיין זאַך האָט מען ניט פאַרבאַהאַלטן; איינער ביים צווייטן האָט גאָרניט גענומען. די גנבים האָבן אָבער אַרויסגערופן אַ צערודערונג. עס איז ניט דורך קיין טאָג, אַז עס זאָל עפּעס ניט פעלן אין אַ באַראַק. דערביי פלעגן זיי דאָס מאַכן אַזוי קונציק, אַז דער אויפזעער איבערן באַראַק האָט דאָס ניט באַמערקט. פאַרשטייט זיך, אַז דעם צאָרן צוליב די גנבות פלעגט מען אויסלאָזן אויפן אויפזעער, פאַר זיין ניט וואַכזאַמקייט.

די ניי־געקומענע אַרעסטאַנטן פון נאָרילסק, וועלכע זיינען באמת געווען גוט אָרגאַניזירט, האָבן עטלעכע מאָל געכאַפּט די גנבים און זיי גוט צעשלאָגן. אַצינד האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז די גנבים שלייפן מעסערס און גרייטן זיך צו „אַ גענעראַלער אַטאַקע". געווען זיינען דאָס אַ 20 הפקר־מענטשן, אונטערוועלטניקס, גנבים און באַנדיטן, וועגן וועמען מען האָט די גאַנצע צייט אַפּעלירט צום נאַטשאַלניק, ער זאָל זיי פון אונדז צונעמען. אונדזערע אַלע אַפּעלאַציעס האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ טויבער וואַנט. אויסער די גנבות אין לאַגער, פלעגן זיך די דאָזיקע אויסוואורפן פאַרנעמען מיט כאַפּן הינט,

אויסער דער לאַגער־זאָנע, זיי קוילענען און אויפפרעסן. דאָס האָט אויך אַרויסגערופן צו זיי אַן עקל און ווידערווילן. אגב דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז אַזעלכע פאַרשווינגען זיינען געווען ניט בלויז ביי אונדז אַליין, אויף יעדן לאַגער־פונקט אויף דער ליניע טיישעט־לענאַ זיינען זיי געווען. איז אַזוי אָרגאַניזירט געוואָרן, אַז אין איין און דער זעלבער שעה, האָט זיך אויף דער גאַנצער ליניע אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן די קרימינעלע, מיטן ציל: זיי צו באַזייטיקן פון אונדזערע לאַגערן.

דער דאָזיקער קאַמף איז אָבער ניט געווען אַזוי לייכט. פון אַלטער געוואוינטשאַפט, איז נאַטשאַלסטוואָ שטענדיק אויף דער זייט פון די קרי־מינעלע, וועלכע באַרימען זיך כסדר, אַז זיי זיינען געטרייע סאָוועטישע מענטשן און העלפן אין קאַמף קעגן די פּאָליטישע, וועמען זיי פלעגן רופן „פאַשיסטן".

ווי נאָר מען האָט די דאָזיקע פאַרשווינען אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן אויף דער לאַגער־טעריטאָריע, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געוואַלד, זיך גע־וואָרפן מיט מעסערס, אָבער מען האָט פון זיי אָראָפּגעריסן די מלבושים, זיי צעשלאָגן מיט שטעקנס און געטריבן צו דעם לאַגער־טויער. עס איז גע־וואָרן אַ גרויסער טומל, אַ צערודערונג, און דער קאָנוואָי אויף די טורעמלעך האָט געשאָסן אין דער לופטן. גלייך איז אָנגעקומען נאַטשאַלסטוואָ מיט באַוואָפנטע וועכטער, אָבער די דאָזיקע הילף איז געווען אַ קליינע. סך־הכל זיינען דאָס געווען עטלעכע וועכטער פון גאַרניזאָן. ברענגען הילף פון אַ צווייטן לאַגער־פונקט, האָט נאַטשאַלסטוואָ ניט געקאָנט, ווייל אויך דאָרט איז אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען די אייגענע געשיכטע.

דער נאַטשאַלניק האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן, צוצונעמען די דאָזיקע פאַרשווינען, ווייל אים איז עס געגאַנגען אין זיין פּרעסטיזש. ער וועט ניט נאָכגעבן! באַזונדערס האָט זיך געקאָכט דער רעזשים־נאַטשאַלניק, וועלכער איז אַליין געווען אַ דעגענעראַט און אַן אויסוואורף. ער האָט געשאָסן פון דער וואַכטע מיט זיין רעוואָלווער אין לאַגער אַריין, און איינעם פאַרוואונדעט. דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט די אַרעסטאַנטן. מ'האָט געוואָרנט די וועכ־טער, אַז אויב מען וועט ניט צונעמען די גנבים, וועלן זיי געלינטשט ווערן אויפן אָרט. ענדלעך האָט נאַטשאַלסטוואָ געמוזט נאָכגעבן, אָבער בלויז ציטווייליק. זיי האָבן גענומען נקמה דורך דעם, וואָס קיינער איז ניט גע־פירט געוואָרן צו דער אַרבעט און דער לאַגער איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. די גאַנצע וואָך איז אַריין אין לאַגער און געוואָלט געוואָר ווערן, ווער עס זיינען די הויפט־שולדיקע אין בונט. זיי האָבן אָבער גאָרניט געקאָנט אַרויס־קריגן. קיינער האָט מיט זיי ניט גערעדט. איבערהויפט איז דער כעס ביי אונדז געווען גרויס אויפן רעזשים־נאַטשאַלניק, וועלכער האָט געשאָסן אין די אַרעסטירטע. מען האָט אים געוואָרנט ניט אַריינצוקומען אין דער לאַגער־טעריטאָריע, ווייל ער וועט קיין לעבעדיקער פון דאָרט ניט אַרויס.

דערוויסנדיק זיך, אַז דער דאָזיקער „בונט" איז אָרגאַניזירט איבער דעם גאַנצן טיישעט־לאַגער — האָט מען גענומען אַלאַרמירן פון אַלע זייטן קיין מאָסקווע. פון מאָסקווע האָט מען געענטפערט, אַז מען זאָל זיך ווי עס

איז אַליין אַן עצה געבן, ווייל אין מאָסקווע איז מען ערשט פאַרנומען מיט ווייכטיקערע ענינים.

דער נאַטשאַלניק פון דער „אַטדיעלעניע" איז אַרומגעפאָרן איבער זיין אָפּטיילונג און געפּראוווט דורך פּראָוואָקאַטאָרן אַרויסבאַקומען, וועד עס זיינען געווען אין די לאַגער־פונקטן די אָרגאַניזאַטאָרן פון בונט? אָבער עס איז אַזוי אָרגאַניזירט געוואָרן, אַז די אַלע, אויף וועמען עס איז געווען דער מינדסטער חשד, אַז ער דינט נאַטשאַלסטוואָ, האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן פון לאַגער. אַזוי האָט מען אויך ווראַנסקין דעם יידישן אויסוואורף, אַרויסגעטריבן פון לאַגער אין די הוילע אונטערוועש.

## משה בראָדערזאָן שרייבט פאַר אונדז איבער שלום עליכמס „שיר השירים"

וואו קען מען היינט נישט באַקומען שלום עליכמס ביכער צום לייענען, און צו קוויקן זיך מיט זיינע פריילעך־טרויעריקע דערציילונגען? דאַכט זיך אַז וואו די וועלט האָט אַן עק, לייענט מען אים און מען האָט הנאה. אפילו מיר, יידישע אַרעסטאַנטן אין סאָוועטישן „אַזער־לאַג" האָבן געלייענט אין לאַגער שלום־עליכמען, אָבער — ביי וואָס פאַר אַ שווערע באַדינגונגען! און געלייענט האָבן מיר אים נישט פון קיין געדרוקטן בוך, נאָר פון אַ איבערגעשריבענעם טעקסט, וואָס איז אין געהיים איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

... מיט אַ מאָל, עס איז שוין געווען אָנהויב 1955, ווען דער קאַטאָרגע־רעזשים האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט, האָט מען אונדז צו וויסן געגעבן, אַז אין אונדזער לאַגער־פונקט וועט אַראָפּקומען מיט אַ קאָנצערט־באַזוך די אַרטיסטן־בריגאַדע פון דער שכנותדיקער לאַגער־סיסטעם ביי דער לענאַ.

די סיסטעם פון „אַזער־לאַג", אין וועלכן מיר זיינען אָפּגעקומען אונדזערע אורטיילן, האָט ניט געהאַט, ווי געוויינלעכע לאַגערן, זיין אייגענע וואַנדערנדיקע אַרטיסטן־בריגאַדע. אַזאַ בריגאַדע פאַרט אַרום אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן און די אַרטיסטן געניסן פון באַזונדערע פּריווילעגיעס: זיי קליידן זיך עלעגאַנט; מען נעמט ביי זיי ניט אַראָפּ די האָר פון קאָפּ; געוויסע אַרטיסטן האָבן אפילו ספּעציעלע דערלויבענישן אַרומצוגיין אין דער סביבה אָן אַ קאָנוואָי. געוויינ־לעך, פאָרט מיט אַזאַ בריגאַדע מיט אַ פאַרטרעטער פון דער לאַגער־פאַר־וואַלטונג און ניט מער ווי איין וועכטער פון קאָנוואָי. די דאָזיקע בריגאַדעס ווערן רעקרוטירט גרעסטנטייל פון פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן־אַרעסטאַנטן, טיילמאָל, געפינען זיך צווישן זיי גאַנץ באַקאַנטע נעמען.

אונדזער לאַגער, מיט זיין ספּעציעלן רעזשים, האָט זיך ניט געטאָרט דערלויבן אויף אַזעלכע פּריווילעגיעס. אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן, פאַר סטאַלינס טויט, איז געווען אַ צייט, ווען אפילו גרויסע ספּעציאַליסטן, אינ־זשיניערן, טעכניקער, און אפילו דאָקטוירים (אויב נאָר אין לאַגער איז שוין

געווען אין דאָקטאָר אין סאַניטאַרן אָפּטייל), האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן אויף אַלגעמיינער שווערער אַרבעט: גראָבן גריבער, שלעפּן שווערע זעק, זעגן בוימער און האַקן האָלץ. אָבער שוין דער פאַקט, וואָס מען האָט אויך צו אונדז ענדלעך אַראָפּגעבראַכט אַן אַרטיסטן־בריגאַדע, זאָל זיין פון אַ צווייטן לאַגער־סיסטעם, האָט אָנגעזאָגט, אַז מ׳לאָזט נאָך די לייצעס אויף אין הארבן רעזשים אין אונדזער לאַגער־סיסטעם.

די געקומענע אַרטיסטן־בריגאַדע איז באַשטאַנען סך־הכל פון 10 פּערזאָן — 6 מענער און 4 פרויען. כמעט אַלע זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע שוי־שפּילער פון מאָסקווער און לענינגראַדער עסטראַדע־טעאַטערן.

פון די פרויען איז איינע געווען אַ באַקאַנטע לענינגראַדער שוישפּילערין פון סאַטירע־טעאַטער, וועלכע האָט ערשטקלאַסיק אויסגעפירט קאָמישע ראָלן. געווען איז זי אַ מיטליעריקע פרוי, מיט אַ סך קולטור און געשמאַק. די איבעריקע פרויען זיינען געווען יונגע און שיינע, אין סאַמע בלי פון זייער יוגנט: אַן אוקראַאינישע זינגערין; אַ טאַנצערין, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ באַיאַן, און אַ וויאָלין־שפּילערין.

פון די מענער זיינען געווען עטלעכע אַרטיסטן: איינער אַ קונצן־מאַכער; אַ שפּילער אויף אַ טראָמפּייט און אַ יידישער בחור פון לעטלאַנד, אַן ערשט־קלאַסיקער פידל־שפּילער.

ביי אַזאַ געשעעניש, איז קודם־כל אַ שמחה ביי די „פּרידורקעס" (די לאַגער־אָנגעשטעלטע). איין קלייניקייט: אַזויפיל פרויען באַווייזן זיך מיט איין מאָל אין לאַגער. זיי זיצן, די פרויען, פאַר דער פאַרשטעלונג, אינעם גרויסן באַראַק פון דער ק.וו.טש., רויכערן גוטע פּאַפּיראָסן, ניט קיין מאַכאָרקע, פאַרוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר, ווי מיר; די ליפּן און דער פּנים מיט שמינקע, און זיי ענטפערן גערן אויף אַ פלירט פון די יונגע לאַגערניקעס.

גלייך ווערט מאָביליזירט די קיך. דער „נאַריאַדטשיק" גייט אַרום צווישן די אַרעסטאַנטן און זאַמלט צוגויף פון שענקטן און בעסטן, וואָס מ׳האָט באַקומען צוגעשיקט פון דער היים. מען גיט אים ווייס מעל, צוקער, פעטס, קאַקאַאָ, וואורשט און אפילו שאָקאָלאַד. פון אָט דעם אַלעם מאַכט שוין דער קוכער גוטע מאכלים. מען זוכט אויס פון אונטער דער ערד פיינע גלעזער, מענטשלעכע געפעס („מענטשלעכע געפעס" — דאָס איז דער שטענדיקער חלום פון אַרעסטאַנטן, ניט צו דאַרפן מער עסן פון די גראָבע ליימענע שיסלען), און מען טראָגט דאָס אַריין אויף אַ טאַץ, צוגעדעקט מיט בלענדיק־ווייסע טיש־טעכלעך פאַר די אַרטיסטן.

מיר יידן אין לאַגער האָבן זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיטן בחור פון לעטלאַנד, דעם פידל־שפּילער. מיר האָבן וועגן אים שוין געהערט, אָפּגענומען גרוסן פון די שכנותדיקע לאַגערן. אפילו די אַנטיסעמיטן ביי אונדז האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן זיין שפּילן. דער דאָזיקער יידישער בחור איז געווען באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערן איידעלן געזיכט־אויסדרוק. עפּעס ווי די פאַר יאָר לאַגער וואָלטן אויף אים אין גאַנצן קיין שליטה ניט

געהאַט. באַזונדערס האָט זיך אינטערעסירט מיט אים דער יידישער שרייבער ר., וואָס האָט געקענט דעם בחורס משפּחה.

דער בחור איז געקומען קיין סיביר נאָך אין 1940, ווי אַ יונג ייִנגל. ער איז פאַרשיקט געוואָרן פון לעטלאַנד צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה, צוליב דער „זינד" פון זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט. אין סיביר האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן. ער האָט פאַר־ענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג דעם פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט אויף איינעם פון די סיבירער אוניווערזיטעטן און דערביי אין זיך אַנטדעקט אַן איסערגעוויינלעכן חוש פאַר מוזיק. גלייכצייטיק האָט ער פאַרענדיקט אַ קאָנ־סערוואַטאָריע.

ער האָט באַקומען 25 יאָר לאַגער פאַר אַ בלבול, אַז ער זאָל כלומרשט האָבן געהערט צו אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון יידישער יוגנט אין סיביר, וואָס האָט אויף אירע פאַרזאַמלונגען פּראָקלאַמירט די צוגעבונדנקייט צו מדינת ישראל און זיך צוגעהערט צו די ראַדיאָ־טראַנסלאַציעס פון דער ירושלימער „קול ישראל".

ביי אונדז אין לאַגער האָט זיך דער יידישער יונגערמאַן פון לעטלאַנד שטאַרק אינטערעסירט מיט די יידישע אַרעסטאַנטן, און באַזונדערס מיט די יידישע שרייבער. מיר האָבן אים אַריינגענומען אויף אַ ווייל אינעם באַראַק וואו עס האָט זיך געפונען משה בראָדערזאָן, וועלכער האָט זיך מיט אים צוזאַמענגעהאַלטן ווי מיט אַן אייגן קינד. מיר האָבן באַוואונדערט, ווי דאָס אָרעמקע ... גראָבקייט און מיאוסקייט האָט זיך אַזוי וווּנדערלעך צוגעקלעפּט צו אים.

דער יונגער יידישער שפּילער, ווייזט זיך אַרויס, הערט ניט אויף די גאַנצע צייט צו שטודירן. ער לערנט פלייסיק ביי זיך אין וואַגאָן־ווינקל און בעט ביי אונדז רחמים, מיר זאָלן אים אויסלייען דאָס וויכטיקסטע פון די ביכער וואָס איינער האָט דאָ אין זיין אייגנס. איך האָב זיך גלייך געזען מיט אונדזער טייערן פּראָפעסאָר ס., וואָס האָט שוין פאַר דער צייט וואָס מען האָט אָנגעהויבן דערלויבן צו באַקומען ביכער פון דער היים, באַוויזן צונויפזאַמלען ביי זיך אַ היפּשע ביבליאָטעקל מיט וויסנשאַפטלעכע ווערק. פּראָפעסאָר ס. איז גלייך געקומען און מיטגענומען פאַרן בחור דריי וויכטיקע פילאָ־סאָפישע ווערק. דער יונגערמאַן איז געווען אַזוי גערירט פון דער מתנה, אַז ער האָט אונדז גלייך געמאָלדן:

— טייערע יידן, כ'האָב איך אין אָנהייב ניט דערציילט וועגן דאָס טייערסטע, וואָס כ'האָב באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען: דאָס איז אַ קליין ביכעלע מיט יידישע אותיות. אַזעלכע ביכעלעך זעט מען ניט אין לאַגער. מיט דעם ביכעלע איז מיר באַזונדערס שווער זיך צו שיידן. עס איז שלום עליכמס דערציילונג „שיר השירים", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווער יידישן מלוכה פאַרלאַג איידער עס איז געשען דער פּאָגראָם אויף דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס דאָזיקע ביכל האָב איך פאַר דער צייט געלייענט צענדליקער מאָל. אַז כ'האָב קיין צייט ניט צו לייענען, גיב איך סתם אַזוי אַ מיש די בלעטלעך, איך זאָל זיך אָנזעטיקן מיטן בליק פון

יידישע אותיות. געווען יידן, וואָס האָבן מיר אין די לאַגערן געבעטן געבן כאָטש אַ קוק צו טאָן אויף אָט דאָס ביכל. איך וועל איך דאָס ביכל געבן, איר זאָלט עס איבערשרייבן, און אַז כ׳וועל דאָ זיין דאָס צווייטע מאָל, זאָלט איר מיר דאָס אָפּגעבן.

מיר האָבן די דאָזיקע מלאכת הקודש איבערגעגעבן משה בראָדערזאָן און דעם שרייבער ר., וועלכע האָבן געהאַט אַ באַזונדערס קלאָרע און שיינע האַנטשריפט. די צייט איז שוין געווען אַ מילדערע, מ׳האָט שוין געלייענט אין לאַגער צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. אָבער זיך פאַרנעמען מיט איבער־שרייבן אַ יידיש ביכל, איז נאָך אַלץ געווען אַ געפאַר: אַ צעדרייטער וועכטער קען זיך אַריינכאַפּן, און ניט פאַרשטייענדיק, מיט וואָס מען פאַרנעמט זיך, קען ער דאָס צערייסן אָדער איבערגעבן צו נאַטשאַלסטוואָ צו „ראַזביראַיען״ (זיך פאַנאַנדערקלייבן). האָט מען דאָס איבערשרייבן געדאַרפט לאָזן אויף ביי־נאַכט, פאַרבאַהאַלטן פון אַלעמען.

משה בראָדערזאָן האָט מען שוין דאַן געהאַט אַראָפּגענומען פון זיין „אַמט״ ווי אַ נאַכט־שומר. מיט זיין שטענדיקן הומאָר און איינפאַלן, פלעגט ער שאַפן יעדן טאָג נייע און נייע ווערטלעך און וואָרט־שפּילן אויף דער צע־דרייטער נאַטשאַלסטוואָ. זיין שאַרפער וויץ איז געווען דאָס איינציקע, מיט וועלכן ער האָט זיך נוקם געווען פאַר אַלע דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען וואָס אינטעליגענטע מענטשן האָבן אויף זיך געפילט אין לאַגער. זיינע וויצן זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַגער און דערגאַנגען צו דער נאַטשאַל־סטוואָ, אויף וועמענס קאָנטאָ זיינע טרעפלעכע שטעכווערטלעך זיינען געווען געצילט. האָט מען אים דערפאַר אַראָפּגענומען פון זיין „אַמט״. אָבער ס׳איז שוין געווען דאָס יאָר 1955, ווען מענטשן אין זיין עלטער, אויב זיי זיינען אָנערקענט געוואָרן פאַר אינוואַלידן, וואָס זיינען נישט פּייאיק צו קיין אַרבעט, האָט מען שוין ניט געטאָרט צווינגען צו אַרבעטן. ער האָט זיך געהאַט זיין נאָרע אויפן אויבערשטן שטאָק, וואו ער פלעגט האַלב־ליגנדיק לייענען. אויבן טאָקע, אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן, האָט ער אויסגעצירקלט די איבער־שרייבונג פון שלום עליכמס „שיר השירים״. דאָס איבעריקע האָט פאַרגעזעצט דער שרייבער ר. אין אַ פּאַסיקער צייט.

די פרייד פון די יידן אין לאַגער איז ניט געווען צו באַשרייבן. ס׳איז געווען דאָס ערשטע יידישע ביכל פאַר אַזויפיל יאָרן אָן אַ יידישן אות. דער עקזעמפּלאַר איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. איך געדענק ווי דער שרייבער מ. גערץ־מאָוושאָוויטש (ער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ריגע) האָט פאַרגעסן זיין האַרץ־פעלער, וואָס האָט אים אַ לענגערע צייט צוגעשמידט צום בעט אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויפן עקזעמפּלאַר, האָט ער זיך אָנגעטאָן און אַריין אין באַראַק פון משה בראָדערזאָן, כדי אָנצוקוקן די דערציילונג. יידן האָבן געלייענט און געלאַכט דורך טרערן. און צו פאַרדאַנקען האָט מען דאָס געהאַט איינעם, אַ טייערן יידישן בחור פון לעטלאַנד, איינעם פון אַ סך, אַ סך אומבאַקאַנטע מאַרטירער אויפן פראָנט פון אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור.

## ווען מיין אומגעבראַכטע מאַמע וואָלט געזען...

נאָך דעם קליינעם בונט, וואָס מיר, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָבן דורכ־געפירט אין לאַגער קעגן די קרימינעלע פאַרברעכער, האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ אָפטער הערן סטראַשונקעס וועגן נייע „עטאַפּן". מען האָט אונדז געדראָט, אַז מען וועט אונדז פונאַנדערשיקן אין ווייטע און שווערע לאַגערן. קיינער פון אונדז האָט זיך אָבער ניט געשראָקן און ווייניק אַכט געלייגט דערויף. נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך סוף־כל־סוף געמוזט צוריקציען פון זייערע פּלאַנירטע שריט און אַרויס פון דער געשעעניש מיט חרפּה. די קרימינעלע פאַרברעכער האָבן זיי צונויפגעזאַמלט אין אַ באַזונדער לאַגער.

נאָכדעם ווי די פּראָטעסט־אַקציע קעגן די קרימינעלע איז אונדז געלונגען, האָט אונדז שוין ניט אָפּגעשראָקן אַרויסצורופן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, ביי אַ צווייטער געלעגנהייט.

געוויינלעך ווערט אַ שטרייק פאַררעכנט פאַר סאַבאָטאַזש, און מען גיט דערפאַר צו נאָך אַ פּונקט פון כל־בו פּאַראַגראַף 58. אָבער עס זיינען שוין אַוועק די אַלטע ציטן און די אַרעסטאַנטן שרעקן זיך ווייניקער אפילו פאַר די נייע פּונקטן צום גרויסן אַלטן פּעקל. דער אַרעסטאַנט פילט זיך מוטיקער און פּרואווט שוין רעאַגירן אויף אַן עוולה.

פּאַסירט האָט די געשיכטע ווען איינער אַ פּאָליאַק, אַ געוויסער סטרי־קאָווסקי האָט דערקלערט אַ הונגער־שטרייק. סטריקאָווסקי איז אַמאָל, בעת דער פּוילישער גלות־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי, דעלעגירט געוואָרן פון לאָנדאָן אויסצופירן די פונקציע פון אַ פאָרשטייער פון דער פוילישער רע־גירונג אין קראַסנאָיאַרסקער געגנט. אָבער גלייך ווי עס זיינען איבערגעריסן געוואָרן די באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און דער פוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג, האָט מען דעם דאָזיקן סטריקאָווסקי אַרעסטירט.

מען האָט אים דערקלערט פאַר אַ „שפּיאָן" און אים פאַרשפּאַרט אויף 10 יאָר אין טורמע. שפּעטער האָט מען אים פאַרשיקט אויף „ספּעצפּערעסי־לעניע" *) קיין סיביר. דאָרט האָט דער קאָמענדאַנט פונעם פאַרשיקונגס־אָרט צוגענומען זיינע פוילישע פּאַפּירן און אים פאַרשריבן פאַר אַ שטאַטלאָזן. סטריקאָווסקיס טענות, אַז ער האָט געהאַט אפילו צוויי פוילישע פּעסער: אַ „דאָוואָוד אָסאָביסטי" און אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַספּאָרט פון דער פוילישער רעגירונג — דאָס האָט אים ניט געהאָלפן. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען אים צוגעשריבן, אַז ער האָט אויף דער פאַרשיקונג געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד קעגן דער סאָוועטישער אַרמיי, און אים דערלייגט נאָך 10 יאָר ווי אַ צוגאָב. דער אומגליקלעכער פּאָליאַק האָט, אויף איינער אַן אַרבעט, פאַרלאָרן פיר פינגער פון דער רעכטער האַנט. טראָץ דעם אָבער, האָט ער

*) ספּעצפּערעסילעניע — ספּעציעלע פאַרשיקונג.

זיך באַמיט צו אַרבעטן און האָט שפּעטער אָנגעפירט מיט דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער אַרבעט ביים לאַגער.

ווען מען האָט גענומען שמועסן, אַז עס וועלן מעגלעך באַפרייט ווערן די אויסלענדער, צווישן זיי אויך פּאָליאַקן, האָט סטריקאָווסקי געשריבן צענדליקער אַפּעלאַציעס קיין מאָסקווע און אויך צו דער אָרטיקער נאַטשאַלסטוואָ. פון אַלע זייטן האָט מען אים אָבער געענטפערט, אַז ער איז ניט קיין . . . פּוילישער, ווייל אין זיין „דיעלאָ" איז ער געווען פאַרשריבן ווי אַ שטאַטלאָזער. זיין טענה, אַז דאָס איז געווען אַ פּשוטער ווילקיר פון אַ באַנדיטישן קאָמענדאַנט פון זיין פאַרשיקונגס־אָרט, האָט קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן ניט גע־בראַכט. אין פּראָטעסט האָט סטריקאָווסקי דערקלערט אַ הונגער־סטרייק. אויפן פינפטן טאָג האָט נאַטשאַלסטוואָ אים געוואָלט שפּייזן מיט געוואַלד, אויף אַ קינסטלעכן אופן. דאַן האָבן מיר, די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, דערקלערט אַ שטרייק פון גאַנצן לאַגער־פּונקט. און — אויך דאָס מאָל האָט נאַטשאַלסטוואָ נאָכגעגעבן. זיי זיינען געצוואונגען געוואָרן צו רעקאָמענדירן סטריקאָווסקין פאַר מאָסקווע, אַז מען זאָל אים אָנערקענען פאַר אַ געוועזענעם פּוילישן בירגער, און אים איינשליסן אין דער ליסטע פון די אויסלענדער. ערשט דאַן האָט סטריקאָווסקי איבערגעריסן זיין הונגער־שטרייק.

***

ניט פאַראַן אַזאַ זאַך צו וועלכער אַ מענטש זאָל זיך ניט צוגעוואוינען. אין אונדזערע שווערע לאַגער־באַדינגונגען, האָבן מיר נאָר אויסגעקוקט אויף איינס: מען זאָל אונדז ניט פירן אויף קיין ווייטן „עטאַפּ". פאַר אַ ווייטן „עטאַפּ" האָב איך באַזונדערס זיך געמעגט שרעקן. איך בין געווען צווישן די, וועלכע זיינען בעת דער לעצטער „קאָמיסאַוועקע" באַצייכנט געוואָרן ווי צווייטע קאַטעגאָריע. איצט האָט שוין נאַטשאַלסטוואָ דאָס רעכט צו טאָן מיט מיר וואָס זי וויל. פון פאַרשיידענע לאַגערן קומט מען אַלע מאָל מיט צו אונדז אָפּצוקלייבן מענטשן פאַר באַזונדערע שווערע אַרבעטן. צופעליק פאַל איך עפּעס ניט אַריין. דער נאַטשאַלניק שיקט אַוועק די אַלע וואָס אַרבעטן שלעכט, „נעמט זיי אייך צו". די איינציקע סגולה ניט צו דאַרפן מגולגל ווערן ערגעץ ווייט, איז זיך באַמיען גוט צו אַרבעטן. וואו נעמט מען אָבער די כוחות דערצו?

פאַר די פאַר יאָר לאַגער בין איך שוין געוואָרן פיזיש אַ חורבה. איך גיי אויף דער אַרבעט אין וואַלד, וואוהין אונדזער בריגאַדע ווערט געפירט אויף אויסצולאָדן וואַגאָנעס מיט מעל, צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן. ווען מיין מאַמע וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר, אַ קוק געטאָן ווי איר בן־יחיד, וועמען זי האָט דערצויגן צו זיין אַ רב ביי יידן, האָט זיך עס צוגעוואוינט שנעל אויס־צולאָדן אַ פולמאַן־וואַגאָן מיט שווערע זעק מעל, ווי ער „מאַכט" דערביי 75 זעק אויף אַ שטח פון 150 מעטער, דערנאָך טראָגט ער די זעקלעך אויפן וואָג און אַ דריטן מאָל צו „שטאַבעלירן" — אויפלייגן די זעק אין געקעסטלטע

רייען אין מעל־סקלאַד. די אַרבעטס־נאָרמע פאַר אַ „צווייטער קאַטעגאָריע" איז אַריבערצוטראָגן 6 טאָן משא אַ טאָג. דיין זון, טייערע מאַמע מיינע, איז אומגעפאַלן מיטן ערשטן זעקל מעל. האָט מען פּרובירט אין צווייען טראָגן, ביז ער איז דערגאַנגען דעם סוד, אַז טראָגן פאַר זיך, ניט אויף דער פּלייצע, אפילו אין צווייען, איז אַ סך ערגער ווי טראָגן אַליין אויף דער פּלייצע. אַז מען האַלט דאָס זעקל מעל אין די הענט טרעפט זייער אָפט, אַז די בויך־פעל רייסט זיך איבער און מען ווערט געבראָכן...

קיין זעק צוקער פון 90 קילאָגראַם קען דיין זון ניט טראָגן, ער איז נאָך דערצו צו שוואַך. איך באַשולדיק דיר ניט, מאַמע, וואָס דו האָסט מיך ניט אַזוי דערצויגן און איינגעאיבט איך זאָל קענען שפּרייזן מיט 90 קילאָגראַמיקע זעק צוקער אויף די פּלייצעס. האָסט דאָך ניט געוואוסט, אַז דיין זון דערוואַרט אַזאַ שווערע שקלאַפן־פאַרשיקונג אין סאָוועטנלאַנד. מוזסטו מסתמא אַצינד טויטערהייט איינרייסן וועלטן ביי אַלע גרויסע זיידעס מיינע, אַז זיי זאָלן פּועלן ביי דעם אַלמעכטיקן אין הימל, ער זאָל מיר מוחל זיין מיינע זינד און שענקען כוחות אויסצוהאַלטן אַזאַ ביטערע שטראָף...

ווען איך פאַרשפּעטיק זיך אין אָוונט, לויפט משה בראָדערזאָן אַרום איבער די באַראַקן מיך זוכן, אין מורא: אפשר איז מיט מיר עפּעס געשען. אַזעלכע „געשעענישן" טרעפן זיך יעדן טאָג ביי דער אַרבעט און פונדעסטוועגן, אַז איך פרעג אים, וואָס וואָלט ער זיך געוואונטשן, ענטפערט ער מיט אַ זיפץ:

— איך ווינטש זיך איינס: עס זאָל ניט ווערן נאָך ערגער...

יאָ, פאַרן „נאָך ערגער" האָבן מיר אַלע געציטערט. מיר האָבן שוין געוואוסט, וואָס עס הייסט אַזעלכעס „ספּעצלאַגער". פון אָט דעם דאָזיקן לאַגער, קען מען ווען מען וועט עס דאַרפן, דיר אַרויסנעמען, און מען וועט ניט וויסן אויף דער פרייַ, וואו דיין געביין איז אַהינגעקומען. פון דעם דאָזיקן לאַגער וועסטו זיך קיינמאָל ניט אומקערן אַהיים, אפילו ווען דו וועסט דער־לעבן אויסצוזיצן אַלע יאָרן, וועלכע זיינען דיר אָנגעצייכנט געוואָרן לויטן „אורטייל".

## ערב דער באַפרייאונג

ס'איז אָנגעקומען אין לאַגער אַ מעדיצינישע קאָמיסיע אויף דורכ־צופירן אַן „אַקטיראָווקע", דאָס הייסט, אויף איבערצוקוקן דעם געזונט־צו־שטאַנד פון די אַרעסטאַנטן. אָפּצוקלייבן די אַלע וועלכע זיינען שוין פול־שטענדיק אומטויגבאַר צו דער אַרבעט און זיי אָפּשיקן אַהיים.

די קאָמיסיע האָט באַשטימט דריי קאַטעגאָריעס: 1) אַזעלכע וואָס קאָנען נאָך אַרבעטן; 2) אַזעלכע, וועגן וועמען די קאָמיסיע קאָן נישט דעצידירן

אַליין, און זיי ווערן דעריבער איבערגעשיקט דורכצומאַכן זייער אַקטירונג אין אַ שפּיטאָל; און 3) קראַנקע און אינוואַלידן וועגן וועמען ס'איז נישטאָ קיין ספק וועגן זייער ענדגילטיקער אומטויגלעכקייט צו דער לאַגער־אַרבעט.

דער דיכטער משה בראָדערזאָן איז אַריינגעפאַלן צווישן די „אַקטירטע" פון דער דריטער גרופּע, און איך — צווישן דער צווייטער גרופּע, וועלכע דאַרף איבערגעשיקט ווערן אין שפּיטאָל אויף אָבסערוואַציע. סיי־ווי האָט מען אונדז נאָך לאַנגע חדשים געהאַלטן אין לאַגער. בראָדערזאָנען האָט מען ניט באַפרייט און מיך — ניט געשיקט אין שפּיטאָל.

די פּראָצעדור איז געווען אַזאַ, אַז אויסער דער מעדיצינישער קאָמיסיע, האָט מען נאָך געדאַרפט דורכגיין אַ געריכטלעכע קאָמיסיע, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ ריכטער, אַ פּראָקוראָר און אַ פאָרשטייער פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע קאָמיסיע פלעגט זעלטן ווען באַזוכן אַ לאַגער. די שוין „אַקטירטע" פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע, האָבן לאַנג געדאַרפט וואַרטן אויף דער געריכטלעכער קאָמיסיע. שיינע־מרים, די פרוי פון משה בראָדערזאָן, האָט ניט געררוט אין מאָסקווע וועגן דער באַפרייאונג פון איר מאַן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פונעם גענעראַל־פּראָקוראָר, אַז מען זאָל בראָדערזאָנען שטעלן פאַר אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. כאָטש מען האָט אים שוין געהאַט פריער „אַקטירט" האָט מען אים אָפּגעשיקט אין לאַגער־שפּיטאָל. אין אַ חודש אַרום האָט מען מיך אויך אָפּגעשיקט אַהין אויף „אַקטירן זיך".

ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם לאַגער, איז גראָד געווען אַ וואַרעמער האַרבסט־טאָג. כאָטש אונדז האָבן באַגלייט צוויי קאָנוואָיס אויף פערד, איז אָבער דאָס מאָל דער רעזשים געווען אַ סך מילדער. די וועכטער האָבן געוואוסט אַז זיי האָבן פאַר זיך שווער־קראַנקע מענטשן און זיי האָבן דעריבער ניט מורא געהאַט פאַר דער מעגלעכקייט פון אונדזער אַנטלויפן. אייגנטלעך האָט מען אונדז אַרויפגעזעצט אויף אַ פור, אָבער אַזוי ווי עס זיינען צווישן אונדז געווען אויך זקנים און אַזעלכע וואָס האָבן זיך קוים געקענט רירן און די פור איז געווען צו ענג פאַר אַלעמען, בין איך געגאַנגען צופוס.

איינער פון די קאָנוואָיען איז געווען אַ יידישער בחור פון אָדעס. צו זיין שבח זאָל געזאָגט ווערן, אַז עס האָט זיך פאַרט אין אים דערוועקט דאָס פּינטעלע ייד, ער האָט מיך ניט צו שטאַרק געיאָגט. מיט מיינע שלאַבער־דיקע פיס בין איך אָפּט אָפּגעשטאַנען אַ ווייטן וועג פון די איבעריקע קראַנקע, וועלכע זיינען געפאָרן אויף דער פור. דער יידישער בחור פלעגט אַלע מאָל צוריקקריכן אויף זיין פערד מיך אויפצוזוכן, אָבער מיך ניט געיאָגט צו פאַר־שנעלערן די טריט. איך האָב דערפילט די ערשטע לופט פון אַ ביסעלע פריי־הייט. אָט גיי איך און גיי, און אַרום מיר זעען זיך ניט קיין וועכטער, קיין מאַשינען־ביקסן, קיין הינט, וועלכע פלעגן אונדז במשך פון אַלע יאָרן באַגלייטן אויף יעדן שפּאַן. איך דערפיל נאָך לאַנגע יאָרן די שיינקייט פון וואַלד. צווישן די נאָדל־ביימער פאַרגנבעט זיך אַ בעריאָזע און דערציילט

מיט אירע בלעטער אַז דער האַרבסט קומט אָן. אַלע פּייגל אין וואַלד זײַנען אַזוי ווײַט פונעם אַרומיקן שלעכטס, פירן ליבעס און צוויטשערן אַ ליבעשפּראַך אײנער צום צווייטן. פון ערגעץ פון דער טיף פּליט אָן אַזאַ מחיהדיק ווינטעלע און גלעט מיך און רוימט מיך אײַן אַזעלכע צוזאָגנדיקע סודות... אָ! ווען איך קאָן זיך דאָ צוזעצן און אַ דרימל טאָן...

איך האָב גאָרניט געפילט ווי איך האָב זיך טאַקע צוגעזעצט און אײַנגעדרימלט פון מידקייט. אָבער עס וועקט מיך אויף אײנער פון די וועכטער, בלויז מיט אַ פרעטענזיע, אַז ער האָט מיך שוין אַרומגעזוכט. מיר זײַנען שוין אָפּגעגאַנגען צען קילאָמעטער, נאָך אַ זעקס קילאָמעטער — און מיר וועלן זײַן אין שפּיטאָל. ס'איז ניט אַזאַ לאַנגער וועג, אָבער ווי מיד איך בין! ווי מײַן קערפּער איז עס צעבראָכן געוואָרן דורך די יאָרן לאַגער! דאָס האַרץ קלאַפּט שנעל־שנעל, עס פעלט מיר אויס אָטעם. די פיס זײַנען געשוואָלן. איך שטרענג אָן די לעצטע כוחות צו דערקריכן. ענדלעך זײַנען מיר אָנגעקומען.

שוין אין דעם זעלבן אָוונט, ווען אונדזער גרופּע איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל, פירט מען מיר צו עטלעכע דאָקטוירים. בלויז מײַן שלעכטע ראיה גיט מיר דאָס רעכט צו שטיין אויף דער אַקטירונגס־קאָמיסיע. מען פירט מיך צום נאַטשאַלניק פון דער קאָמיסיע, וואָס איז אַ קאַפּיטאַן. ער אונטערזוכט מיר דאָס האַרץ און פון אויסדרוק אויף זײַן פּנים פאַרשטייט איך, אַז מײַן האַרץ איז ניט גאָר פויגלדיק. ער גלויבט זיך אַליין ניט און באַפעלט מיר זיך אָוועקצולייגן אויף דער קאַנאַפּע זיך אָפּצורוען.

— איר זענט געגאַנגען צופוס? — פרעגט ער בײַ מיר — מסתמא ספּעציעל כדי זיך אָפּצושוואַכן דאָס האַרץ...

אָבער נאָכן „אָפּרוען" זיך האָט מײַן האַרץ זיך אַלץ ניט באַרואיקט. באַפעלט מיך דער קאַפּיטאַן איבערצונעכטיקן און קומען צו דער קאָמיסיע צומאָרגנס. דערווײַל האָט מען מיר געמאַכט אַ רענטגען־אויפנאַמע פון די לונגען און דעם האַרץ. דער קאַפּיטאַן האָט ניט געטרויט דעם רענטגענאָלאָג, און אַליין בײַגעווען בעת דער רענטגען־אויפנאַמע.

צומאָרגנס האָב איך זיך אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל־אָפּטיילונג באַגעגנט מיט משה בראָדערזאָנען. ער האָט זיך אין שפּיטאָל די גאַנצע צײַט געהיילט און ערשט איצט גייט ער צו דער קאָמיסיע. דעם דאָזיקן צעבראָכענעם און שווער־קראַנקן מענטש האָט דער קאַפּיטאַן געהאַלטן אַ קנאַפּע שעה, כדי זיך געניי איבערצוצייגן, צי ער נאַרט חלילה ניט אָפּ... אויף דער טענה פון בראָדערזאָנען, אַז מען האָט דאָך אים שוין צוויי מאָל געהאַט „אַקטירט", האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט מיט אַ וויץ, אַז „באָג טראָיצו ליוביט". גאָט האָט ליב אַ דריילינג ; עס הייסט, אַז אַ דריטן מאָל אונטערזוכן מאַכט ניט אויס. אויף דאָס דריטע מאָל האָט מען בײַ בראָדערזאָנען אויסגעפונען אַ טראָמבאָזע אויף די פיס־אָדערן, אַ סקלעראָזע, און אַן „אַנגינאַ פּעקטאָריס" און... מען האָט אים „אַקטירט". די דאָזיקע אַקטירונג האָט אָבער ווייניק געהאָלפן, אַז

מען זאָל אים שפּעטער ניט שלעפּן מיטן עטאַפּ אַזש אין מאַלאַטאָווער געגנט, אינעם אַזוי גערופענעם מאַלאַטאָווער לאַגער. דאָס אַלץ האָט זיך נאָך מער אָפּגערופן אויף בראַדעריזאַנס, אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטן, געזונט־צושטאַנד. און שפּעטער, שוין אין פּוילן, דערפירט צו זיין פּלוצלונגדיקן טויט.

מיך האָט דער קאַפּיטאַן־דאָקטאָר באַזונדערס שווער געמאַטערט. געשען איז דאָס אַלס רעזולטאַט פון מיין פאַרהעלטניסמעסיק יונגן עלטער. ביי אַלע „נייע ווינטן" האָט מען זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט שיידן מיט אַן אַרעסטאַנט, און געזוכט פון אים אַרויסצוצאַפּן דאָס לעצטע ביסל געזונט. עס זיינען אַלץ נויטיק געווען הענט, וועלכע טוען אַלע שווערסטע אַרבעטן פאַרן שפּאָט־ביליגסטן פּרייז. ביי מיר איז פעסטגעשעלט געוואָרן: אַ שלעכטע ראיה; אַ האַרץ־פעלער; געשווילעכץ פון די פיס, ווי אַ רעזולטאַט פון דער דורכ־געמאַכטער שווערער געלענקן־אָנצינדונג. דער קאַפּיטאַן האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַרואיקט, און ווען ער האָט מיך שוין באַפרייט, צוריקגערופן אויף צו מעסטן מיין בלוט־דרוק. צו מיין „גליק" איז מיין בלוט־דרוק צו יענער צייט געווען איבער 200.

מען האָט מיך ענדלעך „אַקטירט" און צוריק אָפּגעשיקט אין לאַגער וואַרטן אויף דער געריכטלעכער קאָמיסיע, וואָס בלויז זי האָט דאָס רעכט אונדז צו באַפרייען אויפן סמך פונעם רעזולטאַט פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע.

... פון מאָסקווע קומען אַלץ אָפטער און אָפטער ענטפערס אויף אַפּעלאַציעס. עס קומען אויך אַראָפּ אין לאַגער אויספאָרשונגס־ריכטער כדי נאָכאַמאָל דורכצופירן אויספאָרשונגען. די אַרעסטאַנטן לייקענען־אָפּ זייערע פריער־דיקע רייד: — מען האָט זיי שווער געפייניקט. די אויספאָרשונגס־ריכטער דינגען זיך ניט קיין סך. פאַרשרייבן אַזוי ווי די אַרעסטאַנטן דערקלערן זיי.

עס איז באַפרייט געוואָרן לויט דער אַמנעסטיע דער פּראָפעסאָר־קולינאַר ג. פון מאָסקווע. ווען פּראָפעסאָר שמידט האָט געמאַכט זיין עקספּעדיציע אויפן אייז־ים, האָט דער דאָזיקער פּראָפעסאָר אים באַזאָרגט מיט ספּעציעלע קאָנצענטראַטן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער פרוי, וועלכע האָט גע־וואָלט פּראַווען די שמחה פסח־צייט. מ'האָט אָפּגעריכט אַ סדר און פאַרן אויסרופן „לשנה הבאה בירושלים", האָט מען אים צוגעשריבן נאַציאָנאַליזם. עס זיינען צו דער שמחה געווען פאַרבעטן אַ סך געסט און איינער פון זיי האָט דערטראָגן וואו מען דאַרף, אַז מען האָט געמאַכט אַ „ציוניסטישע" דעמאָנ־סטראַציע.

ערשט איצט איז ער באַפרייט געוואָרן.

די גאַנצע צייט האָט פּראָפעסאָר ג. געאַרבעט אין דער לאַגער־קיך ווי אַ קאָנסולטאַנט פונעם שעף־קוכער. איצט פּאַקט ער זיינע זאַכן מיט אַ שמייכל, עפּעס ווי די יאָרן לאַגער וואָלטן געווען אין גרויסער חוזק.

יידן באַגלייטן אים:

— זאָל נאָר אחשורוש ניט משוגע ווערן און באַפעלן וושתין טאַנצן אַ נאַקעטע אויפן טיש.

יאָ, די מורא אַז אחשורוש זאָל ווידער ניט משוגע ווערן און פאַרשפּאָרן מיליאָנען אין די לאַגערן, האָט אונדז נאָך אַלץ געעגבערט. אָבער דערווייל זיינען יעדן טאָג אָנגעקומען באַפרייאונגען פאַר עטלעכע צענדליק מענטשן. מען האָט, צום ביישפּיל, געוואוסט צו דערציילן, אַז נאַטשאַלסטוואָ לערנט זיך גאָר „פּאַכן". זיי לערנען זיך ביי די מייסטערס פון די צעכן אַ מלאכה אויף אַ „שווערער צייט". מען שמועסט, אַז דער גאַנצער סיסטעם פון „טיישעט־לאַגער" ווערט ליקווידירט און די טויזנטער אוּן טויזנטער „נאַטשאַלניקעס", וועלכע האָבן „באַדינט" דעם לאַגער, וועלן בלייבן אָן פּרנסה. מען דערציילט אפילו, אַז מיינער אַ נאַטשאַלניק איז שוין באַצייטנס אַוועק פון לאַגער און זיך אויסגעזוכט אַ קאָלווירט ווערגדיק דאָרט אַ „פּרעדסעדאַטעל". ער וויל ניט וואַרטן אויף די לעצטע מינוט, ווען עס וועט שוין ניט זיין וואו און וואָס אויסצוקלייבן . . .

## מיין צעשיידונג מיט דעם דיכטער משה בראָדערזאָן

ווען עס איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ קאָמיסיע אויף אַריבערצופירן אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן אין דעם ווייטן מאָלאָטאָוו־לאַגער האָט משה בראָדערזאָן צו מיר געזאָגט:

— זיי זיינען משוגע געוואָרן; דו זעסט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז זיי ווייסן ניט וואָס עס טוט זיך מיט זיי. . .

און באמת, נאַטשאַלסטוואָ איז געווען אַזוי צעטומלט מיט די לעצטע באַשטימונגען, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. אָך, האָט מען עס אָפּגעלעקט אַ ביינדל די זיבן־אַכט יאָר! אַלץ איז זיך געגאַנגען „נאָרמאַל"... אַרעסטאַנטן זיינען „געפּלאָסן" אין די לאַגערן אָן אָפּהאַלט; דער רעזשים איז כסדר פאַר־שטאַרקט געוואָרן; און די לאַגער־נאַטשאַלניקעס זיינען געווען גאַנצע הערשער. וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי געטאָן: ווילקיר, הפקרות, טיראַניע — אַלץ האָבן זיי געמעגט. מיט די פּראָטעסטן און אָנקלאָגעס פון די אַרעסטאַנטן האָט מען זיך ניט גערעכנט. יעדער נאַטשאַלניק האָט זיך בלויז באַמיט אָפּצוקלייבן פאַר זיין לאַגער די געזינטסטע. און זיינען זיי נאָך אַ קורצער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון שווערער אַרבעט — האָט ער זיך פאַר־שאַפט נייע קנעכט.

איצט איז אָבער אַ צערודערונג. די ביטערע נאַטשאַלניקעס ווייסן פון דער פּראַקטיק, אַז עס וועט דורכגיין אַ שטיקל צייט און די לאַגערן וועלן ווידער זיין פאַרפולט. אַזעלכע דערשיינונגען זיינען אין רוסלאַנד זייער אָפט. נישקשה, פּרנסה וועט ניט פעלן. דערווייל ווייסן זיי אָבער ניט וואָס צו טאָן. די לאַגערן ליידיקן זיך פּאַמעלעך אויס, און יעדער לאַגער באַמיט זיך אין מאָסקווע פאַר אַ „נאַריאַד", אַ דערלויבעניש אָפּצוקלייבן אַרעסטאַנטן פון אַנדערע לאַגערן. דאָ שפּילט, פאַרשטייט זיך, די ערשטע ראָל די וויכטיקייט פון די אונטערנעמונגען וואָס דער לאַגער האָט.

דער מאָלאָטאָוו־לאַגער, וואוהין מען שיקט אַ צאָל אַרעסטאַנטן, באַווייזט,

אַז זיין כעמישע אינדוסטריע איז וויכטיקער ווי אונדזער האַלץ־צוגרייטונג, און באַקומט טאַקע אַ „נאַריאַד״. אַי, אונדזער נאַטשאַלניק ווינט, אַז ער וועט ניט האָבן מיט וועמען צו אַרבעטן — הייסט מען אים אָפּקלייבן מענטשן פון אַנדערע לאַגער־פּונקטן...

אָבער משוגע איז מען טאַקע געוואָרן אויף אַן אמת. וואָרום אויב ניט — וואָלט מען דאָך ניט גענומען קלייבן אַזעלכע קאַליקעס פון אונדזער לאַגער, וועלכע זיינען שוין פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע באַשטימט געוואָרן ווי ניט־טויגבאַר צו קיין שום אַרבעט. אַרעסטאַנטן קלאָגן זיך, אַז זיי וועלן דאָך סיי־ווי אין אַ חודש־צוויי אַרום אָפּפאָרן אַהיים. ענטפערט מען זיי, אַז פון מאַלאָטאָווער גובערניע (פּערם) וועט זיי נעענטער זיין צו פאָרן...

פּלוצלונג בין איך געוואויר געוואָרן, אַז מען קען אויסמיידן די נייע „קאָמיסאַווקע״, כאָטש דער נאַטשאַלניק האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיך אַלע צושטעלן צום עטאַפּ, אָפּגעשיקט צו ווערן אין מאַלאָטאָווער לאַגער. אין דער אמתן, איז אָבער דער נאַטשאַלניק פאַראינטערעסירט, אַז דאָס מאָל זאָל מען... זיך אַרויסדרייען און בלייבן ביי אים. דערביי גלוסט זיך קיינעם ניט צו שלעפּן אויף דעם „עטאַפּ״, וואָס דאַרף דויערן וועד וויסט ווי לאַנג.

בין איך אַוועק און דערציילט בראָדערזאָנען, ער זאָל זיך ניט איילן אויף דער קאָמיסיע. ער איז אָבער שוין געווען אַזוי דערשלאָגן און אַנטוישט אין די אַלע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן אים „אַקטירט״, אַז ער האָט געהאָפט אין מאַלאָטאָוו־לאַגער וועט אים אפשר זיין לייכטער זיך צו באַפרייען.

— דאָרט איז פאָרט ניט קיין „אָזער־לאַג״ — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין.

צום סוף פון די 40ער און אָנהייב 50ער יאָרן וואָלטן אונדזערע אַרעס־טאַנטן פון די לאַגערן מיט אַ ספּעציעלן שטרענגן רעזשים, זיך געריסן צו פאָרן אין דעם מאַלאָטאָוו־לאַגער, וואו דער רעזשים איז אַן אַלגעמיינער; וואו קיין נומערן האָט מען ניט געטראָגן; וואו מען האָט געקענט שרייבן בריוו וויפל מען האָט געוואָלט, און דער אַרעסטאַנט איז דאָרט ניט אַזוי שוידערלעך באַהאַנדלט געוואָרן ווי ביי אונדז. אָבער איצט האָט זיך דער רעזשים אויך ביי אונדז אַ ביסל פאַרבעסערט, און דער עיקר — מען לעבט דאָך מיט דער האָפענונג אַז אָט־אָט וועט מען בכלל באַפרייט ווערן פון דאַנען. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו בלייבן, און זיך ניש שטעלן צו דער קאָמיסיע. דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן אַנדערע יידן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט בראָדערזאָנען, וועלכער איז אָפּגעפאָרן מיטן עטאַפּ קיין מאַלאָטאָוו. די קאָמיסיע האָט אים באַשטעטיקט אַהין צו פאָרן. וואָס וועט ער דאָרט טאָן? די דאָקטוירים האָבן געזאָגט: פאַראַן דאָרטן הונדערטער צעכן. אפילו אַ צעך וואו מען מאַכט ליאַלקעס. אויך אַ סחורה!

— איך פאָר מאַכן ליאַלקעס! — האָט בראָדערזאָן צו מיר געזאָגט מיט זיין שטענדיקן הומאָר, וואָס האָט זיך פון אים ניט אָפּגעטאָן אין די ערגסטע צייטן.

עס איז אָבער גענוג געווען אָנצוקוקן זיין אויסגעצערטן פּנים, זיין גע־

בויגן גשטאַלט, דעם טיפן צער אין זיינע אויגן, צו פאַרשטיין דעם גאַנצן סאַרקאַזם אין אָט די ווערטער. איך האָב אים געהאָלפן טראָגן זיינע פעק צו דער וואַכטע און באַמיט זיך איינצושליגגען זיין געשטאַלט אין מיין זכרון. דאָס האָב איך אים געזען דאָס לעצטע מאָל, נאָך פיר יאָר אָפּזיין צוזאַמען אין לאַגער. וויפל פיין און וויפל דערנידעריקונגען מיר האָבן צוזאַמען אַריבער־געטראָגן! מיר האָט זיך שטענדיקן אויסגעדוכט, אַז דאָס וואָס איך בין נאָך געבליבן גייסטיק געזונט און ניט משוגע געוואָרן פון צרות, האָב איך צו פאַרדאַנקען בראַדערזאָנען, וועלכער האָט אין די ערגסטע מאָמענטן מיך אונטערגעהאַלטן, אויפגעמונטערט און געטרייסט; אויפגעהייטערט מיט זיינע שאַרפזיניקע ווערטלעך און איינפאַלן אויפן חשבון פון ביטערן רעזשים. אין זיין קעגנוואַרט האָב איך ווי פאַרגעסן מיין אייגענע שווערע לאַגע, מיין אויס־זיכטלאָזיקייט און דערנידעריקונג. מיר האָבן זיך לאַנג געזעגנט, זיך צעקושט און בראַדערזאָן האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד, ווי ער וואָלט פאַרגעפילט זיין שנעלן סוף.

די דאָזיקע לאַנגע עטאַפּ־רייזע, וואָס איז צוגעטראַכט געוואָרן פון אַ משוגענעם, האָט אים זיכער קיין טובה ניט געטאָן צו זיינע קראַנקהייטן, וועלכע האָבן כסדר פּראָגרעסירט. און דער סך־הכל איז געווען, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע קומענדיק אין פּוילן. שוין אויף דער פריי, אויפן וועג קיין ישראל.

ער האָט ניט דערלעבט קיין פולשטענדיקע פרייהייט. ער איז ניט געווען צווישן די דערשאָסענע יידישע שרייבער, אָבער זיכער האָבן זיינע איבער־לעבונגען אין די לאַגערן גורם געווען אַ דערבעענטערונג פון זיין טויט. און ער איז ניט געווען דער איינציקער. אַזויפיל טייערע יידן זיינען אין די לאַגערן אומגעקומען. מיר האָבן אויך אָפּגענומען אַ גרוס, אַז דער כאַרקאָווער רב הרב לעוו זצ"ל איז נפטר געוואָרן אין אַ לאַגער־שפּיטאָל.

אונדזער באַגעגעניש מיט אָט דעם רב איז געווען אַ קורצע. מיר זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אויף פאַרשיידענע פּונקטן. אָבער פאַר דער קורצער באַגעגעניש האָב איך זיך איבערצייגט וואָס פאַר אַ פלאַם־פייערדיקער ייד עס איז געווען אָט דער מירער ישיבה־בחור! ער האָט געשפּרודלט מיט תורה און חכמה. מען האָט מיר דערציילט וועגן זיין קאַמף מיט דער נ. ק. וו. ד. , וואָס האָט אים, ווי דעם ראש פון זיין רעליגיעזער קהילה אין כאַרקאָוו, געוואָלט ווערבירן אין זייער נעץ, און וואָס פאַר אַ צרות ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון אָט די פאַרשוינען. מען האָט אים נאָכגעשפּיאָנירט אויף טריט און שריט ביז מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין טורמע און פאַר־משפּט אונטער די אויגן אויף 10 יאָר קאַטאָרגע־אַרבעט. ער האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעצאַנקט ווי אַ ליכט.

***

אונדז, די איבערגעבליבענע אין לאַגער, פירט מען אַריבער אויף אַ צווייטן לאַגער־פּונקט. ער הייסט 010. דאָרט ווערן אַריבערגעפירט אַלע,

וועלכע דאַרפֿן באַפֿרייט ווערן צוליב זייער געזונט־צושטאַנד ווי אומפּיאַיקע צו דער אַרבעט. דאָ איז שוין דער רעזשים איינגאַנצן אַ לייכטער. מען דער־לויבט אונדז אפֿילו נאָך דער אַרבעט אַרויסצוגיין אויסער דער זאָנע. מען דאַרף זיך בלויז מעלדן אויף דער וואַכטע.

שווער איז אָבער דאָרט געווען מיט דער פֿאַרזאָרגונג פֿאַרן לאַגער. אַזוי ווי מיר האָבן זיך גערעכנט פֿאַר האַלב־באַפֿרייטע און נאַטשאַלסטוואָ האָט אונדז ניט געטריבן אויף קאָנטראַקטירטע אַרבעטן אויסער דער זאָנע — האָט זי ניט אויסגעטיילט קיין מענטשן, וועלכע זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט אַלעם נויטיקן. דער לאַגער איז פֿריער געווען אַ פּרויען־לאַגער, וואָס האָט באַאַרבעט סליודע און זיך ניט פֿאַרנומען מיטן צוגרייטן אַ גענוגנדיקן זאַפּאַס פֿון באַהייצונג. אַזוי לאַנג ווי דאָס איז געווען אַ פּרויען־לאַגער האָט די צוגרייטונג געטאָן פֿאַר זיי דער לאַגער 03, וועלכער האָט זיך געפֿונען איין קילאָמעטער אין שכנות. נאָכדעם ווי מ׳האָט די פּרויען אַרויסגעפֿירט פֿון דאַנען, איז אַלץ געבליבן פֿאַרלאָזט. מ׳האָט אַצינד אַליק געדאַרפֿט גיין אין וואַלד נאָך האָלץ, לויט דער ריי שעפּן וואַסער פֿאַר דער קיך און פֿאַר די וואַרין־באַראַקן. דער עס־צימער איז אָפֿט געווען ניט באַהייצט. די באַראַק־באַדינער האָט מען פֿאַר זייער אַרבעט קיין געלט ניט געצאָלט — האָט קיינער אויף זיך ניט געוואָלט נעמען דעם שווערן עול פֿון אַ „דניעוואַלני״. די קוכער האָבן זיך יעדן טאָג געביטן, ווייל זיי פֿלעגן אומגעריכט באַפֿרייט ווערן.

ברויט האָט מען פֿאַר אונדז געבראַכט פֿון אַ שכנותדיקן לאַגער, זייער אָפֿט פֿאַרפֿרוירן ברויט. געקעכטס האָט מען אונדז געגעבן ניט־רעגלמעסיק. דערפֿאַר אָבער האָבן מיר געהאַט די סאַטיספֿאַקציע, וואָס נאָך אַזויפֿיל יאָרן זיינען מיר „שטיקלעך פֿרייע מענטשן״, אָן אַ וואַך. מיר האָבן געקענט גיין אין די שכנותדיקע דערפֿער און רעדן און זיך זען מיט אַנדערע מענטשן. מען האָט דעריבער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן דאָס לעבן אין אַט דעם ווייטן העק פֿון סיביר.

אַ צוויי קילאָמעטער פֿון דעם לאַגער, אַריבערגייענדיק דעם פֿאַרפֿרוי־רענעם טייך, געפֿינט זיך דאָס אַלטע רוסישע דאָרף סטעפּאַנאָווקע. דאָרט לעבן נאָך זקנים, ווענענס עלטערן ס׳זיינען שוין דאָרט געבוירן געוואָרן. זיי גייען נאָך אַרום ווי פֿאַרצייטנס מיט לאַנגע בערד און אין די אַלט־באַקאַנטע פּויערשע היטלען. ס׳איז אויך פֿאַראַן אַ קאָלכאָז, אָבער זקנים דערמאָנען מיט פֿרייד יענע אַלטע צייטן, ווען מען איז ווינטער געפֿאָרן מיט אַ שליטן־בויד איינגעשפּאַנט אין אַ „טראָיקע״ קיין טיישעט נאָך פּראָדוקטן און נאָפּט פֿאַר אַ גאַנצן ווינטער. אין סטעפּאַנאָווקע האָט יעדער פֿון די פּויערים האַרציק אויפֿגענומען די אַרעסטאַנטן. זיי קלאָגן זיך אויף דעם, וואָס דאָס דאָרף איז ניט ווי געהעריק פֿאַרזאָרגט מיט מעדיצינישער הילף און ווען עמיצער ווערט קראַנק, מוז מען מיט אים גיין צום דאָקטאָר לעוואַנדע פֿון אונדזער לאַגער.

דער דאָרפֿישער קלוב איז געווען פֿאַרשאָטן מיט קאַרטאָפֿל, און יונגוואַרג קומט זיך צונויף אין די אָוונטן ביי מישאָן פֿון דעם געוועלבל פֿון „סעלכאָז־

סנאָב״ *), וואו מען כאַפּט אַ טאַנץ אונטער די קלאַנגען פון מישאַס באַיאַן. ערשט פּראָוועט מישאַ זיין חתונה מיט דער דאָרפישער שיינהייט, די 16 יאָריקע קאַטיאַ. פּויערים רוימען איין אין אויער, אַז די מאַמע אירע איז אויך געזעסן אין לאַגער, און אַז קאַטיאַ איז געבוירן געוואָרן פון אַ טאַטן, וועמענס נאָמען מען ווייסט ניט עד־היום, ווייל די קאַטיאַ איז געבוירן געוואָרן טאַקע דאָ אין לאַגער.

אויף דער חתונה זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַ העלפט אַרעסטאַנטן פון אונדזער לאַגער. קאַטיאַס מאַמע, וואָס איז נאָך אַליין שיין און יונג, איז מכבד די אַרעסטאַנטן מער ווי דעם ״פּרעדסעדאַטעל״ פון קאָלכאָז. זי האָט אַ ברייט רוסיש האַרץ, כאָטש זי וועט דערנאָך דאַרפן צוהונגערן אַ האַלב יאָר, פאַר די אויסגאַבן פון דער טאָכטערס חתונה.

# דאָס רוסישע דאָרף כּטעפּאַנאָווקע

אַ סך פון אונדזערע אַרעסטאַנטן פלעגן אויך גיין אין דעם דאָרף סטעפּאַנאָווקע אויף אַ טאָג אַרבעט אין קאָלווירט, וואו מען האָט געצאָלט די ״פּרעמדע״ פון דעם טאָג, און ניט געדאַרפט וואַרטן ווי די קאָלווירטניקעס, אויפן סוף יאָר, ווען מען מאַכט דעם חשבון פון די קאָלווירטישע פאַרדינסטן. דערביי האָט זיך שוין יעדער אויסגעפונען עפּעס אַ וואַרעם ווינקל. אין קיין דאָרף אויף דער וועלט, דוכט זיך, זיינען ניט געווען אַזויפיל אלמנות און איינזאַמע פרויען ווי אין סטעפּאַנאָווקע. אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן האָבן טאַקע געזוכט צו פאַרבלייבן אין אָט דעם דאָרף. ערשטנס, האָבן זיי קיינעם ניט געהאַט אין דער היים. עס זיינען געווען אַזעלכע אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען שוין אָפּגעזעסן לאַנגע יאָרן אין די לאַגערן, און פאַר דער צייט פאַרלוירן די פאַמיליעס. צווייטנס, האָט גלייכצייטיק מיט דעם באַגער צו פאָרן אַהיים, ביי אָט די שווער־געפּרואווטע געעגבערט די שרעק פאַר נאָכאַמאָל אַרעסטירט צו ווערן. אַזעלכע האָבן בעסער געוואָלט זיין פון דער ווייטנס, זיך ניט וואַרפן צופיל אין די אויגן.

אוקראַינער האָבן זיך אָפּגעזוכט ווינקעלעך ביי די פאַרשיקטע אוק־ראַינישע פאַמיליעס אין די אַרומיקע וועלדער. פאַרשיקט האָט מען אָט די פאַמיליעס אין די סוף מלחמה־יאָרן. געקומען צו די וויסטע וועלדער און פאַמעלעך, נאָך לאַנגער און שווערער פּראַצע, זיך דערוואָרבן היימען. צע־באַלעוועטע יונגען, פלעגן קריכן אין הויז פון די באַן־אויפזעערינס. אויף יעדע זעקס קילאָמעטער באַן־וועג שטייט אַזאַ הויז. די אויפזעערינס האָבן דאָ לויט דער ריי זייער דיזשור איבער די רעלסן, און ווינטער רייניקן זיי דעם שניי, וואָס פאַלט אָן איבער אַ מעטער די הויך. זומער גיבן זיי אַכטונג

*) — סעלכאָזסנאָב — סיעלסקאָ־כאָזיאַיסטווענאָיע סנאַבזשעניע — באַזאָרגונג פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

פון מעגלעכע קאַטאַסטראָפעס. די יונגע אַרעסטאַנטן פלעגן צוריקקומען אין לאַגער און דערציילן וועגן זייערע „דערפאָלגן" ביי די פרויען. איבערדערציילן סודות וועגן סקאַנדאַלן, וואָס ווייבער מאַכן זייערע מענער, געפינענדיק זיי אין יענעם הויז.

איינע פון די פרויען פון נאַטשאַלסטוואָ האָט געבן לאַגער אַ קראַם פאַר די אַרעסטאַנטן, וואו זי פאַרקויפט אַלע מיני פאַרלעגענע סחורות און טייערע סיגאַרעטן, וועלכע די פרייע באַפעלקערונג קויפט ניט; פאַרשימלטע וואורשטן; זויער־געוואָרענע קאָנסערוון און דער עיקר — בראָנפן, צוגעמישט מיט אַ היפשער דאָזע וואַסער... אַרעסטאַנטן האָבן אין איר דערקענט אַ געוועזענע אויפזעערין פון אַ פרויען־לאַגער און געוואוסט צו דערציילן, אַז זי האָט אַמאָל פאַר עפּעס אַ זינד, צוגעבונדן ווינטער־צייט אַן אַרעסטאַנטקע צו אַ בוים, און איר אַזוי לאַנג געלאָזט שטיין ביז ביי יענער זיינען אָפּגעפרוירן געוואָרן די פינגער פון די הענט און פון די פיס. איצט טראָגט זי יעדן אַ שמייכעלע אַנטקעגן. חברה טוען איר אָבער אָפּ פאַרשיידענע שפּיצלעך. אָפט ווערן ביי איר אין געוועלבל אַויסגעהאַקט די שויבן. אין אַ פאַס בוימל האָט מען אַריינגעוואָרפן אַ געפּגרטע קאַץ און איינמאָל האָט דער נאַכט־וועכטער קוים פאַרלאָשן אַ שריפה, וועלכע מען האָט נאָך פון בייטאָג זאָרגפעלטיק צוגעגרייט.

די אַרעסטאַנטן פלעגן ביי איר פרעגן:

— זאָפיאַ ניקיטישנאַ, וואָס וועט אייער מאַן טאָן, אַז מען וועט פונאַנדערלאָזן די לאַגערן? מען שמועסט, אַז אין אַ חודש אַרום וועלן שוין אַלע לאַגערן אויסגעליידיקט ווערן.

— קיינמאָל אין לעבן נישט! — פּראָטעסטירט זי — אַזעלכעס קאָן ניט געשען!

— ס'איז אמת, זאָפיאַ ניקיטישנאַ, ס'איז שוין דאָ אַ פּריקאַז. אייער מאַן, דער מאַיאָר, וועט מסתמא ווערן אַ פּאַסטוך אין קאָלכאָז.

***

קינדער קלעפּן זיך צו מיר. קינדער פון די אַרומיקע הייזער. וויפל יאָרן בין איך שוין אָפּגעוואוינט פון זייער אומשולדיקן געלעכטער! דער שניי איז טיף און איך שפּיל זיך מיט זיי אין יאַגעלעך. די קינדער געוואוינען זיך צו צו זייער „פעטער" און ווילן מיר נאָכגיין אין לאַגער. אין לאַגער לאָזן זיי אָבער די וועכטער ניט אַריין, עס זאָל זיך נאָך חלילה צו די קינדער ניט צוקלעפּן עפּעס שלעכטס פון די אַרעסטאַנטן. שטייען די קינדער הינטערן פּלויט און וויינען, בעטן זיך ביים „דיאַדיאַ", און ווילן ניט ענטפערן אויפן רוף פון זייערע מאַמעס אַהיימצוגיין עסן...

צו וויטיאַ קאַסאַקע, וואָס איז שוין אָפּגעקומען דעם צווייטן טערמין לאַגער, איז געקומען דאָס ווייב אויף אַ „סווידאַניע" (זעאונג). ער איז פאַר דער צייט געוואָרן הויט און ביינער. אַלע אין לאַגער האָבן זיך באַמיט צו „מאַכן פון אים אַ מענטש". וואָס איינער האָט נאָר פאַרמאָגט, אַ שיינעם

מלבוש, אַ שפּענצער, אַ העמד, האָט מען דאָס אים געגעבן צו „באַווייזן זיך" פאַרן ווייב. דער ראַזירער האָט אים געמאַכט אַ פיינע פריזור, אומזיסט אים אָפּגעשפּריצט מיט אַ דרייפאַכיקער פּאָרציע אָדעקאָלאָן און אַרעסטאַנטן האָבן אים געהאַלטן אין איין צוגעבן מוט. אָבער אויף צומאָרגנס איז ער צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער:

— מיין ווייב האָט חרטה, זי וויל מיך ניט נעמען אַהיים, איך בין פאַר דער צייט געוואָרן אויס מאַנספּאַרשוין...

און בריוו קומען אָן אין לאַגער, אַזעלכע טרויעריקע, פון די וועלכע האָבן זיך שוין באַפרייט. מען שיקאַנירט זיי, מען באַטראַכט זיי ווי פאַרברעכער. איינער שרייבט: „אין לאַגער האָב איך כאָטש געקאָנט ריידן וואָס איך האָב געוואָלט, און אויף דער ׳פריי׳ האָב איך אַ געשלאָסן מויל".

אַרעסטאַנטן גייען אַרום אומעטיקע. וואָס מער עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון דער באַפרייאונג, אַלץ מער ווערט אומעטיק. פון עטלעכע צוריקגעקומענע האָבן זיך די קרובים אָפּגעזאָגט, ווי פון אַן איבעריקער לאַסט. זיי זיינען דאָך צוריקגעקומען שטערבלעך־קראַנקע. דערווייל אַרבעט דאָס דאָרף סטעפּאַנאָווקע מעשים. די ווייבער פון קאָלווירט וואַרפן זיך ממש די אַרעסטאַנטן אויף די העלדזער. אין זייער עלנטקייט קומען זיי אין לאַגער מיט מתנות און דער נאַטשאַלניק העלפט־צו מאַכן שידוכים. ער איז פאַראינטערעסירט עס זאָלן בלייבן ביי אים מענטשן.

ענדלעך איז אויך אָנגעקומען מיין ריי. אויף מיין אָנקלאָגע, וועלכע איך האָב אַוועקגעשיקט מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק, האָב איך באַקומען אַן ענטפער פון דער גענעראַל־פּראָקוראַטור, אַז באַטראַכטנדיק די אָנקלאַגע איז באַשלאָסן געוואָרן דעם פונקט 11 פון פּאַראַגראַף 58 אַראָפּצונעמען פון דער באַשולדיקונג און לויטן פונקט 10, צווייטע טייל, מיר פאַרקלענערן די שטראָף פון 10 אויף 5 יאָר. דעריבער פאַל איך אַרונטער דער אַמנעסטיע, און אין הסכם מיט דער באַשטימונג פונעם אויבערראַט פון פּרעזידיום פון פ.ס.ס.ר. פון 27טן מערץ 1953 וועגן אַמנעסטיע — ווער איך באַפרייט.

מען האָט מיר ניט אַראָפּגענומען די שטראָף אינגאַנצן. אויף דעם האָט זיך נאָך די סאָוועטישע יוסטיץ ניט געקאָנט דערלויבן. מען האָט בלויז אַראָפּגענומען דעם פונקט 11: דאָס הייסט, די באַשולדיקונג אין אַן אָרגאַניזירטער אַנטי־סאָוועטישער גרופּע און די שטראָף ווערט דערפאַר בלויז פאַרקלענערט אויף אַ העלפט. וואָס אַן אמת, בין איך שוין אָפּגעזעסן זיבן, נו איז גיי פאָדער פון זיי אַנטשעדיקונג פאַר די איבעריקע צוויי יאָר...

גלייך האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער, וואו מען איז אינגאַנצן פריי און מען דאַרף זיך אפילו נישט מעלדן יעדן אָוונט. און מאָדנע: דאָרט האָב איך געטראָפן מיין אַמאָליקן „נאַריאַדטשיק", דעם באַנדיט און שונא־ישראל ניעסטערענקאָ, וועלכער האָט אונדז אַזויפיל צרות אָנגעטאָן אין לאַגער 051. ער איז דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערן אַמט: ער אַרבעט מיט אין דער אָפּטיילונג ביים פאַרטיק מאַכן די דאָקומענטן פאַר די אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן באַפרייט צו ווערן.

אונדזערע קללות האָבן אים ניט געשאַט. מורא האָבנדיק, וויזט אויס, אַהיים צו פאָרן קיין אוקראַינע, עס זאָל זיך ניט אָפּרופן עפּעס אַן עדות פון זיינע מעשי־תעתועים אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, האָט ער זיך באַזעצט אין טשוקשאַ, אין דעם וויטן סיבירער ישוב, חתונה געהאַט און געפּראַוועט הוליאַנקעס צוזאַמען מיט נאַטשאַלסטווע. אָבער וועמען גייט ער ערשט אָן? מען דאַרף זיך דערוואַרטן נאָר אויפן פּאַספּאָרט, און די אַלע פאַרשוינענע פאַר די אויגן מער נישט אָנקוקן.

אין טשוקשאַ האָבן מיר שוין דאָס רעכט צו גיין אין אַ ביבליאָטעק, אין אַ קלוב וואו מען ווייזט אַמאָל אַ פילם. מיר הייבן זיך שוין אָן ווירקלעך פילן פריי. די פּראָצעדור פון צוגרייטן אונדזערע פּאַפּירן איז אַזאַ לאַנגע, אַז עס נעמט ווידער אַ האַלבן חודש. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויף יעדן איינעם דאַרפן אויסגעפילט ווערן 5 פּאַפּירן און מיט די פּאַפּירן דאַרף מען דערנאָך פאָרן אין ראַיאָן צום נאַטשאַלניק פון דער מיליץ, ער זאָל אויף דעם סמך אויסשרייבן פּאַספּאָרטן. האָבנדיק דאָס אַלץ פאַרטיק, דאַרף מען ערשט פאָרן קיין טייִשעט, וואו מען באַקומט דעם „פּאַיאָק" (שפּייז־ראַציע) אויפן וועג און דעם בילעט. אין טייִשעט ראַיעט עס מיט גנבים. ניט זעלטן טרעפט, אַז די אַרעסטאַנטן באַגנבעט מען פון לעצטן וואָס זיי פאַרמאָגן. די באַנען זיינען איבערפולט און ווידער וואַרט מען צו 3־4 טעג זיך אַרויפצובאַקומען אויפן באַן.

ענדלעך בין איך שוין אין דער באַן. מיין „קאָמאַנדיראָווקע", מיין וועג־ליניע איז כאַבאַראָווסק. אַהין דאַרף מען פאָרן 5 מעת־לעת און דערויף באַקום איך 3 רובל אַ טאָג. דאָס קלעקט קוים אויף ברויט מיט צוקער צום טיי, אָבער גאָרניט, אָבי איך בין אַ פרייער פויגל. ווער דאַרף דעליקאַטעסן — פּוטער, אייער, פיש, פלייש — וויפל טעג האָב איך שוין ניט געהונגערט? אָבי מען האָט דערלעבט באַפרייט צו ווערן! לאָמיר נאָר אַ שמעק טאָן ווי די פרייהייט זעט אויס אין דער אמתן. — געווען איז דאָס אין פעברואַר, 1956.

## צוריק קיין ביראָ־בידזשאַן

איצט פאָר איך שוין ניט אין קיין „סטאָליפּין"־וואַגאָן פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג, און ניט אין קיין פאַרבלאָמבירטן פראַכט־וואַגאָן. און ווען ניט מיין וואַטענער קאַפטאַן, די פאַרשמאַלצענע וואַטענע הויזן און מיינע אַ ביסל צו גרויסע לאַגער־שיך, קען איך אָנגיין פאַר אַ געוויינלעכן בירגער. אמת, אויבן איבער מיר אין וואַגאָן, ליגט ניט קיין טשעמאָדאַן, נאָר אַ פּשוטער זאַק, אין וועלכן כ'האָב מיטגענומען מיין לעצט ביסל אָרעמקייט, אָבער צו אַזעלכע זאַכן איז מען אין רוסלאַנד געוואוינט. בפרט, אַז אין מיין וואַגאָן זיצן אַ סך מיינס גלייכן; באַפרייטע פון די שקלאַפן־לאַגערן און אפילו פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען ניט געזעסן אין לאַגער, זעען אויך ניט אויס עלעגאַנטער, ספּעציעל אויף דער באַן־ליניע אין דעם וויטן סיביר.

מיט אונדזער אויסזען פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן מיר זיך ניט וואָס צו שעמען פאַר די „פרייע" פּאַסאַזשירן. דער פּשוטער רוסישער מענטש פילט מיט אַזאַ אַרעסטאַנט. מיט ווּעמען איך האָב ניט געשמועסט אין צוג, האָט יענער געהאַט, אָדער אַ גאָר נאָענטן קרוב, אָדער באַקאַנטע וואָס זיינען געזעסן אין לאַגער. פאַרנדיק אין דער באַן פילט מען זיך אַ ביסל פרייער ווי אין דער היים, וואו מען שפּיאָנירט יעדן נאָך אויף שריט און טריט. עס בינדט זיך אויף די צונג און מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. מענטשן פרעגן זיך נאָך אויף קרובים, פון וועלכע מען האָט יאָרן־לאַנג ניט דערהאַלטן קיין בריוו, אַן מען ווייסט ניט אין וועלכן לאַגער זייער געביין איז פאַרפאַלן געוואָרן. מענטשן וויינען, דערמאָנענדיק זייערע קרובים, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די לאַגערן נאָך אין די יאָרן 1937־1938, בעת די באַרימטע „טשיסטקעס".

ווידער פאָר איך פאַרביי די אַזוי באַרימטע אַזערע בייקאַל. די באַן פאָרט אַ גאַנצן טאָג, דרייט זיך צווישן בערג, און דער בייקאַל ענדיקט זיך אַלץ ניט. די רוסן רופן דעם בייקאַל „דער הייליקער ים"; זיי זינגען וועגן אים לידער און שפּינען וועגן אים לעגענדעס. פריער, פאַרנדיק אין לאַגער אַריין, אין אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, האָט מען קוים באַמערקט די שיינקייט פון טייך. אַרעסטאַנטן האָבן געבעטן: הלוואַי קייקלט זיך די באַן אַראָפּ פון די באַרג־בריקן אין בייקאַל אַריין... איצט אָבער זע איך אים, דעם דאָזיקן רוסישן ים, אין דער גאַנצער גרויס און ברייט. ער איז אַזוי ברייט ווי די רוסישע נשמה, אין וועלכער דו קאָנסט ניט דערגיין קיין טאָלק: דוכט זיך, אַז זי איז אַזוי גוט, גרייט זיך מקריב צו זיין; אָבער ווען זי ווערט פאַרשקלאָפט צו סאַטראַפּן, איז זי אויך פייאיק צו אַזויפיל גרויזאַמקייטן, זיך אַליין און אַנדערע אַזוי פיל בייז אָפּצוטאָן...

***

ענדלעך בין איך צוריק אין ביראָ־בידזשאַן. אַריינגעקומען מיט מיין רענצל בין איך אין שטאָט ווינטער, פאַרטאָג. אַלץ דרימלט אונטערן שניי. איך בין אַריין אין דעם בירא־בידזשאַנער האָטעל. די אויפזעערין, אַ פרוי וועלכע האָט מיר געקענט פון פאַרן אַרעסט, האָט זיך מיט מיר דערפרייט. זי פרעגט מיך צי איך בין אינגאַנצן „רעהאַביליטירט" אָדער בלויז „אַמנעסטירט". ווי אויסגעצייכנט מען אַריענטירט זיך דאָ אין אָט דעם אונטערשייד!

די פרוי האָט געהאַט רעכט: דאָס וואָס איך בין נאָך דערווייל ניט „רעהאַביליטירט", האָט מיר די פאָר חדשים פאַרשאַפט פיל צרות. אַלע האָבן זיך צו מיר באַצויגן מיט אומצוטרוי. עס זיינען שוין צו יענער צייט צוריקגעקומען אַ סך אַרעסטירטע אינגאַנצן רעהאַביליטירטע. אָבער די ביראָבידזשאַנער יידישע שרייבער זיינען בלויז אַמנעסטירט געוואָרן. זייער „שולד" אין וועלן „קינסטלעך" אַריינפירן יידישע קולטור אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז נאָך דערווייל ניט אָפּגעווישט געוואָרן. זייער שטראָף

איז בלויז פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ העלפט: אַנשטאָט 10 יאָר, האָט מען איצט אָנערקענט, אַז 5 יאָר איז דערפאַר גענוג...

אַ נס, וואָס אַ באַקאַנטער יידישער אינזשיניער אין דער ביראָבידזשאַנער ניי־פאַבריק, האָט מיר דאָרט געגעבן אַ שטיקל פּאָסטן, פאַר וועלכן איך האָב באַקומען 300 רובל אַ חודש געהאַלט. די דאָזיקע סומע האָט מיר געקלעקט בלויז אויף 10 טעג. מיין דירה, אין וועלכער איך האָב געוואוינט ביזן אַרעסט, איז צוגענומען געוואָרן און קיין נייע האָב איך ניט באַקומען. האָב איך גע־דונגען אַ ווינקל אין אַ קיך ביי אַן אָרעמער פאַמיליע.

מיין באַלעבאָסטע לעבט מיט אַ זון אינעם גרויסן צימער. ער איז אַ 17 יאָריקער בחור, אַרבעט אויף דער מעבל־פאַבריק, אָבער זיינע פאַרדינסטן קלעקן נישט אויסצוהאַלטן די שטוב. מוז די מאַמע אויך אַרבעטן. זי טוט פאַרשיידענע מלאכות. דאָס הויז איז אַן אייגנס, פון די ערשטע הייזער. איך שלאָף אין אַ ווינקל פון דער קיך, און צאָל דערפאַר הונדערט רובל אַ חודש, אַ דריטל פון מיין חודשדיקן געהאַלט אין דער שניידער־פאַבריק. אָבער איך בין צופרידן פון מיין אַרבעט. איך קאָנטראָליר די סחורות, וואָס ווערן גע־שיקט צום צושניידער־צעך, צי עס איז ניט פאַראַן אַמאָל אַ „בראַק": אַ לעכעלע, אָדער אַ פאַרשמירט שטיקל סחורה. איך מעסט אויס דאָ געוואַנט צי עס שטימט מיט דער „פאַקטורע", און הייב דערביי שווערע פּעק. שפּעטער טראָג איך פאַנאַנדער די צוגעשניטענע סחורה איבער די צעכן.

איך בין אויך דאַנקבאַר פאַר דער דירה. מיין באַלעבאָסטע האָט דאָך מיר גאָר אַ טובה געטאָן, קיינער האָט דאָך מיר ניט געוואָלט צונעמען, אַרויס־דרייענדיק זיך מיט פאַרשיידענע אויסריידן. די שרעק, וואָס איך בין גע־קומען פון לאַגער, פאַלט אויף יעדן איינעם. פאַר די צוויי הונדערט רובל, וואָס בלייבן מיר פון מיין געהאַלט, קען איך קוים דורכשלעפּן 10 טעג. אָבער איך מאַך שלום מיט מיין לאַגע. אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס איך האָב דורכ־געמאַכט — לעב איך איצט ווי אַ קייסער.

מיין באַלעבאָסטע האָט נחת פון אירע זין, וועלכע זיינען שוין אַלע (חוץ דעם יינגסטן) אויסגעגעבן און פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָסטנס. בלויז איר איינציקע טאָכטער איז ניט מיט איר. עס האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ יידישער בחור פון פּוילן, און זי שפּעטער מיטגענומען קיין פּוילן און פון דאָרט מיט איר אָפּגעפאָרן קיין מדינת ישראל. די טאָכטער שרייבט יעדן חודש אַ בריוו, אָבער די מאַמע האָט מורא צו ענטפערן.

— גלויבט מיר — גיט מיר מיין באַלעבאָסטע צו פאַרשטיין — אַז פאַר זיך אַליין האָב איך ניט קיין מורא, איך זאָרג זיך אָבער פאַר מיינע קינדער. נאָך דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן אין ביראָ־בידזשאַן, ווען מען האָט אַזויפיל יידן אַרעסטירט, געטרוי איך זיך אַליין ניט. אָבער כ'האָב דאָך ניט אויסגעהאַלטן און מיט אַ חודש צוריק אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין טאָכטער. גאָרנישט געשריבן ספּעציעלעס; בלויז, אַז איך בין געזונט און נייטיק זיך ניט אין קיין הילף פון קיינעם. אָבער ווער ווייס צי איך האָב אויך דאָס געדאַרפט טאָן?

איך האָב די פּרוי באַרואיקט, איר געהייסן הערן ראַדיאָ, וואָס האָט טאַקע נאָכן 20טן פּאַרטיי־קאָנגרעס, געהאַלטן אין איין רעדן וועגן סטאַלינס פעלערן. זי האָט דערווייל ביי זיך געפּועלט אַראָפּצונעמען סטאַלינס פּאָרטרעט פון דעם סאַמע אויבנאָן ביי זיך אין צימער און אים איבערגעטראָגן דערווייל אין קיך צו מיר...

פון זינט מען האָט מיך, אין יאָר 1948 אַרעסטירט, זיינען אין בירא־בידזשאַן פאַרשוואונדן פיל באַקאַנטע פּנימער.

מען דערציילט, אַז די דאָזיקע זיינען אַוועק פון בירא־בידזשאַן. אַ סך אַמאָליקע יידישע באַאַמטע זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט רוסן. אָבער ראובן שטיין, דער ליטווישער ייד, וואָס האָט זיך אַלע יאָרן פאַרנומען מיטן באַגרינען די שטאָט, שטייט ווייטער אויף זיין פּאָסטן. ער האַלט אין איין שענער מאַכן די פלעצער; עס זיינען צוגעקומען אַזויפיל נייע סקווערן. פיל נייע מויערן זיינען אויסגעוואַקסן אין די גאַסן. די שלום עליכם גאַס איז שוין אינגאַנצן אויסגעגאָסן מיט אַספאַלט און אויטאָבוסן קורסירן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, פון דעם וועגענער־זאַוואָד ביז צו דער סאָפּקע, וואָס איז אַ גוטע פיר מייל.

לעבן די קראָמען שטייט מען שוין ניט אין קיין לאַנגע רייען נאָך ברויט. פּראָדוקטן זיינען פאַראַן פאַרהעלטניסמעסיק גענוג, אָבער אַזאַ עלנט יאָגט פון די געוועזענע נעסטן פון יידישע קולטור, וואָס זיינען חרוב געוואָרן! מיינע פיס טראָגן מיך אַוועק צום הויף פון געוועזענעם יידישן טעאַטער. דאָרט שטייען די הייזער אין וועלכע עס האָבן אַמאָל געוואוינט אַזויפיל יידישע אַרטיסטן, איצט איז אַלץ באַזעצט מיט נייע מענטשן. די יידישע אַקטיאָרן זיינען זיך צעלאָפן איבער אַלע עקן פון לאַנד. דאָס טעאַטער אַליין, וואָס איז ערשט אין 1956 יאָר איבערגעבויט געוואָרן אין אַ שיינעם בנין, איז איצט „אַ הויז פאַר פּיאָנערן". אַ געבילדעטע טאַלאַנטפולע יידישע זינגערין, זינגט איצט רוסישע טאַנגאָס אויף די איבעררייסן אין קינאָ־טעאַטער.

דאָס צייטונגל „בירא־בידזשאַנער שטערן" דרוקט איבערזעצונגען פון אַנדרעי פּאַסאַר, אַ יונגן דיכטער פון דעם ווייט־מזרחדיקן שבט נאַני. דער דאָזיקער אַזוי ווייניק־זאָגנדיקער דיכטער וואוינט אין בירא־בידזשאַן. מען האָט אים געגעבן די שענסטע וואוינונג, און דער כאַבאַראָווסקער שרייבער־פאַראיין האָט זיך שוין באַמיט אים צו שיקן קיין מאָסקווע זיך לערנען אינעם ליטעראַטור־אינסטיטוט. ער שרייבט וועגן די פיש, וואָס זיין שבט גיט דעם לאַנד (די מערהייט נאַנייער זיינען פישער), און וועגן ענגלעכע זאַכן. זיין שבט באַשטייט אינגאַנצן פון עטלעכע טויזנט מענטשן. אָבער מיט וואָס זיינען יידן ערגער? אָט די פראַגע לאָזט מיך ניט אָפּ.

דער „אַגיז" האָט געעפנט אין בירא־בידזשאַן אַ גרויסן מאָדערנעם ביכער־געשעפט, פאַר דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט. עס ווערן דאָרט פאַר־קויפט די סאַמע נייסטע ביכער אויף אַלע שפּראַכן וואָס דערשיינען אין רוסלאַנד. בלויז איין אָפּטיילונג פעלט: אַ יידישע. לשם דעקאָראַציע זיינען אמת אויסגעשטעלט עטלעכע אַלטע יידישע בראָשורן, פאַרגעלטע און

צעפּאַלענע. די פאַרוואַלטערין פון בוך־געשעפט, דווקא אַן ערלעכע רוסישע פרוי, פאַרשטייט ניט וואָס דאָ קומט פאָר. זי פרעגט גאָר ביי מיר:

— „ראַזווע ווסיע יעווריעסקיע פּיסאַטעלי פּערעסטאַלי טוואָריט?" (האָבן דען אַלע יידישע שרייבער אויפגעהערט צו שאַפן?).

## צווישן יידן אין ביראָ־בידזשאַן נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער

איך בין געווען צו גאַסט אין הויז פון בומאַגינס טאָכטער; עס איז אָנהייב פרילינג 1956. ווען מען האָט מיך געהאַט אַרעסטירט, מיט קנאַפּע אַכט יאָר פריער, איז זי נאָך געווען אַ שול־מיידל. איצט האַלט איך אויף מיינע הענט איר קינד — אַן איניקל פון אַ העלד. איך געדענק ווי דאָס וואָלט געווען נעכטן, ווען איך האָב דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון מיכאָעלסן אויסצוגעפינען די משפחה פון דעם העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, יוסף בומאַגין, וועלכער האָט ביז דער מלחמה געוואוינט אין בירא־בידזשאַן און געאַרבעט אין שטאַטישן וועגענער־זאַוואָד.

בומאַגינס משפחה האָט דאַן געוואוינט אין סמידאָוויטש, אין גרויס אָרעמ־קייט. בומאַגינס פרוי האָט נאָרוואָס געהאַט איבערגעלעבט אַ שווערן אומ־גליק מיט אַ קינד, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ מאַנעווורירנדיקן לאָ־קאָמאָטיוו און זי אַליין האָט זיך דערביי צוקוועטשט אַ האַנט. איך געדענק נאָך אַצינד די טעלעגראַמע פון 1000 ווערטער וועלכע איך האָב דאַן איבער־געשיקט וועגן דעם דאָזיקן פּשוטן פאָלקס־מענטש, וועלכער האָט זיך העלדיש געשלאָגן קעגן די נאַציס און געפאַלן אין שלאַכט. נאָך זיין העלדישן טויט איז בומאַגין דעקאָרירט געוואָרן מיט מיליטערישן טיטול „העלד פון ראַטנ־פאַרבאַנד". איך האָב אין מיין טעלעגראַמע צו מיכאָעלסן איבערגעשיקט אַן אויסצוג פון זיינס אַ בריוו צו די קינדער, אַז ער, זייער טאַטע, גייט טאָן אַזאַ זאַך, וואָס וועט ברענגען כבוד פאַר דעם יידישן פאָלק און עס וועט זיין אַ נקמה פאַר זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. ער האָט אין זיין בריוו צו די קינדער געשריבן, זיי זאָלן זיין טאַטן נעמען ווי אַ ביישפּיל אין זייער לעבן.

שפּעטער האָב איך זיך באַמיט אַז די געגנט זאָל באַשטימען אַ גרעסערע סומע פאַר דער פרוי פון דעם העלד. אין בירא־בידזשאַן איז אַ גאַנצע געגנט מיט וואוינונגען אָנגערופן געוואָרן אויף בומאַגינס נאָמען. אַזוי אַרום בין איך באַפריינדעט געוואָרן מיט דער משפחה. איצט האָט מיר בומאַגינס טאָכטער ניט פאַרגעסן איינצולאַדן צו זיך.

זינט די גרויסע אַרעסטן, איז מען אָבער אין בירא־בידזשאַן נאָך וויניקער באַרעדעוודיק ווי ווען עס איז פריער. ווייניק רעדט אויך די חנוודיקע מאַמע, די טאָכטער פון דעם שטאָלצן יידן, דעם העלד פון ראַטנפאַרבאַנד יוסף בומאַגין, וועמענס איניקל איך האַלט איצט אויף מיינע הענט. טרערן שטייען מיר

אין די אויגן: האָבן דען יידן וויניקער געגעבן רוסלאַנד ווי דער נאַנייער שבט פישער און יעגער, וואָס פאַר זייער איינציקן פּאַעט איז אַצינד אָפּן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַלע טירן? אַלע טירן, וואָס זיינען געשלאָסן פאַר אַ יידישן פּאָעט אין בירָא־בידזשאַן.

געבליבן אָבער, ביי די יידן אין בירָא־בידזשאַן, אַזאַ בענקשאַפט נאָך אַ יידיש וואָרט, וואָס קיין כוח האָט עס ניט געקאָנט אויסוואָרצלען און צושטערן. אָט האָט מען פּלוצלונג אויסגעפועלט, אַז די צוריקגעקומענע פון די לאַגערן יידישע שרייבער זאָלן אַרויסטרעטן פאַרן עולם מיט זייערע יידישע לידער. דער גרויסער לייען־זאַל פון דער בירָא־בידזשאַנער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון שלום עליכם איז פול געפאַקט. די פאַרשטייערין פון דער קולטור־אָפּ־טיילונג, וואָס רעדט רוסיש, ווערט כסדר איבערגעריסן מיט צווישנרופן פון גרויסן עולם:

— יידיש! יידיש! — שרייט מען צו איר פון אַלע זייטן.

יידן הערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די אַרויסטרעטונגען פון די יידישע שרייבער: זיי אַפּלאָדירן שטאַרק און בעטן זיך: נאָך! נאָך! פּשוטע מענטשן וואַרפן אַראָפּ פון זיך די לאַנג־יאָריקע שרעק, כאַפּן אָרום די שרייבער און קושן זיי ברידערלעך, הייס.

*
**

די געהיים־פּאָליציי (מ.ג.ב.) האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך. דער אָפּי־ציעלער פּאַפּירל איז אָנגעקומען פאַר מיר אויפן אַדרעס פון דער ניי־פאַבריק, וואו איך אַרבעט. איך זאָל זיך ניט דערשרעקן, איז אין דער „איינלאַדונג" אָנגעגעבן, אַז דאָס רופט מען מיך, כדי אומצוקערן געוויסע דאָקומענטן, וועלכע זיינען ביי מיר צוגענומען געוואָרן בעת דער רעוויזיע ביים אַרעסט. דעמאָלט טאָקע האָט מען ביי מיר צוגענומען אַ גאַנצע ריי נאָך קיינמאָל נישט געדרוקטע לידער. ווען איך בין געקומען אין דער געהיים־פּאָליציי, איז דער מאַיאָר, וועלכער האָט מיך אַרויסגערופן, געזעסן ביים ראַדיאָ און זיך צוגעהערט צו די באַשטימונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט נאָכן 20טן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין די באַשלוסן האָט זיך אויך גערעדט וועגן די ניט געזעצלעכע האַנדלונגען פון דער מ.ג.ב. וועלכע האָט אַרעסטירט און גע־פייניקט אומשולדיקע מענטשן.

דער מאַיאָר האָט מיט העפלעכקייט מיך געבעטן זיצן. ער בעט ביי מיר אַנטשולדיקונג פאַרן באַאומרואיקן מיך און דערלאַנגט מיר אַ קליינעם קאָנ־ווערט אין וועלכן עס זיינען געלעגן אַ ביסל פון מיינע פאָטאָגראַפיעס און ניט וויכטיקע פּאַפּירלעך, וועלכע מען האָט ביי מיר געהאַט צוגענומען.

און וואו זיינען מיינע לידער, מאַנוסקריפּטן? — פרעג איך ביי אים.

— וועגן דעם דאַרפט איר זיך ווענדן צו אייער אויספאָרשער. איך האָב צו אייער ענין קיין שייכות ניט, איך בין אַ נייער מענטש. — ענטפערט ער מיר מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט — אייער אויספאָרשער איז איבער־געטראָגן געוואָרן אַזש קיין קאַמטשאַטקע, וואו ער אַרבעט אין דער מיליץ.

האָט מען, הייסט עס, דעם סאַטראַפּ, וואָס האָט מיך אַזוי געפּייניקט ביי די אויספאַרשונגען דעגראַדירט און פאַרשיקט אַזש קיין קאַמטשאַטקע אין דער מיליץ. — כאָטש אַ טראָפּן נקמה דערלעבט אין דאָזיקן מיאוסן נידער־טרעכטיקן פאַרשוין!

***

יידן איז געשען אַ ניי אומגליק: די בירא־בידזשאַנער שול איז אָפּגעברענט געוואָרן. פיל מתפללים האָט די שול סיי־ווי־סיי ניט פאַרמאָגט. עס האָט זיך בכלל ניט געפירט קיין קהילה־לעבן. בלויז איין מאָל אין וואָך, שבת, איז מען געקומען דאַווענען. געקומען זיינען מייסטנס אַלטע מענער, עלטערע פרויען, אָבער ראש השנה און יום כפור איז די שול געווען פול. דעמאָלט פלעגן קומען אויך יינגערע מענטשן, וואָס האָבן זיך ווי עס איז אָפּגעבעטן ביי זייערע בריגאַדירן, צוזאָגנדיק אָפּצואַרבעטן די צייט אין אַ פרייען טאָג אָדער אָפּאַרבעטן מיט איבערשעהן דורך דער גאַנצער וואָך.

די שריפה האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ וואַרשטאַט, וואָס איז געווען אין דער נאָענט. דער גאַנצער בנין און עטלעכע שכנותדיקע הייזער זיינען פאַר־ברענט געוואָרן צוזאַמען מיט דער שול. בעת דער שריפה האָט מען קוים באַוויזן אַרויסצוראַטעווען די ספרי תורה. דערביי האָבן די פרומע לייט ניט געוואַרט אויף די פייערלעשער, אַריינגעשפּרונגען פשוט אין פייער און באַוויזן אַרויסצוראַטעווען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מען האָט אפילו אַרויסגעראַטעוועט די עטלעכע צעריסענע חומשים און סידורים.

דער בירא־בידזשאַנער הימל איז רויט פון פלאַמען. אין אָט דעם פייער גייט אונטער די לעצטע פעסטונג פון יידישקייט אַרום וועלכער עס האָבן זיך געקלאַמערט מיט אַזאַ מסירת נפש, מיט אַזוי פיל מוט און אויסדויער עלטערע יידן. שפּעטער האָט די גרופּע יידן אָפּגעדונגען ערגעץ אַ שטיבל וויטער אָנצוגיין מיט יידישער טראַדיציע. געווען איז דאָס אַ קליין הייזל — אַן איב־דזועלע, אַן אָנהאַלט פאַר אַלטער יידישקייט, ווען אַרום איז פון דער מאָדערנער יידישקייט געבליבן אַ גרויסע וויסטעניש...

אין דער בירא־בידזשאַנער ביבליאָטעק, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען טויזנטער יידישע און העברעאישע ביכער און יודאַאיקאַ אין עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן, זיינען געבליבן עטלעכע פאַרשעמטע פאַליצעס יידישע ביכער פון צופעליקע מחברים. אַלע ביכער פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער ווי בערגעלסאָן, מאַרקיש, פעפער, קוויטקאָ, נסתר און אַנדערע, זיינען קאָנפיסקירט און פאַרברענט געוואָרן. די יודאַאיקאַ פוילט ערגעץ אין אַ קעלער. יידן האָבן אויס מורא אַליין פאַרניכטעט זייערע יידישע ביבליאָטעקן. זיי האָבן זיך געשראָקן טאָמער וועט מען ביי זיי געפינען אַ בוך פון אַ פאַרמשפּטן שרייבער, וועלן זיי אויך דאַרפן באַצאָלן דערפאַר. אין קאָן איז געשטאַנען אויך זייער פרייהייט. דאָך האָבן איינצלנע בירא־בידזשאַנער איינוואוינער מיט אמתער העלדישקייט אָפּגעראַטעוועט געציילטע ביכער — פאַרגראָבנדיק זיי אין דער ערד.

איינער אַ ביראָ־בידזשאַנער האָט מיר מיט שטאָלץ באַוויזן אַ באַנד געזאַמלטע שירים פון ח. נ. ביאַליק. דער באַנד איז געווען היפשלעך פּיכט און פאַרשימלט פון ליגן באַהאַלטן אין אַ קעלער.

אַלץ וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט אין דעם בּיראָ־בּידזשאַנער מוזיי און האָט נאָר געטראָגן אַ יידישן כאַראַקטער — איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. אַלע אָביעקטן, וועלכע זיינען מיט מי און פליס געזאַמלט געוואָרן דורכן אומגעקומענעם אין דער אירקוטסקער „צענטראַלקע" אַלטן יידישן שרייבער בער סלוצקי ז"ל — זיינען פאַרניכטעט געוואָרן.

אויסגעליידיקט פון יעדן יידישן אינהאַלט זיינען אויך די האַלב־שעהדיקע ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס אויף יידיש. מען הערט דאָרט בלויז קאָזיאַנע באַריכטן פון קאָלווירטן, פון אונטערנעמונגען, אויסגעפּילטע „פּלענער", רשימות פון „סטאַכאַנאָווצעס", אָבער קיין איין וואַרעם האַרציק יידיש וואָרט, וואָס זאָל אַ בלי טאָן די געמיטער, קיין איין גרוס פון יידן איבער דער וועלט.

איז שוין טאַקע די פּ ר ש ה  ב י ר אָ ־ ב י ד ש אַ ן פאַרענדיקט? וועט מען שוין מער נישט פאַרנאַרן אַהינצו קיין יידן און דערנאָך זיי צושרייבן באַציאָנאַליזם? עס הייבט זיך ניט אָן. לעצטנס איז בּיראָ־בּידזשאַן ווידער געוואָרן אַקטועל. מען רופט און מען אַגיטירט שוין ווידער יידן צו „קומען בויען זייער מלוכהשקייט". די מאָסקווער ראַדיאָ האָט שוין עטלעכע מאָל געבראַכט יידן צום מיקראָפאָן, וועלכע האָבן אַגיטירט צו קומען און באַזעצן זיך אין בּיראָ־בּידזשאַן. אמת, דערפון וועט שוין גאָרניט אַרויסקומען; יידן אין רוסלאַנד זיינען שוין צופיל אויסגעפּרואווט געוואָרן. אַז זיי זאָלן זיך ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל לאָזן כאַפּן אויף דער ווענטקע.

## מאָסקווע־וואַרשע, אויפן וועג קיין ניו־יאָרק

און ענדלעך בין איך אויפן ים, אויף דער גריכישער שיף „ניו־יאָרק". ווען מען איז אויפן ים — וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט דער נאָמען פון דער שיף אין וועלכער מען פאָרט? אָבער מיט דער דאָזיקער שיף איז דאָך פאַרבונדן מיין ווייטערדיקער גורל. ערגעץ אויף דער שיף טאַנצט מען און קלאַנגען פון מוזיק־אָרקעסטער דערגייען צו מיר אַהערצו, אויפן דעק, וואו איך שטיי איינער אַליין אינמיטן דער נאַכט, צווישן הימל און גערויש פון כוואַליעס.

דער דאָקטאָר פון דער שיף „ניו־יאָרק", אַ גריך, האָט מיר בייטאָג אַנטפּלעקט זיין סוד: ער האָט איבערזעצט ריינער מאַריע רילקעס „שטונדען־בוך" אויף גריכיש. איך בין ניט דער איינציקער וויזט אויס, וואָס בין אַזוי פאַרליבט אין רילקען. ער האָט טויזנטער אָנהענגער, וועלכע האַלטן אים פאַר דער גרעסטער דיכטערישער אַנטפּלעקונג פון יאָרהונדערט.

איך שטיי אויף דעם דעק פון דער שיף און קוק אויף די רוישיקע כוואַליעס, איך וויל מיך פאַרגעסן, אָבער איך קען ניט. מיין גאַנץ לעבן גייט מיר דאָ אַנטקעגן ווי אַ מגילה. צו מיין איצטיקער שטימונג זיינען מיר

אַמנאָענטסטן די שורות פון אַ צווייטן גרויסן דיכטער, וואָס איז מיר ניט וויניקער ליב — אונדזער ישראל שטערן, וועלכער שרייבט אין זיין אַריינפיר צו דער פּאָעמע „אָסטראָלענקאָ״:

...אפשר דאַרף ער אויפגיין רייך
טובלענדיק זיך און געלייטערט —
מוז ער איינזאַם זיין דערווייטערט,
ווייל ווי לאַנג ס׳וואָל איז ניט געשוירן
קען מען דאָך ניט נעמען שפּינען,
און אויב ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן,
וועט ער אפשר גאָט געפינען.

ווער ווייסט הען וואָס זיין טרויער מיינט?
ליגט ער ערגעץ ביי אַ פליין,
ביי פאַרשטויסן פרעמדן פליין,
און גלייך ווי אין אַ ברייטן קיטל
האַלט ער אין פינצטערניש פאַרוויקלט,
די אַלע טיילן וואָס צעשטיקלט
האָט די וועלט אים, און ער וויינט...

איך שטיי אויפן דעק און דער ים רוישט. דער ים פרעגט ביי מיר, דער ים מאָנט ביי מיר אָן ענטפער אויף יאָרן פאַרגאַנגענע. ווי שטענדיק ווילט זיך געדענקען ליכטיקע מאָמענטן פון לעבן, אָבער דער זכרון איז איצט אַ ווינט און לופטערט מיין לעבן, בלעטערט ווי אַ ספר. אָט האַלט איך גאָר ביים סוף... צוריקוועגס, צוריקוועגס פון חלומות אַנטוישטע.

אויף מיין וועג צוריק פון בירא־בידזשאַן, בין איך בלויז איין טאָג געווען אין מאָסקווע... וואוהין זאָל איך גיין, וועמען זאָל איך זען? גיין אויף גאָרקי־גאַס, וואו די וועגט אַליין ווייגען אין פּרץ מאַרקישעס דירה? גיין אויף דער לאַוורושינסקע, וואו אַלע ראַמען פון די פענצטער פון גרויסן רויטן מויער נומער 17 זיינען קלעפּסידרעס נאָך בערגעלסאָנס אומקום? און אויף מאַרוסייקע? דאָרט וועט מיר שוין ניט אַנטקעגנשמייכלען דער גוטער לייב קוויטקאָ, ווייל זיין שמייכל טובלט זיך אין בלוט ערגעץ אין די קעלערן פון דער „לוביאַנקע״...

און עזרא פינינבערג און סאָקאָלניקי? דער „דערהויבענער אָרימאַן״, אים האָט אָפּגעגליקט — ער איז צו דער צייט געשטאָרבן, ניט דורכגעמאַכט די ליידן און פּיין. איך זע פאַר זיך אין מאָסקווע גאַנץ נייע קוואַרטאַלן זינט איך האָב די שטאָט פאַרלאָזן אין 1944. אָבער מיר איז דאָ אַלץ אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט... איך לעב נאָך אין לאַגער און מיינע מידע אויגן זיינען נאָך אַלץ פאַרגראָבן אין די סיבירער שניי־פעלדער, וואו פיל מאָסקווער איינוואוינער האָבן צוזאַמען מיט מיר געטיילט דעם ביטערן גורל פון די מוראדיקע שקלאַפן־לאַגערן.

דאָ, אין מאָסקווע, האָב איך געהאַט אַן אַדרעס פון אַ טייערן ייד, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר געווען פאַרשיקט אין לאַגער. ער איז באַפרייט געוואָרן פאַר מיר. ווען עס טרעפן זיך אויף דער פריי געוועזענע אַרעסטאַנטן, איז מען ווי ברידער. ער איז שוין פאַר דער צייט געוואָרן אַ שטיקל מענטש, דער ייד זעט שוין אויס אַ ביסל בעסער ווי דאַן, ווען מיר זיינען צוזאַמען געווען אין די טייגעס. איך בין אין זיין הויז און מען גרייט צום טיש. אַרום מיין פריינט זיין ווייב און די קינדער. דער ייד איז אַן אינזשיניער, אָבער זיין פאָסטן וויל מען אים ניט צוריקגעבן. די קינדער זיינען שוין דער־וואַקסענע, אַרבעטן און זיי אַלטן אויס די משפחה. אין די בלויע אויגן פון מיין געוועזענעם לאַגער־חבר איז פאַרגראָבן אַזאַ טיפער טרויער, אַז עס שניידט מיר אין האַרצן.

די וועלכע זיינען „דאָרטן" געווען — זאָגט ער צו מיר — וועלן שוין פון קיין פריידלעכן לעבן ניט וויסן. ביינאַכט, אין שלאָף, זע איך קאָשמאַרן און די „מענטשלעכע" מלבושים אויף מיר, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעקלעפּט.

איך באַמי זיך אים צו טרייסטן און ווייז אויך אַרויס מיין קוראַזש. איך האַלט דעם ייד אין איין לויבן פאַר זיין פרוי. איך זאָג צו מיין פריינט, אַז ער זעט נאָך אויס יונג, אָבער דאָס ווירקט ווייניק. ער בלייבט אַלץ טרויעריק. צום סוף באַגלייט ער מיך צום וואָקזאַל, צו דער באַן, וואָס דאַרף מיך פירן קיין פוילן. מיר קוקן זיך קעגנזייטיק איבער און אין אונדזערע ביידנס אויגן שטייען טרערן — — —

איך שטיי אויפן דעק פון דער שיף און דער אייביקער ים רוישט. אויף אָט דעם ים, איז ד"ר נתן בירנבוים פון אַן אפּיקורס געוואָרן אַ מאמין (ווי ער האָט דאָס שפּעטער באַשריבן). פאַרוואָס מאַן איך אַלץ? פאַרוואָס עגבערט אין מיר נאָך אַלץ דער פּראָטעסט, דער אויסגאַנגסלאָזער ווייטאָג, פאַר די פאַרשניטענע גלידער פון מיין פאָלק? איז דאָס די טענה, וואָס האָט מיך פון אַ גלויביקן געמאַכט פאַר אַן אפּיקורס? איך בין דאָך אָבער מיט אַלע מיינע חושים אַזוי נאָענט צו גאָט... איך פיל אים אין זיך ווי אַ ניגון; איך דערקען זיין גרויזאַמע שיינקייט דאָ, אויפן ים. ווי נאָר איך בין פון אים אָוועק, האָב איך פון זיך אַליין זיך אָפּגעקערט, און קען זיך צוריק ניט געפינען.

דער דאָזיקער ווייטאָגדיקער פּראָטעסט האָט זיך אין מיר נאָך מער פאַר־שטאַרקט, ווען איך בין געקומען אויף דער ערד, וואו דער קרעפטיקסטער טייל פון מיין פאָלק איז אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן. די ליכטיקע מינוטן פון זען אַ געדרוקט יידיש וואָרט אין פוילן; אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, ביכער, אַ יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין אָפּגע־פרעמדט פון דעם אַלעם, איז מיר פאַרטונקלט געוואָרן מיט דער טראַגישער בענקשאַפט און עלנט פון דעם קליינעם יידישן ישוב אין פוילן; דאָרט וואו עס זיינען געווען מער ווי דריי מיליאָן פון אונדזערע ברידער, און וואָס פאַר אַ יידן דאָס זיינען געווען! וואָס פאַר אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן עס איז חרוב געוואָרן!

אומזיסט האָב איך געזוכט אין מיין געבורט־שטעטל, אָסטראָור־מאַזאָוויעצק, כאָטש אַן אַנדייט אויף יענעם יידישן שטייגער־לעבן, מיט אַזוי פיל קאָליר, פאַרב, און פאַרשיידנאַרטיקייט! פון די צען טויזנט יידן, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט אין מיין שטעטל, האָב איך קוים צ ו ו י י יידן געטראָפן. איינער פון זיי איז פון אַן אַנדער שטאָט, אַ וואָגלער, וואָס האָט זיך צופעליק דאָרט פאַראַנקערט. דער צווייטער ייד, דער „אָסטראָוווער", האָט זיך אין צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. אָבער צוריקגעקומען איז ער ניט אינגאַנצן ביים זינען. מען האָט אים אומגעקערט זיין אַמאָליקע וואוינונג, דרייט ער זיך דאָרט אַרום איינער אַליין ווי אַ שאָטן. פון צייט צו צייט גייט ער אַוועק אויפן אָרט וואו עס זיינען געשטאַנען די אַלטע בתי־מדרשים און שאַרט, שאַרט דאָרט צווישן די בערג שטיינער, ווי ער וואָלט וועלן אויסגראָבן דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ פאַרשאָטן געוואָרן אויף שטענדיק — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין בלוט ווערט פאַרגליווערט זעענדיק דאָס אָרט, וואו מען האָט סוף 1939, ביים אָנקומען פון די היטלעריסטן, דערשאָסן איבער 600 אָסטראָוווער יידן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין טייערע און הייליקע מאַמע חיה־שרה ז"ל. זיי זיינען דאָרט אַלע באַגראָבן אין איין גרויסער גרוב.

און אין דער אַרומגעצוימטער, פיר־קאַנטיקער אַלייע מיט דער סאַ־דזעווקע (טייכל) אין מיטן, דאָרט וואו איך פלעג אין מיין יוגנט אַרומגיין און חלומען מיינע זויבערסטע חלומות, האָבן אין טאָג פון יום כפור די היטלעריסטן אַרויסגעשלעפּט די יידן פון די בתי־תפילות און אַוועק־געשטעלט וואַשן זייערע לאַסט־אויטאָס. טאָ וואָס קענען מיר שטילן די גוטע רייד און איבערבעטנדיקע מעשים פון מיינע באַקאַנטע פוילישע מענטשן? פון דער פוילישער פּרווו, וואָס האָט איינגעשטעלט איר אייגן לעבן און ביי זיך אויסבאַהאַלטן יידן? אַוודאי זיינען אויך געווען גוטע קריסטן, אָבער ווייניק, אַזוי ווייניק, אַז איך בין ניט פייאיק צו מאַכן דעם חשבון. איך מאַן דעם חשבון ביי דעם מיט וועמען איך בין ערשט אויג אויף אויג צווישן הימל און וואַסער — — — — — — — — — — — — —

די שיף גליטשט זיך און דער ים רוישט... אָט דערנענטער איך זיך שוין באַלד צו דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, צו ניו־יאָרק, וואו עס לעבט דער גרעסטער יידישער קיבוץ; צו מיינע נאָענטסטע, מיט וועמען איך האָב זיך אַזויפיל יאָרן נישט געזען, און וועלכע זיינען אין די שווערסטע צייטן פון מיין טורמע און לאַגער-לעבן מיר געשטאַנען פאַר די אויגן...

מיין טאַטע, ר' נתן־דוד ז"ל, איז אַוועק פון אונדזער היים־שטעטל אַהערצו אין 19טן יאָר. געלעבט דאָ, אין ניו־יאָרק, בלויז עטלעכע יאָר און געשטאָרבן. געקומען איז מיין טאַטע אַהערצו מיט פערציק יאָר צוריק מיט זיין צעזונגענעם שבת־יום־טוב פאַר וועלכן ער, דער געוועזענער אײדעם פון פאַריסאָווער רבין, דעם „נהר שלום", האָט קיין נייעם פלאַץ דעמאָלט ניט באַדאַרפט זוכן, ער האָט אים אין דער אַלטער היים געגוג געהאַט און מער נאָך ווי מען באַדאַרף. איך, דאַקעגן, קום מיט אַזוי פיל אינדערוואַכנס!

איך זוך דאָס ביסעלע שבת־יום־טוב, איך זוך אַ רוישיק יידיש לעבן, נאָך וועלכן איך בין אַזוי אויסגעבענקט און פון וועלכן איך האָב מיר אַליין אָפּ־געפרעמדט, ווי נקמה נעמענדיק אין זיך אַליין, פאַר די אויסגעלאָשענע ליכט אויף מיין מאַמעס שבתדיקן טיש — — — — — — — — — — — —

דערווייל בין איך אַלץ צווישן הימל און וואַסער, און דער ים רוישט זיין אייביקן גערויש, זיין אייביקע שטומע טענה. און אין מיין מוח פלאָנטערן זיך די שורות פון ישראל שטערנס וואונדערלעך ליד:

און גלייך ווי אַ ברייטער קיטל,
האָלט ער אין פינצטערניש פאַרוויקלט
די אַלע טיילן וואָס צעשטיקלט,
האָט די וועלט אים, און ער וויינט...

מלך ראַוויטש

# ישראל עמיאָט

## אינטימער פּראָפיל

געבוירן דעם 15טן יאַנואַר 1909 אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, פּוילן. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין רוסלאַנד. יאָרן אין ביראָ־בידזשאַן. זיבן יאָר אין סאָוועטישע שקלאַפן־לאַגערן. אין יאָר 1956 צום צווייטן מאָל אין ביראָ־בידזשאַן, און אין זעלבן יאָר געקומען קיין פּוילן. אין יאָר 1958 געקומען קיין אַמעריקע. וואוינט אין ראָטשעסטער, שטאַט ניו־יאָרק.

זיין לעבן איז צעשניטן אין קליינע שטיקלעך — אַזוי ווי אַ רעטעניש. בילד אויף אַ טאָוול צעשניטן אין האַלב־קרייזן און אין זיגזאַגן פאַר קינדער צום שפּילן. גיסט עס אַ ריר און עס צעפאַלט זיך און דאַרפסט שפּעטער לאַנג און געדולדיק אַרבעטן דערויף — צוריק עס אויפצולייגן און ווידער אַ גאַנץ בילד דערפון צו מאַכן. די גאַנצקייט איז דאָ אין די שטיקלעך, אָבער זי קען זיך שווער צוזאַמענהאַלטן, זי איז צעשניטן און צעבראָקלט. אַזוי איז דאָס לעבן פון דעם דיכטער, דערציילער, מעמואַריסט ישראל עמיאָט.

***

דער האָמער פון גורל האָט זיך איינגעשפּאַרט־אַראָפּגעלאָזט דווקא אויף דעם לעבן פון דעם דאָזיקן שרייבער און האָמערט דערויף און קרישלט עס שוין כמעט פון סאַמע געבוירן אָן. און פאַרט — און עס איז ממש אַ וואונדער — איז דאָ אַ גאַנצקייט אין אָט דעם לעבן און אין דעם ליטעראַרישן ווערק, וואָס דאָס לעבן באַשאַפט. יידישע טראַגישע גאַנצקייט, וואָס דערמאָנט אַ ביסל די גורלדיקייט פון אַן אוריאל אַקאָסטאַ. איך שטרייך אונטער: דערמאָנט אַ ביסל.

איך האָב עמיאָטן געבעטן אָנצוצייכענען אַ פּאָר ביאָגראַפישע דאַטעס און זיי מיר צו געבן. אַרויסגעקומען איז אַ ביאָגראַפישער לאַבירינט שוין פון זיין געבוירן אָן. סיי זיין טאַטע און סיי זיין מאַמע — ביידע אינדיווי־דואַליסטן אויף זייער אופן — זיינען פריער געווען פאַרבונדן מיט משפחות, וואָס האָבן זיך אָבער ניט געהאַלטן און אויך די פאַרבינדונג, פון וועלכער ישראל איז געקומען אויף דער וועלט, האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. פון אַ תלמיד חכם און אַ מקובל איז דער פאָטער געוואָרן אַ משכיל, געלעבט

ביחידות, אַוועק קיין אַמעריקע אין יאָר 1918 און שוין אין יאָר 1920 אַוועק אויף יענער וועלט. ישראלס קינדהייט איז אַוועק אין וואָקלונגען פון דער ליבע צו דער ליידנדער מוטער און דעם פאָר אַ מאָדערן לעבן קעמפנדיקן פאָטער. אין וואָקלונגען צווישן דעם בלאָט גמרא מיטן זיידן און די טריף פסולן, וואָס דער טאַטע האָט דעם קינד געגעבן צום לייענען.

אָט אַזוי האָט מיר ישראל עמיאָט אויפגעקלערט זיין ליטעראַרישן נאָמען, וואָס איז דייטלעך פאַר יעדן אויער אַ פסעוודאָנים, און דערצו מיט אַ סלאַווישן צומיש. יאָט — אין פויליש הייסט דאָס אות „י" — דער קאָנ־סאָנאַנט. ישראל עמיאָט איז אין פּאַס פאַרשריבן ישראל גאָלדוואַסער — דער משפּחה־נאָמען איז דער מאַמעס. דער פאָטער האָט געהייסן: יאַנאַווסקי. און אָט זיינען די עלעמענטן פון ליטעראַרישן נאָמען, אָדער פסעוודאָנים: ישראל איז טאָקע עמיאָטס ערשטער נאָמען, אָבער ער האָט נאָך אַ נאָמען „מלך", וואָס מען האָט אים צוגעגעבן פאַר אַ סגולה בשעת אַ שווערער קרענק אין דער קינדהייט. „עם" איז דער פוילישער נאָמען פון אות „מ" — און „יאָט" איז שייך צום משפּחה־נאָמען פון פאָטער „יאַנאָווסקי". און אַזוי איז געוואָרן „עמיאָט". און אויך די צוזאַמענזעצונג פון פסעוודאָנים איז כאַראַקטעריסטיש. דעריבער האָבן מיר עס אַזוי גענוי דערציילט.

מיר האָבן זיך נאָך געקענט אין וואַרשע — ישראל עמיאָט און איך. אָבער וויניק. עמיאָט געדענקט, אַז ער איז אַמאָל געווען ביי מיר אין מיין בוידעם־דירה. איך בין געלעגן קראַנק און ער האָט מיר געלייענט לידער און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף געוויסע שורות און געבעטן זיי פירלייענען נאָך און נאָך אַ מאָל און געבעטן דעם יונגן חבר — איינגער מיט זעכצן יאָר — זיינע אייגענע שורות צו נעמען פאַר אַ מוסטער און אָט אַזאַ גאַנץ ליד צו שרייבן. גאַנץ. אָבער איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, און קיינער האָט נאָך ניט געקענט וויסן, אַז גראָד די טראַגישע צעריסנקייט און די דראַמאַטישע צעבראָכנקייט וועט זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטער ישראל עמיאָט. וואָס אים איז באַשערט — ווי פאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען — צו זיין אַ גאַנץ קינד פון אַ צעבראָכענער צייט — און צעריסענער מענטשהייט. מיר פאַראַפראַזירן דאָ דאָס באַוואוסטע רבי־אישע וואָרט, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ גאַנצע זאַך אויף גאָטס וועלט ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ.

און ווי דאָס לעבן עמיאָטס, אַזוי זיין מאָגער און ליידנדיק פּנים. אַזוי זיין בליק. שמייכלט ער — צעברעכט זיך דאָס פּנים אין אַ גרימאַסע פון לייד; באַוויזט זיך אַ גרימאַסע פון ליידן אויפן פּנים, בשעת ער דערציילט דיר עפּעס אַן עפּיזאָד פון זיינע שבעים ושבעה מדורי גיהנום, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען — איז ווי עפּעס אַ ווייטער יענוועלטיקער שמייכל וואָלט זיך אויפן פּנים באַוויזן.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין יאָר 1956 אין וואַרשע. עמיאָט איז נאָר וואָס געקומען פון רוסלאַנד. אין אים איז געווען עפּעס אַ ווילדע פרייד, וואָס איז גאָר קיין פרייד ניט און פאָרט עפּעס אַזוינס ווי פרייד, אַ זעכציקסטער

פון דער פרייד פון די, וואָס וועלן אויפשטיין תחית מתים. — מיר נוצן מיט אַ כוונה די ציפער זעכציק, וואָס איז אינטעגרירט אין יידישער מסורה און מיסטיק. מיר זיינען געגאַנגען אַ מאָל ביינאַכט צוזאַמען אויף דער גאַס נאָווי שוויאַט, דאַכט זיך. אויף די גאַסן עלעקטריש־באַלויכטענע קלינג־ווערטער: פוילן בויט איר הויפּטשטאָט! מיר זיינען געווען אַ מאַן זיבן. פּלוצלונג גיט זיך עמיאַט אַ ריס אַפּ און לויפט ערגעץ אַריבער אויף יענער זייט גאַס. דער ערשטער איינדרוק איז געווען ביי אונדז אַלע, אַז ער איז פּלוצלונג באַפאַלן געוואָרן פון עפּעס אַ וואַנזיניקער שרעק. אָבער אָט איז ער שוין אויף יענער זייט גאַס און קושט זיך דאָרט מיט אַ מאַן און זיי שרייען ביידע עד לב השמים — פון עפּעס אַזאַ ווילדער פרייד. שפּעטער זיינען מיר געוואויר געוואָרן — יענער איז אַ פּוילישער קינסטלער, און זיי זיינען ביידע צוזאַמען געווען אין אַ שקלאַפן־לאַגער. עס האָט געדויערט אַ שעה ביז עמיאַט איז געקומען צו זיך פון דער ציטערניש פון אָט דער באַגעגעניש.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין יאָר 1959 — פרילינג — אין ראָטשעסטער. עמיאַט איז שטיל און איינזאַם. עטלעכע גוטע פריינט באַמיען זיך די איינזאַמקייט צו פאַרגרינגערן. ער האָט דאָ אין ראָטשעסטער זיין פרוי, קינדער — צענדליקער יאָרן געווען פון זיי אָפּגעריסן און ביידע צדדים האָבן געמיינט — ווי דען אַנדערש — אַז די אָפּגעריסנקייט איז שוין אויף אייביק. און דאָ, פּלוצלונג, אַ נס. אָבער זעלטן קומען ניסים אין צייט. — — — מיר זיצן זאַלבעפערט ביי אַ פריינדלעכער משפחה. עמיאַט שווייגט אַ סך. נאָר אָט הייבט ער אָן צו ריידן, שטיל, ווי צו זיך: — איך הער עס נאָך אַלץ, איך הער עס כמעט יעדע נאַכט, אַ געוויין, אַ געוויין, וואָס טראָגט זיך דורך אַלע תפיסה־קאַמערן, גייט דורך אַלע ווענט, מען הערט דאָס געוויין און אין געוויין איז איינגעוויקלט וואָרט, אָבער דאָס וואָרט קען מען ניט פאַרשטיין, אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי יעדע נאַכט, אַזוי הער איך עס כמעט יעדע נאַכט און אָן אָן אויפהער; וועל איך עס אַזוי שוין הערן דאָס גאַנצע לעבן? — אָפט דאַכט זיך מיר ביינאַכט, בשעת איך הער דאָס געוויין, אַז איך ליג אויף אַ נאַרע — און ווי נאָר איך וועק מיך איבער, שטרעק איך אויס די האַנט צו דער בריק צו זען צי עס ליגן דאָרט נאָך די תפיסה־מלבושים. — וועל איך שוין דאָס גאַנצע לעבן זוכן אַזוי די תפיסה־מלבושים אויף דער בריק נעבן בעט?

פאַראַן ביי בערגעלסאָנען אַ דערציילונג: דער עדות — איינער פון אַ מיליאָן. אויך עמיאַט איז אַזאַ עדות. ווידער שרייבט ער לידער, דערציילונגען. די לידער זיינען תפילות ממעקים:

„און דעם שוואַכן, אַ העלף אים, העלף אים, גאָט\
ער זאָל צו אַ מענטש ווידער זיין געגליכן.\
עס האָט אים באַשפּיגן די וועלט, זאָל ער צו דיר\
אויף אַלע פיר כאָטש דערקריכן."

זיינע דערציילונגען — זיינען דערמאָנונגען פון אַמאָל, אַמאָל. זיינע זכרונות — מעמואַרן פון די יאָרן פון לייד און צעבראָכנקייט.

באַלד אין פוילן, ביי דער ערשטער ווידער־באַגעגעניש, שפּעטער אין ראַטשעסטער, האָב איך געזוכט רגעס פּנים אל פּנים מיט עמיאָטן און אין אים חבריש אַריינגערעדט, און דאָס זעלבע שפּעטער אויך אַריינגעשריבן אין דער אָפטער קאָרעספּאָנדענץ: — טוט זיך אָן אַ כוח, טוט זיך אָן אַלע כוחות פון דער וועלט — באַשרייבט מיט דער גרעסטער רו די גרעסטע אומרואיקייטן און צערן, וואָס איר האָט איבערגעלעבט אויסערלעך ווי דורך רעדער איבערגעפאָרן און אינערלעך ווי דורך גראַבליעס אויפגערודערט. געדענקט אַז איר זייט דער עדות — איינער פון אַ מיליאָן. אַז אייך איז גורלדיק באַשערט געוועז צו זיין אויך דער עדות פאַר משה בראָדערזאָנען, מיט וועמען איר זייט געווען צוזאַמען אין לאַגערן — און אים האָט גאָט זיבן טעג נאָך דער פריי, גענומען צו זיך. — — — עמיאָט האָט געזאָגט: איך האָב מיין עדות־זאָגן שוין פאַרשריבן פאַר זיך; דער אמת האָט געפירט מיין האַנט.

# אינהאַלט:


איך פֿאָר קיין בירא־בידזשאַן — 7
די אויפֿלעבונג וואָס איז שנעל צערונען — 11
אין טורמע — 13
דער ערשטער פֿאַרהער — 17
מיין ערשטער „סלעדאָוואַטעל" — 20
דער נ.ק.וו.ד.־סאַטראַפּ אַזירסקי — 24
מיין ערשטער טורמע־שכן — אַ יונגער מאַטראָס — 29
אַ יידישער „איבערזעצער" און יאַפּאַנישע גענעראַלן — 33
די „פֿילאָסאָפֿיע" פֿון אַ סאָוועטישן גנב — 36
וואַלאָדיעס האַרץ... — 38
דער איינציקער באַפֿרייטער פֿון דער טורמע — 41
איך וואַרט אויף מיין פּראָצעס — 45
מיין אורטייל — 48
אויפֿן וועג צום שקלאַפֿן־לאַגער — 51
אין טיישעט — 55
מיט יידישע דאָקטוירים, שרייבער און אַ רב אין דעם לאַגער־שפּיטאָל 16
ווי אַ באַדינער ביים לאַגער־פֿאַריקמאַכער — 64
דער שרייבער בער סלוצקי — 68
מיין ערשטער שקלאַפֿן־לאַגער — 71
אייזיק וויינער פֿון ראָוונע — 74
דער זיבעציק־יאָריקער פּראָפֿעסאָר ס. — 77
נאַצישע „דאָקטוירים" און אַ יידישער קצב פֿון מאָסקווע — 80
איך ווער אַן אייגענער — 83
מיט משה בראָדערזאָן — 88
טיישעט־לאַג — 91
ווען פֿינקע האָט געשפּילט כל־נדרי — 94
די קאָמיסאָווקע — 100
ר' אברהם־חיים און די ספֿרדישע יידן — 103
די יידישע טאָכטער פֿון ריגע — 106
מיט כינעזער — 109
בעתן בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים — 112
די „יידישע בריגאַדע" און דער סוף פֿון די אַנטיסעמיטן — 115

דריי הונדערט פרויען־ארעסטאַנטקעס פון מאַנגאַליע — — — — — 117
ווען סטאַלין איז געשטאָרבן — — — — — — — — — — — — — 120
מיט משה בראָדערזאָן אין „עטאַפּ" — — — — — — — — — — — — 124
דער ייד וורוּנסקי — פון סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט — — — — — 127
דער באַנדיט לאָניע קאָסטאָוו — — — — — — — — — — — — — 130
בעת דעם יום־טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין לאַגער — — 133
ווי אַזוי די לאַגער־וועכטער פלעגן דערשיסן אַרעסטאַנטן — — — — 136
אַ רוסיש האַרץ מיט אַ יידישן קרעכץ... — — — — — — — — — 140
דער לעט פון יידישן אָפּשטאַם — — — — — — — — — — — — 143
„טיכי" — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 147
די נאַרילסקער — — — — — — — — — — — — — — — — 151
אונדזער היימישער בונט — — — — — — — — — — — — — 154
משה בראָדערזאָן שרייבט פאַר אונדז איבער שלום עליכמס „שיר השירים" 157
ווען מיין אומגעבראַכטע מאַמע וואָלט געזען... — — — — — — — 161
ערב דער באַפרייאונג — — — — — — — — — — — — — — — 163
מיין צעשיידונג מיטן דיכטער משה בראָדערזאָן — — — — — — — 167
דאָס רוסישע דאָרף סטעפּאַנאָווקע — — — — — — — — — — — 171
צוריק קיין בירא־בידזשאַן — — — — — — — — — — — — — 174
צווישן יידן אין בירא־בידזשאַן נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער — — 178
מאָסקווע־וואַרשע, אויפן וועג קיין ניו־יאָרק — — — — — — — — 181
מלך ראַוויטש: ישראל עמיאָט (אינטימער פּראָפיל) — — — — — 186
אינהאַלט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 190